STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01984

DER MORGNSHTERN BAYM TSOFN-POLUS

Joel Perel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יואל פערעל

*   *

דער מאָרגנשטערן ביים צפון־פּאָלוס

געהייליקט דעם אָנדענק פון

לוי אשכול ז״ל

נישט צו פארגעסן זיין טיפן זאָרג

פאר די יידן אין סאָוויעטישן קלעם

באמערקונג :

דער אויספאָרשער האָט מיר פאָרגעוואָרפן די „חוצפה״, אז איך זאָל זיך האָבן פארגלייכט מיט סטאלינען, זאָגנדיק, אז „איך האָב ליב מיין ווייב, ווי סטאלין זיינע״...

דאָ, אין ישראל, בין איך זיכער, אז קיינער וועט נישט זען קיין חוצפה אין פארהייליקן מיין בוך דעם ליכטיקן אָנדענק פון פרעמיער מיניסטער לוי אשכול ז״ל.

יואל פערעל

דער מאָרגנשטערן ביים צפון - פּאָלוס

אין 4 טיילן

תשכ״ט — 1969
פאַרלאַג „חבצלת"

Joel Perel

DER MORGNSHTERN BAIM COFN-POLUS

יואל פּערעל / דער מאָרגנשטערן ביים צפון פּאָלוס
שיכון ויצמן 22, הרצליה — ישראל.

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל
Printed in Israel
דפוס „חבצלת", רח' הס, הרצליה, טל. 98 39 01



יואל פערעל נאָך דער באפרייאונג

אין 1955 יאר

אין קלעם

/ אַנשטאָט א פאָרוואָרט /

אין די ד׳ אמות פון מיין טורמע־קאמער, אין וועלכער איך בין געווען פארשלאָסן במשך פון פיר חדשים פון דער אויספאָרשונג, בין איך געווען איינער אליין — אליין מיט די געדאנקען, מיט די געפילן. דער ארעסט, די אויספאָרשונג אין די נעכט, דאָס נישט דערמעגלעכן זיך צו טרעפן מיט מיין ווייב און זון, אפילו מיט אן אדוואָקאט — האָבן מיר ווי איינגעשרומפּן קערפּערלעך און גייסטיק, פארשמעלערט מיין האָריזאָנט פון טראכטן — בלויז וועגן זיך און מיינע נאָענטסטע.

די טעג זענען געווען מיינע, מידע און צעצויגענע און די נעכט דעם אויספאָרשערס ליסענקאָ. נעכט פון פּיין און דערנידערונג, פון הילפלאָזיקייט און גלייכגילטיקייט. דערצו האָט געפירט דער אויפאָרשער דורך צורויבן ביי מיר דעם שלאָף — אן אויסגעפּרוווט ווירקזאם מיטל, מיט וועלכן די צארישע אָכראנקע פלעגט זיך באנוצן. דער באשולדיקטער ווערט פארוואנדלט אין אַ ראָבאָט, א געהאָרכזאמער און נאָכגעביקער.

איר זענט אַ ציוניסט! גרעץ געשיכטע פון יידן, די יידישע ענציקלאָפּעדיע, די ווערק פון די יידישע שרייבער האָט מען ביי אייך געפונען, פאָטאָגראפיעס פון לענינגראד האָט איר געמאכט — זייט איר געווען אַ שפּיאָן!...
זאָל זיין! לטובת וועמען אַ שפּיאָן? פאר וועמען אייך לוינט...

איך האָב געהאָפט, אַז די ריכטער וועלן דעם אמת זוכן און געפונען. איז אָבער דער משפּט ביי פארמאכטע טירן געווען ווי אַ וואָדעוויל מיט אַ פאָרויס באשטימטן סוף

— צען יאָר אויסבעסערונג־ארבעטס לאגער, מיט פארלירן די בירגער־רעכט און קאָנפיסקאציע. מען ווינצלט זיך אויף מיין חשבון: „א קינדער־שטראָף".

אין די ביידע לוקיאנאָווקער טורמעס אין קיעוו, האָב איך באגעגנט טויזנטער אזעלכע „פארברעכער" ווי איך, אן אינטערנאציאָנאל פון פעלקער. אַלע מיטן זעלבן שילדל „פּאָליטישע פארברעכער".

איבער די לאנגע וועגן פון דער טייגא און טונדרע זענען אונדז אנטקעגנגעלאָפן שטעכלדיקע צוימען, באוואָפנטע וואכן אויף טורעמס.

נישט איך איינער, נאָר צענדליקער טויזנטער אזעלכע ווי איך. אוים יחוס!

דער בשותּפותדיקער גורל פארברודערט, פארשטענדלעך, נישט מיט אלעמען און נישט אויף לאנג, נאָר ווער עס ליידט קען נישט זיין גלייכגילטיק צו עמיצנס ליידן.

אָט זענען מיר גאָר שטיין געבליבן אין סטעפּ, הונגעריקע און פאריאושדיקע, נישטאָ פאר וועמען זיך צו קלאָגן. דורשט, הונגער און קעלט. צי דאָס איז דער סוף? איין פונק פון טרייסט טליעט אין די מוחות: נאָך דער פינצטערער נאכט קומט דער טאָג...

דער מחבר

ערשטער טייל:

יעלעצק - די 501 סטראַיקע

אין איבערשיקונגס־לאגער ביים טייך אב

שפעט אין דער נאַכט, ווען אַלע פאַרמשפּטע האָבן זיך אָוועקגעלייגט אויף זייערע געלעגערס און זעלטן ווער ס'איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט פּלוצים די באַן געריררט פון אָרט און געפאָרן ווייטער. די אָפּגעשוואַכטע קערפּערס, וואָס האָבן אַזוי ווייטיקלעך אָפּגעפּילט דעם געזעגענעם תענית, האָבן געפאָדערט רו. נאָר דער שלאָף אַנטלויפט, ווען דער מוח טראַכט, ווען דער מענטש גיט אָפּ אַ דין־וחשבון פון זיין לעבן פאַר זיך אַליין.

איך ליג אויף דער פּאָדלאָגע איינגעטוליעט אין מיין פוטער, אַרום מיר איז היינט שמוציקער, ווי שטענדיק, עס וואַלגערן זיך נישט־דערברענטע האַלאָוועשקעס פון די ברעטער, גאַליקע שפּייעכץ אַרויסגעשפּיגענע פון טרוקענע מיילער. צום שטענדיקן שאַרפן ריח פון שווייס איז אויך צוגעקומען אַ ריח פון צעלייגונג.

אין די מינוטן האָב איך שטאַרקער אָפּגעפילט די עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי מיר און אַ פאַרוואָס. מיט מיין אַנטלויפן פון פּוילן קיין ראַטנפאַרבאַנד האָב איך איינער פון אַלע מיינע ברידער און שוועסטער זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. איצט, האָב איך געטראַכט, מוז איך דערפאַר צו טייער באַצאָלן.

די באַן גייט לאַנגזאַם, לאַנגזאַמער, ווי שטענדיק. קיין שום פייערן שימערירן נישט דורך אונדזערע פענצטערלעך — אַ סימן, אַז קיין לאַגערן און בכלל מענטשלעכע ישובים זענען נישטאָ. אינדרויסן הוליעט זיך פריי דער ווינט איבער די רחבותן פון אַרומיקן סטעפּ. ער בלאָזט אריין דורך די אָפענע פענצטערלעך און דורך די קוימענס פון די אייזערנע אויוועלעך און שפּאַצירט זיך פריי אַרום איבערן וואַגאָן.

סוף כל סוף באַזיגט די מידקייט דעם אויסגעהונגערטן קערפּער. איינער נאָכן אַנדערן שלאָפן אַלע איין. אינעם כראָפּען פון אייניקע כאָפּט זיך אַריין אַ קרעכץ.

אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך קאַיאָר, ווען די טונקלקייט האָט פאַרביטן אַ בלוילעכע שיין, ווען עס האָבן זיך דערהערט דאָס קלאַפּן אין די ווייטער־דיקע וואַגאָנעם, דאָס סקריפּעדיקע רוקן פון די ברייטע טירן און דער געשריי: „וויכאָדי!״ (גיי ארויס!״)

ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אויך אין אונדזער טיר, זענען מיר שוין אַלע געווען אויף די פיס, דאָס ביסל זאַכן, וואָס יעדער האָט פאַרמאָגט, איז געווען פאַרפּאַקט. יעדער איז געוואָרן מונטערער. דאָס אַרויסגיין פונעם וואַגאָן האָט געגעבן אַ האָפענונג אויף ווייטערדיקן לעבן, אויף עקזיסטענץ. אַ כוואַליע פרישע לופט האָט זיך אַריינגעריסן און פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַרום איז נאָך נישט געווען גאָר ליכטיק, דאָך האָבן די אויגן, וואָס האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו פינצטערניש, דערזען פאַר זיך אַ ליכטיקייט. אין ביידע זייטן זענען געשטאַנען זעלנער, אָפּגערוקט אַ פּאָר מעטער איינער פונעם אַנדערן אין פולער קאַמף־גרייטקייט. איינער נאָכן אַנדערן זענען מיר אַדורכגעלאָפן דורכן סטראָי.

„פון וואַנען האָבן זיך פּלוצים גענומען אַזויפיל באַוואָפנטע זעלנער? מיט וועמען זענען זיי געקומען קעמפן?״ — האָב איך געטראַכט. „מיט מענטשן־שאָטנס, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אין וועלכע עס טליען שנאה־פּייערלעך? אפשר האָט מען אויסגעהונגערט אָט די מענטשן אַ גאַנצן מעת לעת, כדי אָפּצושוואַכן זייער ווידערשטאַנד־פעיִקייט?״

מיר גייען אדורך די באַוואָפנטע רייען און באַמערקן זיי אפילו נישט. מיר איילן זיך, מיר ווילן וואָס גיכער זיין אָט דאָרטן, פון וואַנען עס קומט די שיין פון פּראָזשעקטאָר, זאָל שוין זיין אפילו אונטער די הויכע פאַרקאַנטעס מיט די שטעכלדיקע דראָטן. געוויס וועלן מיר דאָרט האָבן וואַסער צו טרינקען און אויך צו דערמונטערן דאָס פאַרחלשטע האַרץ...

מיר שטייען שוין ביים פאַרמאַכטן טויער. מיר שטעלן זיך אויס צו פינף אין איין ריי. צען פולע רייען און נאָך איינער. עס שטימט. עס עפענען זיך די טויערן. מיר שפּאַנען אַריין. ערשט איצט דערזעען מיר פון דער רעכטער זייט אַ טייך, אַ ברייטן טייך, וואָס איז געווען ווי איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל. עס איז נישט קיין טייך, נאָר אַ ים, אַזוי ברייט און לאַנג איז ער, אַז מען זעט נישט קיין ברעג און קיין סוף.

מען פירט אונדז אַריין אין אַ גרעסערער כאַטע, נישט ווייט פון טייך. דאָס דאַרף זיין אַ באָד. אין קאַלטן פּאָדערהויז טוען מיר זיך אויס אינגאַנצן נאַקעט. אין גרעסערן צימער כאַפּט יעדער איינער אַ צינקענע שיסל און שטעלט זיך אין דער ריי, כדי צו באַקומען זיין פּאָרציע הייס וואַסער, איין קליין שעפּעלע — נישט מער. דערצו אַ פּיצל זייף. קאַלט וואַסער אין פּאַראַן אַ סך אין דעמבענע פעסער. מיר טרינקען זיך פריער אָן מיט וואַסער. אַרום איז קאַלט. איצט איז שוין אינעווייניק אויך קאַלט. מיט שנעלע באַוועגונגען וואַשן מיר זיך מיט דער קאַרגער פּאָרציע וואַסער און זייף דעם קאָפּ, אַ ביסל דאָס ברודיקע לייב. ביי דער זייט באַקומט מען גרעלע וועש מיט בענדלעך אָנשטאָט קנעפּלעך. דאָס ברודיקע לאָזט מען איבער.

קיינער טראַכט נישט וועגן פאַרקילן זיך, דאָס געזונט איז נישט וויכטיק, ווען דאָס לעבן איז נישט טייער, כמעט הפקר.

מען טוט זיך שנעל אָן אין די וואַטענע הויזן און פופייקעס. מען כאַפּט די איבערגעבליבענע זאַכן און מען לויפט אין עסצימער. אַ לאַנגער צימער מיט לאַנגע טישן און בענק. מען שטעלט זיך אין דער ריי ביים קיך־פענצטערל. אין צוויי שווערע שיסעלעך פון בליי באַקומט מען הייסע זופּ און אַ שטיקל געפּרעגלטע פיש. דערצו אויך אַ האַלבן קילאָגראַם ברויט. די גיריקע הונגעריקע אויגן שלינגען איין דאָס עסן נאָך איידער מען פאַרזוכט עס. נאָכן תענית וועט אַלץ געוויס זיין גוט און געשמאַק.

אַלע עסן בחפזונדיק, מערסטנס שטייענדיק. מען מוז באַפרייען דאָס אָרט פאַר אַנדערע, וואָס באָדן זיך איצט. די פיש זענען געזאַלצן, נישקשה, וואַסער פעלט דאָ נישט, וועט מען זיך אָנזשלאָקען מיט וואַסער.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר געפינען זיך אין אַן איבערשיקונגס־לאַגער, אין דער „אָבסקאַיאַ גובאַ", אַזוי רופט מען דעם ברייטן טייך. וואָס האָט זיך צעגאָסן אויף לאַנגע קילאָמעטערס. פון דאַנען וועט מען אונדז ערשט צעשיקן אין אַנדערע פאַרשידענע לאַגערן. מיר געפינען זיך אין דער אַזיאַטישער טייל פון ראַטנפאַרבאַנד. די שטימונג איז היינט גאָר אַן אַנדערע, ווי נעכטן. דער עולם איז זאַט, אייניקע האָבן אַפילו באַקומען צו צוויי פּאָרציעס זופּ.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַ תענית־טאָג מוז מען זיין פאָרזיכטיק

מיטן עסן, נישט איבערעסן זיך מיט אַמאָל. דאָס געזאַלצענע שטיקל פיש האָב איך נאָר פאַרזוכט און איבערגעלאָזט אויף שפּעטער. די הייסע הירזשזופּ מיט קאַרטאָפל האָט מיר געשמעקט.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר דערפילט וואָס עס איז אַזוינס אַ לאַגער. ער פאַרנעמט אַ גרויסן שטח. אין אַלע זייטן זענען פאַראַן באַזונדערע געביידעס ווי אין אַ קליין שטעטל. מענטשן באַוועגן זיך פריי, שפּאַצירן אַרום איבער די „גאַסן". אַלע, וואָס אַרבעטן און באַדינען דעם לאַגער זענען אויך אַזעלכע ווי מיר. אין אַ צימערל ביי דער באָד אַרבעט אַ פריזירער, ער שערט אָפּ אַלע מיט אַ מאַשינקע און ראַזירט אָפּ די באָרד. ער נעמט דערפאַר נישט קיין געלט. מען דאַרף נאָר באַצייטנס באַשטעלן אַ ריי, ווייל בעלנים זענען פאַראַן אַ סך.

מען קאָן גיין אין בית שימוש, ווען עס ווילט זיך. דאָס איז אַ לאַנגער קאַמער פון האָלץ. איבער דער גאַנצער לענג פון דער פּאָדלאָגע זענען פאַראַן אַ צענדליק לעכער. די באַשטימטע מענטשן אין לאַגער שעפּן יעדן טאָג אַרויס פון דאָרטן דעם שמוץ און שליידערן עס אַריין אין טייך אַריין.

פאַר אונדזערע, פּאָליטישע, האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַראַק מיט לאַנגע הילצערנע נאַרעס, אַזעלכע ווי עס זענען געווען אין דער איבערשיקונגס־טורמע. עס האָט געקלעקט אָרט פאַר אַלעמען.

אויך דאָ זענען מיר געלעגן אין אַנטון, ענג, איינער ביים צווייטן. אַ סך האָבן זיך אָנגעקויפט אין געוועלבל מאַכאָרקע צום רויכערן, האָט מען געהאַלטן אין איין רויכערן, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ שטיקנדיקן רויך און אַ ריח פון ברענענדיקן צייטונגס־פּאַפּיר, וואָס האָט גענוצט אַנשטאָט פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר. בייטאָג, נאָכן מיטאָג, האָט מען אויסגעפילט פאַר יעדן איינעם אַ גרין קאַרטל מיט איינציקע איינצלהייטן וועגן יעדער פּערזאָן באַזונדער: דעם נאָמען, בילדונג, דעם פּאַראַגראַף, פּאַך א. אַנד.

פון דאַנען האָב איך אָוועקגעשיקט די ערשטע בריוו קיין קיעוו צו מיין ווייב און זון. איך האָב זיי באַרואיקט, אַז איך פיל זיך גוט, כאָטש די רייזע איז געווען אַ שווערע. איך האָב זיי געראָטן נישט צו שרייבן צו מיר, ביז איך וועל זיי שיקן דעם גענויעם אַדרעס.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך צוזאַמען מיט אַנאַטאָליען אַרומגעשפּאַצירט איבערן

לאַגער און געשמועסט. מיר האָבן זיך אויך באַקענט מיט אַן אינזשיניער, אויך אַ פּאַרשיקטן, וואָס געפינט זיך שוין עטלעכע חדשים אין דעם לאַגער. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דער געאָגראַפישער און געאָלאָגישער לאַגע פון דער געגנט. אויף דער צווייטער זייט טייך געפינט זיך די שטאָט סאַלעכאַרט.

כאָטש דער מרחק איז נישט ווייט פון דאַנען, דאָך מוז מען אַהין פליען מיט אַן עראָפּלאַן. קיין בריק איבערן טייך קאָן מען נישט בויען, ווייל דער באָדן איז אַ בלאָטיקער, וואָס באַוועגט זיך. די סלופּעס, האָט ער געזאָגט, וואָלטן געדאַרפט זיין ביז אַכציק מעטער אין דער טיף, כדי צו דערגרייכן דעם האַרטערן באָדן. דאָ פּלאַנירט מען צו מאַכן אַ הענג־בריק אויף קייטן. נאָר אונדזערע טעכנישע מיטלען זענען נישט גענוגנדיק דערצו. זומער פירט מען אריבער פּאַסאַזשירן אין משא־וואַגאָנעס אויף טראָטוועס, געבונדענע פון קלעצער, וואָס האָבן אויף זיך רעלסן. מען ציט זיי מיט קייטן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ווינטער, ווען די טראָטוועס ווערן פאַרפרוירן, שלעפּט מען די וואַגאָנעס איבערן אייז.

אויף ביינאַכט האָט מען אונדז פאַרשלאָסן אין די באַזונדערע קאַמערן, כדי די גנבים און מערדער זאָלן זיך נישט אַריבערכאַפּן צו אונדז. נישט געקוקט דערויף האָבן זיי פון דער שכנותדיקער קאַמער אויפגעריסן ברעטער און אונטער דער ערד אַריבער צו אונדז. אָן שום פּראָטעסט פון אונדזער זייט האָבן זיי צוגענומען אייניקע זאַכן, וואָס האָבן סיי־ווי קיין גרויסן ווערט נישט געהאַט. דערצו האָבן זיי ביז בלוט צעשלאָגן איינעם, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ פאַרקויפטן, אַ „סוקע”.

זיי האָבן אים געקאַפּעט מיט די פיס. ער האָט געשריגן מיט אַן הייזעריק קול, נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, נישט פון די וואָס זענען געווען אין קאַמער, נישט פון דרויסן... דאָ האָט געהערשט די „דזשונגל־רעכט” אין דער פולער מאָס. די וועכטער זענען געשטאַנען ערגעץ ווייט אויף די „ווישקעס”, דער ליכט־סנאָפּ פון די פּראָזשעקטאָרס האָט אַרומגעטאַנצט אין אַ קרייז איבערן לאַגער, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אפילו אויף אַ רגע. קיינעם אינטערעסירט נישט דער גורל פון די, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אונטערן שלאָס אויף הפקר.

יואל פערעל

אין דער טונדרע

אין דעם „איבערשיקונגס־לאַגער“ פון דער „אָבסקאיא גובא“ זענען מיר פאַרבליבן אינגאַנצן דריי טעג. נאָך די צוועלף מעת לעתן וואַנדערן אין די פאַרשפּאַרטע, אָנגעפּראָפּטע וואַגאָנעס, האָבן מיר זיך געפילט דאָ ווי אויף אַ קוראָרט. גאַנצע טעג האָבן מיר ארומגעשפּאַצירט פריי איבערן לאַגער, נאָענט צו די ברעגעס פונעם ברייטן טייך, געאָטעמט מיט דער פייכטער טיף־האַרבסטיקער לופט און געשמועסט צווישן זיך. אין עס־צימער האָט מען דריי מאָל אין טאָג געגעבן עסן צו דער זעט, אין געוועלבל האָט מען געקאָנט קויפן גלעזערנע באַנקעס מיט עפּל־קאָמפּאָט און דער עיקר — מאַכאָרקע צום רויכערן. כמעט אַלע האָבן זיך אָפּגעראַזירט, חוץ עטלעכע יונגע, וואָס זיי איז דווקא געפעלן צו פאַרבלייבן מיט בערד.

דער איבערשיקונגס־לאַגער האָט זיך נאָר פאַרנומען מיט „הכנסת אורחים“. פון דאַנען פלעגט מען די אָנגעקומענע אַוועקשיקן אין צוויי ריכטונגען: איינע האָט געפירט קיין וואָרקוטאַ אויף מערב, די צווייטע צו די לאַגערן פון דער 501 סטראָיקע אויף צפון, אין דער ווייטער טונדרע, אויפן וועג צום צפונדיקן אייז־אָקעאַן.

איינעם, פון אונדזער וואַגאָן, וואָס האָט אָנגעגעבן אין זיין אַנקעטע, אז ער איז פון פאַך אַ פריזירער, האָט מען איבערגעלאָזט אין איבערשיקונגס־לאַגער. דאָס אָנלאָדן די וואַגאָנעס איז פאָרגעקומען פונקט ווי דאָס אויסלאָדן. פונעם לאַגער־טויער ביז די וואַגאָנעס זענען ווייטער געשטאַנען אין צוויי רייען זעלנער אין פולער מלחמה־גרייטקייט. די מעטאַלענע קאַסקעס אויף זייערע קעפּ און די אויטאָמאַטן, וואָס זענען געהאַנגען אויף זייערע ברוסטן האָבן געבלישטשעט אין די שטראַלן פון דער אויפגייענדער האַרבסטיקער זון. די פּנימער פון די זעלנער, וואָס זענען, ווייזט אויס, ספּעציעל אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן פון אַ מיליטערישן לאַגער, זענען געווען ערנסט, שטרענג. אויך פון ביידע זייטן עשאַלאָן זענען זעלנער געשטאַנען גרייט ביי די קוילנוואַרפערס, וועלכע זענען דאָרט איינמאָנטירט געוואָרן אויף די דעכער פון די וואַגאָנעס.

ערשט איצט האָבן זיך באַוויזן אונדזערע אָפּנעמער מיטן יונגן נאַטשאַלניק

בראש. זיי זענען געשטאַנען ביי די וואַגאָנעס און אויסגערופן יעדן איינעם ביים פאַמיליען־נאָמען, יעדער האָט אָנגערופן זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין פאָטער און די סטאַטיי, לויט וועלכער ער איז פאַרמשפּט געוואָרן און אויף וויפל יאָר. ערשט דאַן האָט ער אַרויפגעקלעטערט אין וואַגאָן אַריין. מיר האָבן באַקומען דעם זעלבן וואַגאָן, אַ סימן, אַז עס פעלט אויף יעדער נאַרע דאָס מיטלסטע ברעט, וואָס מיר האָבן פאַרברענט אין דער „בורזשוויקע" אין לעצטן תענית־טאָג.

כאָטש איך רויכער נישט האָב איך דאָך איינגעקויפט עטלעכע פעקלעך מאַכאָרקע. זיי זענען מיר איצט שטאַרק צונוץ געקומען. מיין אָרט האָט באַדאַרפט זיין דאָס אָרט פון דעם פריזירער, וועלכער איז פאַרבליבן אין „איבערשיקונגס־לאַגער". איך האָב אָבער געוואָלט ליגן נאָענט צו אַנאַטאָליין, האָט עס מיר געקאָסט צוויי פעקלעך מאַכאָרקע, דער שכן זיינער זאָל זיך ביטן מיט מיר מיט די ערטער.

איצט האָט שוין מיין פוטער געדינט פאַר אונדזביידע, אַמאָל אַלס אונטערבעט און אַמאָל אַלס איבערדעק.

דער וועג איז געווען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אויף מערב. נאָכמיטאָג צייט האָבן מיר געזען די קייט פון די אוראַלער־בערג. גאָרנישט קיין הויכע בערג, דער משופּע ביי זיי איז באַוואָקסן מיט נידעריקע קאַרג־צעצווייגטע און אויסגעקרומטעביימלעך. קיינער ווייסט נישט געגנט וווהין מען וועט פאַרפירן זיין געביין.

נאָך דער נאַכט האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז די באַן גייט שוין ווידער אויף צפון, איבער דער טונדרע. איך וויל זיך דערמאַנען עפּעס וועגן דער טונדרע נאָך פון דער געאָגראַפיע, וואָס איך האָב געלערנט אין דער מיטל־שול. איך זע פאַר די אויגן אַ בילדל: אַ שליטן, וועלכן עס שלעפן עטלעכע פאַר געשפּאַנטע הינט און דער עסקימאָס, אַנגעפּעלצט אין פוטערס, מיט ברייטע, סקאָסנע אויגן יאָגט זיי און טרייבט איבער בערג און שנייען. באַלד זע איך אַן אַנדער בילד: הויכוווקסיקע הירשן מיט צעצווייגטע הערנער אַנטלויפן אויף זייערע הויכע דאַרע פיס מיט אַ שנעלן געלויף איבער שנייען...

די טונדרע... קורצע זומערס, מיט פאַרגעלבטן מאָך אויף דער איבער־

געפּרווירענער ערד. קיין שום גרינע גראָזן אוןביימער און די ווינטערס זענען לאַנג, מיט שטאַרקע פרעסט און קאַלטע ווינטן. ערגעץ בלאָנדזשעט אַ בער אַ ווייסער, וואָס ניוכעט מיט די נאָזלעכער און זוכט זיין חיונה...

די באַן שלעפּט זיך קוים, קוים. עס באַווייזן זיך אויפסניי לאַגערן מיט פּאַרקאַנעס, הויכע, מיט אָנצאָליקע „וישקעס". ס'ווייזט אויס, אַז אויך דאָ רייניקן די פּאַרשיקטע פון די אַרומיקע לאַגערן אומאויפהערלעך דעם שניי פון די וועגן, כדי אָפּצורייניקן אַ וועג פאַר אונדזער לאָקאָמאָטיוו אויף צפון.

אָט אויף דער איין און איינציקער באַן־ליניע, וועלכע איז דרך אגב אפילו נישט באַצייכנט אויף קיין שום מאַפּע, ווייל ביזן היינטיקן טאָג האָט דאָס אייזנבאַן־מיניסטעריום נישט געוואָלט זי אָפיציעל אָנערקענען, האַלטנדיק, אַז זי איז ווייט נישט קיין פעסט־געבויטע און זיכערע.

וועגן דער ליניע האָט אונדז איין דעם „איבערשיקונגס־לאַגער" דער אינזשינער דערציילט: זי איז זייער לאַנג, ציט זיך כמעט ביזן אייז־אָקעאַן, אפשר ביז „נאָוואַיאַ זעמליאַ", איז געבויט אויף טויזנטער קערפּערס פון די, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט. אין דער אייביק־פאַרפרווירענער ערד האָט מען געמוזט לייגן דעמבענע שפּאַלעס. די ערד האָט מען געמוזט וואַרעמען מיט פייערן, כדי זי זאָל אַביסל אָפּגיין, מען זאָל קאָנען גראָבן. גאָר אָפט פלעגן פאַלן די אויסגעמאָגערטע, שוואַכע אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געקענט אַריבערטראָגן די פיין, דעם נאָגנדיקן פראָסט און שווערע אַרבעט. אַלציינס גראָבט מען שוין דאָס אויסגעוואַרעמטע אָרט פאַר די שפּאַלעס, האָט מען שוין געגראָבן אַביסל טיפער און דאָרט מקבר געווען די טויטע.

„וועגן וואָס טראַכסטו אַזוי פיל?" — פרעגט מיך אַנאַטאָליע — „דו ווערסט גאָרנישט צוטראַכטן, פאָלג מיך און טראַכט ווייניקער וועגן דעם, וועט די'ר גרינגער זיין. מיר האָבן געהאַט דריי גוטע טעג. אַ דאַנק פאַר דעם! דאָס גוטע קומט אומגעריכט! אָט טראַכט איך וועגן מיין טעכטערל, מירעלע, זי האָט אָנגעהויבן זיך צו לערנען אין ערשטן קלאַס. זי קען שוין זיכער דעם גאַנצן אלף־בית. זי איז ביי מיר אַ פּאָעטין, מירעלע. אָט, הער בעסער, איין לידעלע אירס, וואָס זי דערציילט געוויס איר קליינעם ברודערל:

„דער טאַטע וועט שוין גאָר גיך צו אונדז קומען.
מען האָט דאָך אים אומזיסט פאַרנומען..."

— אמת, אַ שיין לידעלע, ווי מיינסטו? דו ביסט דאָך געווען אַמאָל אַ פּאָעט, דאַרפסטו זיין אַ מבין.

— אויסערגעוויינלעך שיין, — טרייסט איך אַגאַטאָלין. אַ קינד איז ווי אַ נביא, אַ ריינע און זויבערע נשמה, דאָס הערצעלע פּילט...

אין יעלעצק

קרעכצנדיק און פויזנדיק האָט אונדז דער לאָקאָמאָטיוו פאַרשלעפּט אַזש קיין יעלעצק. אייניקע וואַגאָנעס, אין וועלכע עס זענען געפאָרן נישט קיין פּאָליטישע פאַרברעכערס, זענען נאָך אויסגליידיקט זוואָרן פריער, צעוואָרפנ־דיק באַזונדערע גרופּן איבער די לאַגערן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין וועג. די, וואָס זענען געפאָרן אין אונדזער וואַגאָן, די פּאָליטישע, האָט מען געהייסן זיך אויסלאָדן אין יעלעצק.

דאָ האָבן אונדז אויפגענומען ווייניקער זעלנער און נישט אַזוי קעמפעריש געשטימט ווי אין דעם איבערשיקונגס־לאַגער אין „אָבסקאַיאַ גובאַ״. ס׳ווייזט אויס, אַז זיי האַלטן די „פּאָליטישע״ פאַר מער דיסציפּלינירטע.

איידער מען האָט אונדז אַריינגעפירט דורך די ברייטע טויערן אין לאַגער, האָט מען יעדן איינעם אויסגעטאַפּט אַרום און אַרום, אַריינגעקוקט אין די זעקלעך. דערנאָך געהייסן זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי, לויט די גרינע קאַרטלעך, וואָס זענען אויסגעפולט געוואָרן אין דעם איבערשיקונגס־לאַגער, האָט מען יעדן איינעם אויסגערופן ביים פאַמיליע נאָמען, יענער האָט אָנגערופן דעם נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען, זיין עלטער, סטאַטיי און אויף וויפל יאָר ער איז פאַרמשפּט. דאַן האָט מען אים אָפּגעשיקט אין אַ זייט. ביז די צערעמאָניע איז פאַרענדיקט געוואָרן זענען מיר געשטאַנען, געקאָפּעט מיט די פאַרפרוירענע פיס און געוואַרט מיט אומגעדולד ביזן סוף. די צאָל האָט דאָסמאָל פּינקטלעך געשטימט.

די ברייטע טויערן האָבן זיך צעעפנט און מיר זענען מיט שנעלע טריט אַריין אינעווייניק, אין לאַגער.

כאָטש הינטער אונדז האָט מען פאַרמאַכט די טויערן און אַרום און אַרום האָט זיך געצויגן דער פאַרקן פון שטעכלדיקע דראָטן; כאָטש אויף די „ווישקעס״, וואָס זענען אָ סך העכער פון פאַרקן, האָבן געוואַכט טאָג און נאַכט באַוואָפנטע זעלנער — דאָך האָבן מיר זיך אינעווייניק געפילט אַ סך פרייער ווי פריער אין די פאַרשלאָסענע טורמעס, אָדער אין די וואַגאָנעס.

די רייען האָבן זיך באַלד צעשיט. די לאַגערניקעס האָבן זיך שוין אומגעקערט פון דער אַרבעט, זענען זיי אַרויס אונדז מקבל פנים זיין. אייניקע האָבן אויסגערופן די נעמען פון זייערע ווױן־ערטער און זיך נאָכגעפרעגט, צי איז נישט פאַראַן עמעצער פון יענע מקומות. אויב ער האָט געפונען, האָט ער אים באַלד אַוועקגעצויגן אין אַ זייט, גוטברודעריש, כדי צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס.

ס׳איז געווען די צייט פון אָונט־ברויט. מיר האָבן אַוועקגעלייגט אונדזערע זאַכן אין אַ באַראַק און געגאַנגען עסן. יעדערער האָט פאַרנומען אַן אָרט אַרום די לאַנגע טישן. די אָרדנטלעכע דיזשורנעס האָבן דערלאַנגט אַ גרויסע וואַזע מיט הייסע זופּ. יעדער האָט באַקומען אין זיין טיף מעטאַלן שיסעלע אַ פולן לעפל זופּ. אויב עס איז פאַרבליבן האָט מען געקענט נעמען אַ צוגאָב־פּאָרציע. דערנאָך האָט מען געבראַכט פיש. קוים קוים צוגעפרעגלטע. הייס וואַסער צום טרינקען, „קיפּיאַטאָק״, האָט מען געקענט אַליין זיך נעמען אין די בלעכענע פעסלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אויף עטלעכע ערטער.

דער עס־צימער איז גרויס, די באַדינער בלויז פאַרמשפּטע. די באַלויכטונג גאָר אַ שוואַכע. די פּאַדלאָגעס זענען געגנוג שמוציק, אויף אייניקע ערטער איז בלאָטיק פון דעם צעגאַנגענעם שניי, וואָס יעדערער טראָגט מיט זיך אַריין.

איך האָב באַצייטנס פאַרענדיקט דעם אָונט־ברויט, דערפאַר האָב איך אין באַראַק פאַרכאַפּט אַן אָרט פון אונטן ביי דער וואַנט און נעבן מיר — אַנאַטאָלי. דאָס האָט אונדזביידע געפרייט. אין לאַנגן איינשטאָקיקן באַראַק זענען געשטאַנען אייזערנע בעטלעך, איינע אויף די אַנדערע. פאַר יעדן איז געלעגן אַ זאַק מיט שטרוי, אַ ליילעך, אַ קישעלע מיט אַ ציכל און אַ גראָבע דעק. צוויי אויוונס האָט מען אַ גאַנצן טאָג געהייצט, דאָך איז אין

באַראַק געווען וואַרעם, ווען ער איז געווען פול מיט מענטשן. געוואַשן האָט מען זיך לויט דער ריי אין אַ קלענערן פּאָדערהויז.

אַזעלכע באַראַקן זענען געווען אַ סך. ס׳איז נישט געווען קיין גרויסער לאַגער, דאָך האָבן זיך אין אים געפונען ביז טויזנט מענטשן. דער לאַגער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליין שטעטעלע, אָן פרויען און קינדער, איינטאָניק, גרוי. דער שמייכל איז דאָ אַ זעלטענער גאַסט אויף די אויסגע־מאַטערטע פּנימער. דאָס לעבן איז אַן אָפּקומעניש. די מענטשן, מיט וועלכע דו שלאָפסט אין איין צימער, מיט וועלכע דו עסט כמעט פון איין שיסל, זענען דיר פרעמד און אָפטמאָל אפילו דערווידער. אויב דיר געלינגט אין דער אַרומיקער מאַסע צו געפינען כאָטש איינעם, וואָס קען דיר זיין אַ חבר, וועמען דו קענסט פאַרטרויען דיינע חלומות, פאַר וועמען דו קענסט איבער־לייענען די בריוו, וועלכע דו באַקומסט פון דער היים — ביסטו אַ גליקלעכער מענטש. כאָטש אַנאַטאָלי איז געווען יינגער פון מיר, דאָך האָב איך אין אים פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט געזען אַ חבר, א פריינט. שטענדיק האָבן מיר געהאַט וועגן וואָס צו שמועסן.

די ערשטע ארבעט

עטלעכע שטאַרקע קלעפּ אין אַ שטאָלענעם רעלס האָבן אָפּגעהילכט אין דער אַרומיקער שטילקייט און נאָך איידער עס האָט זיך אומגעקערט דער פּולער באַוווסטזיין, זענען שוין אַלע געווען אויף די פיס. נאָך איידער כ׳האָב פאַרבעט מיין בעט, בין איך שוין געלאָפן אין וואַש־צימער פאַרכאַפּן אַ ריי צום וואַשן זיך. די קעסעלעך זענען שוין געווען אָנגעפילט מיט וואַסער, די פּאָדלאָגע אויסגעווישט טרוקן. דאָס אַלץ האָט געטאָן דער שטענדיקער דיזשורנער, אַן עלטערער מענטש פון אַ יאָר זעכציק, זיין פּנים איז געווען בלאַס, מיט אָנצאָליקע קנייטשן און אויסגעלאָשענע אויגן. ער האָט געליטן פון צו הויכן בלוטדרוק. מען האָט אים שוין געוואָלט צוליב דעם אַריבערפירן אין אַן אַנדערן לאַגער, נענטער צו דרום, האָט ער זיך אָפּגעבעטן: צו וואָס

דאָס פירן? דאָ האָט ער לייכטע אַרבעט, געגוג עסן, סיי ווי וועט ער אינגיכן שטאַרבן. צו וואָס־זשע דאַרף מען אים אַרומפירן... ער איז פאַרבליבן.

אין די לאַגערן פון דער „501 סטראַיקע" פלעגן זיך אָפט בייטן די קאָנטי־גענטן פון די אַרעסטאַנטן. נאָך עטלעכע חדשים פלעגן כמעט אַלע באַקומען אַ הויכן בלוט־דרוק, ווייל אין דער אַרומיקער לופט פעלט אויס אַ געוויסער פראָצענט זויער־שטאָף, און וועלכן דאָס בלוט נויטיקט זיך. דעריבער אַרבעט דאָס האַרץ שטאַרקער, כדי אַריינצואָטעמען אַ גרעסערע צאָל לופט. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דער בלוט־דרוק הויבט זיך אויף און דערגרייכט 130—250, אַנשטאָט 80—120.

דער אַלטיטשקער דיזשורנער היט אָפּ די זאַכן אין באַראַק, ווען אַלע גייען אַוועק צו דער אַרבעט, רוימט אויף, הייצט איין די אויוונס און גרייט צו וואַסער. ער איז אַזוי צוגעוווינט צום לעבן אין די לאַגערן, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען זיין לעבן, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַן אַרעסטאַנט. ער ציטערט פאַר אַן ענדערונג אין זיין לעבן. קיין קרובים האָט ער נישט און אויב אפילו זיי זענען ערגעץ פאַראַן, ווייסן זיי נישט פון אים און ער נישט פון זיי.

חוץ דעם אַלטיטשקן האָט פאַרנומען אַ בעט אין אונדזער באַראַק נאָך איינער, וואָס איז נישט געווען פון די פריש־אָנגעקומענע. ניקיטאַ האָט מען אים גערופן. ער אַליין האָט אין דעם ערשטן פרימאָרגן געמאָלדן, אַז ער איז אונדזער בריגאַדיר. ער האָט אויסגעזען יונג, ער איז נישט עלטער געווען פון 45 יאָר, אַ מיטל־וווּקסיקער, ווייט נישט קיין דאַרער, אין די וואַטענע מלבושים האָט ער אפילו אויסגעזען דיק. ער האָט זיך פאַרלאָזט וואָנסן, אַ לאַ שעווטשענקאָ, האָט זיי ביי יעדער געלעגנהייט געדרייט אויף אַראָפּ. די אויגן זענען געווען קליינע ווי ביי א קאַץ, אויף יעדן האָבן זיי געקוקט מיט חשד. ער האָט זיכער פיינט געהאַט יידן, ווייל בשעת דער היטלערישער אָקופּאַציע איז ער געווען אַ סטאַראָסטע אין דאָרף. דאָ, אין יעלעצקער לאַגער, איז ער שוין כמעט אַ יאָר, דאָך פילט ער זיך גוט און קלאָגט זיך נישט אויף גאָרנישט. געפרישטיקט האָבן מיר צוזאַמען מיט אונדזער גאַנצער בריגאַדע ביי צוויי גרויסע טישן אין עס־צימער. פּונקט אַזאַ מין זופּ פון הירזש, ווי נעכטן ביים אָוונט־ברויט און צו האַלבע געזאַלצענע הערינג.

צום פרישטיק האָט מען יעדן געטיילט אַזעלכע קאָלירטע צוקערלעך, צו צוויי שטיק, זיי האָבן זיי גערופן „וויטאַמין צ״. פּאַרטרונקען האָבן מיר מיט הייס און קאַלט וואַסער.

נאָכן פרישטיק האָט מען אַלעמען אַרויסגעגעבן לאַנגע בושלאַטן, געשטעפּטע אויף וואַטע. דאָס איז אייגנטלעך אויך געווען אַזאַ „פופייקע״, נאָר לענגער ביז איבער די קניען, דערצו איז ער אויך גענוג ברייט געווען, כדי ער זאָל אַרויפגיין סיי אויף דער פופייקע, סיי אויף די וואַטענע הויזן.

ביים טויער האָבן מיר אויך באַקומען ברייטע אייזערנע שופלעס מיט הויכע שטעקנס, אייניקע האָבן באַקומען אייזערנע לאָמען און „קירקעס״ — אַזעלכע העק, וואָס פאַרמאָגן שפּיצן איןביידע זייטן.

אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ שורה, איבערגעציילט און אַרויסגעלאָזט אונדז פון לאַגער דורכן טויער. דאָ זענען מיר איבערגעגעבן געוואָרן לויט דער צאָל דעם מיליטערישן קאָנוואָי, סאָלדאַטן מיט אויטאָמאַטן, אייניקע האָבן נאָך געפירט אויף אַ לענגערע קייט גרויסע אָנגעפּרעסענע שפּיר־הינט, מיט שפּיציקע מאָרדעס, ברייטע נאַזלעכער און פעסטע קערפּערס אויף הויכע דאַרע פיס.

איינער פון די סאָלדאַטן, האָט איבערגעלייענט אויף אַ קול ווי אַ מזמור: „איר זענט אַריבערגעגאַנגען אין רשות פון מיליטערישן קאָנוואָי. נישט רעדן צווישן זיך, נישט רויכערן, נישט אַרויסגיין פון דער ריי. פאַר עובר זיין אויף די אויסגערעכנטע כללים, וועט באַנוצט ווערן דאָס הייסע געווער״.

— פאַרשטאַנען? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— פאַרשטאַנען, — האָבן אייניקע געענטפערט.

— איצט מאַרש...

פון פאָרנט האָט געשפּאַנט איינער פון די זעלנער און ביי די זייטן עטלעכע. אָט די מיט די הינט זענען געגאַנגען פון דערוווייטנס, שפּרייזנדיק אין די טיפע שנייען. מיר זענען געגאַנגען אויף דעם אויגעטראָטענעם וועג.

אין דרויסן איז געווען שטיל, ס׳האָט קיין ווינטל נישט געבלאָזן. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די שפּאַנענדיקע פיס. מען איז געגאַנגען פּאַמעלעך, נישט געאײַלט זיך. אַרום האָט געבלענדט פאַר די אויגן דער ווייסער שניי. זעלטן ווו מען האָט געזען פון דער ווייטנס ערגעץ אַ כאַטע.

מיר זענען געגאַנגען ביי דער זייט פון דער באַן־ליניע, דורך וועלכער מיר זענען פריער מיט אַ טאָג געפאָרן. צוזאַמען מיט אונדז אין דער ריי איז געגאַנגען אונדזער בריגאַדיר ניקיטאַ.

ווי מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט פון אונדזער אַרבעט, האָבן די זעלנער, מיט דער הילף פון אונדזער בריגאַדיר, אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד אַרום און אַרום אַ צענדליק הילצערנע ברעטלעך, אויף וועלכע ס׳איז געווען אָנגעשריבן „פאַרווערטע זאָנע״. אין אלע ווינקלען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די באַוואָפנטע היטערס. די וועכטער מיט די הינט אויף די קייטן האָבן אַרומשפּאַצירט ווייטער אויסער דער „פאַרווערטער זאָנע״.

דאָ האָט דער עלצטער געמאָלדן, אַז ווען עמעץ וועט אַריבערגיין דעם קרייז וואָס איז באַצייכנט אַלס „פאַרווערטע זאָנע״, וועט ער דערשאָסן ווערן... אפילו די באַדערפעניש קען מען דערליידיקן נאָר אין שטח פון דער זאָנע. מיר האָבן באַמערקט אַ באַרג מיט שניי. אייגנטלעך איז דער שניי גאָר געלעגן פון אויבן, אונטער דעם שניי איז געווען אַ באַרג פון פאַרשיי־דענעם מעטאַל־ברוך: שטיקער אייזן, צעבראָכענע עמערס, צעבראָכענע רעדער — מערסטנס פול מיט זשאַווער, אָט דעם מעטאַל־ברוך האָבן מיר באַדאַרפט ארויפלייגן אויף אַן אָפענער פלאַטפאָרמע, וועלכע מען וועט ערשט צופירן. דערווייל האָבן מיר געדאַרפט אָפּרייניקן דעם שניי פון די שינעס, כדי דער לאָקאָמאָטיוו זאָל קענען צופירן די וואַגאָנעס.

אין צוויי שעה אַרום זענען שוין געשטאַנען צוויי אָפענע פלאַטפאָרמעס און מיר האָבן, מערסטנס מיט די הענט, אַרויפגעשליידערט אַלץ אויף דער פלאַטפאָרמע. דאָס פאַרזשאַווערטע אייזן האָט געשטאָכן אין די פינגער ווי מיט שאַרפע שטעכלקעס. פון אָנהויב האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אַרבעט איז נישט שווער. קיינער האָט נישט געטריבן, נאָר דאָך האָט מען נישט געקענט שטיין אָן אַרבעט, בשעת אַנדערע שלעפּן, וואַרפן און לאָדן אויף דער פלאַטפאָרמע. ערשט ווען דער בריגאַדיר האָט געמאָלדן אַן איבערייס, אַ „פערעקור״, האָב איך ערשט דערפילט, ווי ס׳ברענט דער רוקן, די צעשטאָכענע פינגער ווייטיקן, נאָר אַרויסווייזן פאַר קיינעם אַ שוואַכקייט וועל איך נישט. נאָר דאָס פעלט מיר, מען זאָל אָפּחוזקן פון מיר, פון דעם יידנס „דעליקאַטע הענט״...

יעדן ציט צו זיינעם

דריי טעג האָט געדויערט ביז דער גאַנצער באַרג מעטאַל־ברוך און נאָך אַזאַ באַרג, וואָס האָט זיך געפונען נעבנטער צו דעפּאָ, איז געוועזן אָנגעלאָדן אויף זעקס פּלאַטפאָרמעס. דערווייל האָבן מיר די פולע פּלאַטפאָרמעס אָפּ־געשטופּט מיט די הענט אין אַ זייט. ערשט ווען די גאַנצע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן און מיר האָבן אַפּגערייניקט אַ היפּשן מהלך פון דער אייזנבאַן־ליניע פון שניי, איז צוגעפאָרן אַ לאָקאָמאָטיוו און פאַרנומען אַלע זעקס פּלאַטפאָרמעס מיטאַמאָל.

אויפן צווייטן טאָג איז שוין אַ סך לייכטער געווען די אַרבעט, ווייל מיר האָבן שוין באַקומען הענטשקעס פון גראָבער לייוונט מיט איין פינגער. מען האָט שוין ווייניקער אָפּגעפּילט די קעלט און דאָס שטעכן פונעם פאַר־פרוירענעם אייזן. דער בריגאַדיר אונדזערער ניקיטאַ פלעגט אָפּטער איינאָרדענען די איבעררייסן, דעם „פּערעקור". עס זענען אָנגעצונדן געוואָרן עטלעכע פייערן, אַרום וועלכע מען פלעגט זיך אַוועקזעצן, רויכערן און דערציילן מעשיות. צום מיטאָג האָט מען אונדז געפירט צוריק אין לאַגער אַריין. ביים אַריינגאַנג האָט מען דורכגעפירט דעם „שמאָן" — באַטאַפּן און באַזוכן יעדן באַזונדער, איבערציילן און איבערגעבן אונדז דער אינערלעכער וואַך אין לאַגער. נאָכמיטאָג האָט זיך דאָס איבערגעחזרט. אויף די אַלע פּראָצעדורן און אויף דעם וועג איז אַריבער אַ דריטל פון דער אַרבעטס־צייט. ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען דער אָוונט, האָט מען זיך שוין געקליבן „אַהיים", אין לאַגער אַריין. די מיליטערישע וועכטער אונדזערע האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין פּראָצעס פון דער אַרבעט. זיי האָבן זיך מער געלאַנגווייליקט פון אונדז, ווייל זיי זענען געשטאַנען אויף איין אָרט. זיי איז געווען קאַלט אַפילו אין זייערע פעלצן און וואַלענקעס, פלעגן זיי טאַקע האַלטן אין איין אונטערטאַנצן און קלאַפּן מיט די הענט. זיי פלעגן זיך אָבער בייטן: אַ טייל האָט געהיט אונדז פאַרמיטאָג און דער צווייטער טייל נאָכמיטאָג.

דער בריגאַדיר האָט געזאָגט, אַז פאַר דער אָפּגעטוענער אַרבעט וועט באַצאָלט ווערן. ס'איז געווען סוף אָקטאָבער, קיין נאַריאַד האָט ער נישט

באַקומען, וויפל קאָן בכלל אויסקומען אויף יעדן איינעם, ווען אַ בריגאַדע פון אַרום פופציק אַרבעטער האָט אָנגעלאָדן זעקס פּלאַטפאָרמעס במשך פון דריי טעג ?

נאָכן אָונטערבראַזט איז צו אונדז אַריינגעקומען אין באַראַק אַריין איינער פון דער נאַטשאַלסטווע, אַ יונגער לייטענאַנט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אָנפירער פון דער פּאָליט־מאַסן־אַרבעט אין לאַגער. ער האָט געטראָגן אַ מיליטערישן אוניפאָרם, אַ שינעל מיט בלישטשענדיקע קנעפּ, זילבערנע פּאַגאָנעס מיט צוויי פּאַסיקלעך און גלאַנציקע שוואַרצע שטיוול. ער האָט דערציילט וועגן דער פּאָליטישער מאַסן־אַרבעט, וואָס ווערט אַדורכגעפירט אין די לאַגערן פון דער 501 סטראָיקע אין זאַפּאָלאַריע. כמעט יעדע וואָך ווייזט מען פילמען, איין מאָל אין חודש קומט צופאָרן דער אָרקעסטער און דראַמקרייז אין לאַגער אַריין פון צענטער. אויב ס'זענען צווישן אונדז פאַראַן אַזעלכע פעיקע מוזיקאַנטן אָדער אַרטיסטן, קען ער זיי רעקאָמענדירן אין צענטראַלן אָרקעסטער, אָדער דראַמאַטישן קרייז. יעדע וואָך באַקומען מיר אַ ספּעציעלע לאַגער־צייטונג „אַרבעט־ביולעטין". אויך ביי אונדז אין לאַגער איז פאַראַן אַ קלוב, אין וועלכן מען קען לייענען צייטונגען, שפּילן אין דאַמקע, שאַכמאַט.ביים קלוב אַרבעט צוויי מאָל אין דער וואָך אַ ביבליאָטעק, ווו מען גיט אַרויס ביכער צום לייענען, אָן שום אָפּצאָל.

ער האָט פאַרענדיקט זיין אינפאָרמאַציע מיט אַ פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער קולטור־אַרבעט אין לאַגער, יעדער זאָל ווידמען זיין פרייע צייט אויף זעלבסט־בילדונג און אויף קולטורעלע פאַרוויילונגען.

— צווישן אייך — האָט ער געזאָגט — זענען פאַראַן מענטשן מיט בילדונג, לערער, סטודענטן. אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער ווערט ביי אונדז אין לאַגער פאָרקומען דער צוזאַמענפאָר פון די „סטאַכאַנאָוצעס", פון דער גאַנצער 501־טער סטראָיקע. זיי וועלן דאָ פאָרשטעלן זייערע דערגרייכונגען אין דער אַרבעט בכלל און אין דער קולטור־אַרבעט בפרט. זאָל אויך יעדערער פון אייך, וואָס קען עפּעס ווידמען, לויט זיינע פעיקייטן, זיך ווענדן צו מיר. איך נעם אויף אין דער ביבליאָטעק יעדן דינסטיק און דאָנערשטיק פון 6 ביז 8 אין אָוונט.

ער, דער יונגער פּאָליטרוק, האָט געמאַכט גאָר נישט קיין שלעכטן

איינדרוק, די רעדע זיינע, וואָס ער פּלעגט, ווייזט אויס, איבערחזרן אין יעדן באַראַק, ווען ס'זענען אָנגעקומען פרישע, איז געווען אַ פּשוטע. ער האָט ווייניק געפּריידיקט מאָראַל. און כאָטש מיר זענען געווען מיד און שלעפעריק, האָבן מיר אים אויסגעהערט מיט אינטערעס. פאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע, נאָר די מער פאַרשטענדלעכע.

צומאָרגנס בין איך אַריינגעקומען צו אים אין דער קאַנצעלאַריע. ער האָט מיך געבעטן זיך זעצן. איצט האָט ער געטראָגן ברילן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַלס לערער מיט העכערער בילדונג. אין שול, אין וועלכער איך האָב געאַרבעט, האָב איך במשך פון עטלעכע יאָר רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן אַ טאָג־טעגלעכע וואַנט־צייטונג און איך בין גרייט דאָ אויך עפּעס טאָן אויף דעם געביט.

— אַ טעגלעכע צייטונג ? — האָט ער איבערגעחזרט. ס'איז נישט פון די גרינגע זאַכן. אפילו אין סעליכאַרד גיבן זיי אַרויס דאָס בלעטל נאָר איין מאָל אין וואָך. דערביי האָט ער מיר איבערגעגעבן אין דער האַנט אַ געדרוקט בלעטל אין אַ קליינעם פאָרמאַט, נאָר אויף צוויי זייטן. איך האָב באַטראַכט דאָס בלעטל און אַ זאָג געטאָן :

— איך אַליין וואָלט געקענט יעדע וואָך אַרויסגעבן אַזאַ בלעטל. מיר וואָלט מען נאָר באַדאַרפט צושטעלן אַ ביסל סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, עטלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון די בעסערע אַרבעטער, דאָס רעשט וועל איך שוין אַליין געפינען — האָב איך געזאָגט. איך בין אַריין אין מיין ראָל. איך האָב דערביי גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין אין לאַגער, פאַרשיקט אַלס פּאָליטישער פאַרברעכער. ווען איך האָב זיך אין דעם אַלעם דערמאָנט, בין איך שוין געווען דער ביבליאָטעקאַר, דער דיזשורנער אין קלוב און דער אַרויסגעבער פון דער וועכנטלעכער וואַנט־צייטונג אין לאַגער.

איך האָב באַקומען דעם שליסל פון קלוב. עס זענען דאָרט געשטאַנען צוויי סאָפעס, האָב איך באַשלאָסן אויף איינער פון זיי צו שלאָפן. אין גרויסן זאַל פון קלוב זענען געשטאַנען אין דער מיט צוויי אויוונס, וועלכע כ'האָב געדאַרפט אַליין הייצן, אַליין אַריינטראָגן קוילן און האָלץ, אַ צוויי מאָל אין דער וואָך האָב איך געמוזט וואַשן די פּאָדלאָגע. וואַשן! בלויז אין די לאַגערן וואַשט מען די פּאָדלאָגעס אַזוי : אויסגעגאָסן אַ פּאָר העמער קאַלטע

וואַסער און מיט אַ שוואַברע פון גומע טרייבט מען די שמוציקע וואַסער אין אַ ווינקל, ווו ס'נעמט זיך אַרויס אַ ברעט. אַלץ גייט אַרונטער דער פּאָדלאָגע. איז דעריבער אין אַרום אַזאַ טוכלעדיקער ריח פון אָפּגעשטאַנענער בלאָטע. צוליב דעם כאַפּט זיך אויך דער „גריב" אַריין אין די ווענט, און מאַכט חרוב די געביידעס.

צוויי מאָל אין דער וואָך, פון 6—8 אין אָוונט, פלעג איך אַרויסגעבן ביכער פון דער ביבליאָטעק און אויך צוגרייטן די וואַנט־צייטונג. ס'איז געווען פאַר ערב יום־טוב, פאַרן טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיר איז געגאַנגען אין לעבן, אַז פאַר יום־טוב זאָל אַרויסגעהאָנגען ווערן אין קלוב די ערשטע צייטונג.

מיין נאַטשאַלניק האָט מיר צוגעשטעלט גענוג סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, אויף וויפל פּראָצענטער יעדע בריגאַדע האָט אויסגעפילט אירע פאַרפליכטונגען לכבוד דעם גרויסן יום־טוב. ער האָט אויך אָנגעגעבן נעמען פון עטלעכע ספּעציאַליסטן — בוי־אַרבעטער, אויך פון איינעם אַ יונגן שלאָסער־אַרבעטער פון דעפּאָ. איך האָב געבעטן שיקן זיי צו מיר אויף אַ שמועס. די צענטראַלע צייטונג „פּראַוודאַ" פלעגן מיר באַקומען מיט פאַר־שפּעטיקונג, דאָך פלעג איך זיי צונויפנייען. גאַנצע יאָרן־אויסגאַבן פון „פּראַוודאַ" זענען געווען צונויפגעבייט אין דער ביבליאָטעק. איצט בין איך געווען פאַרנומען און נישט געהאַט קיין צייט צו לייענען.

דאָס לייט־אַרטיקל האָב איך געגעבן וועגן יום־טוב קורץ, וועגן דעם האָב איך געבעטן דעם לייטענאַנט אָנשרייבן אַליין. ער האָט זיך געהייסן געבן די „פּראַוודאַ" פון פאַראַיאָרן און אויסגעשריבן גאַנצע זאַצן פונעם לייט־אַרטיקל. איך האָב זיך נאָר פאַרנומען מיט שרייבן וועגן די „סטאַכאַנאָווצעס", וועגן די סטאַטיסטישע ציפערן, וועגן אויספירן די אַרבעטס־פּלענער. כדי צו פאַרפילן דעם ערשטן יום־טובדיקן נומער און כדי אים מאַכן שענער, האָב איך אַליין אָנגעשריבן אַ ליד אין פערזן: „דער יום־טוב איז אומעטום".

דער מערדער

גרויס איז געווען די קנאה און צוליב דעם אויך די שנאה צו מיר. איינ͏יקע האָבן זי געהאַלטן אין זיך און אַזעלכע ווי פּיליפּ, דער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסט, האָבן עס אַרויסגעזאָגט בקול רם:

— ווי זיי אָרדענען זיך אַזוי שנעל איין, די יידעלעך! אוודאי איז לייכטער מיט דער פּען, ווי מיטן לאָם!

— וווּ ביזטו געווען, פּיליפּ, ווען דער פּאָליטרוק איז געווען ביי אונדז? ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז דו ביזט אַן אוקראַיִנישער סטודענט, וואָלט ער דיך גענומען — האָט זיך אַנאַטאָלי געריי͏צט מיט אים.

— איך האָב אין קיעוו גערעדט און געשריבן נאָר אויף אוקראַיִניש, זאָל איך פּאַר אים דאָ שרייבן רוסיש. טפוי! איך ווונטש דאָס גרויסע גליק מאַרקאָוויטשן — האָט פּיליפּ געענטפערט. צוליב אַזעלכע רייד, וועלכע פלעגן זיך איבערחזרן כמעט יעדן אָוונט, נאָכדעם ווען די בריגאַדע איז געקומען פון דער שווערער אַרבעט, האָב איך באַשלאָסן וואָס שנעלער אַריבערצוגיין שלאָפן אין קלוב אַריין. ביי טאָג, ווען איך האָב געהייצט איןביידע אויוונס, איז געווען וואַרעם, אָבער ביינאַכט האָב איך זיך געמוזט צודעקן מיט צוויי קאָלדרעס און מיט מיין פוטער, ווייל אין גרויסן זאַל האָט די ווינטערדיקע קעלט אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פריי.

צו מיין ווייב און זון האָב איך געשיקט פונדאַנען דעם ערשטן בריוו מיט דער גוטער בשורה: „איך בין דאָ דער ביבליאָטעקאַר און העלף אַרויסגעבן די וואַנט־צייטונג”. וועגן דעם, אַז מיר קומט אויס צו הייצן די אויוונס און וואַשן די פּאָדלאָגעס, האָב איך פאַרשוויגן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. איך האָב געבעטן שיקן האָניק און אויך ציבעלעס מיט קנאָבל, צוגעבנדיק, אַז יעדע ציבעלע און קנאָבל מוז מען גוט פאַרפּאַקן אין וואַטע און פּאַפּיר, זיי זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן.

במשך פונעם טאָג פלעגן זיך צו מיר אַריינכאַפּן איינצלנע פאַרשוויגנע, פון די, וועלכע זענען געווען דיזשורנעס אין די באַראַקן. ווי נאָר ער האָט אויפגערוימט זיין באַראַק, אַריינגעבראַכט וואַסער און איינגעהייצט די אויוונס, איז ער שוין געווען פריי. אַמאָל פלעגן זיי אַריינקומען אין צווייען

צו שפּילן אין „דאַמקע״, אַמאָל איינער אַליין, פּונקט אין דער צייט, ווען איך האָב געוואַשן די פּאָדלאָגע. ער האָט מיר נישט געשטערט אין מיין אַרבעט, נאָר צוגעהאָלפן רייבן מיט דער שוואַברע. ער האָט געהאַט אַ מיין דערביי: איך וועל וואָס שנעלער ענדיקן מיין אַרבעט, דאַן וועל איך פאַר אים אָנשרייבן אַן אָנקלאַגע, אָדער אפילו א בריוול אַהיים.

אַמאָל פלעגט מען אַריינקומען סתם זיך אויסרעדן דאָס אָנגעווייטיקטע האַרץ.

פּאַוועל קומט שוין אָפּ דאָס זעקסטע יאָר אין די לאַגערן. לויט די יאָרן איז ער נאָך יונג, קוים 25 יאָר אַלט. נאָר לויטן אויסזען און נאָך מער לויטן געזונט־צושטאַנד איז ער שוין אַ מענטש אַ חרובער. ביים האַקן און שלעפּן די קלעצער האָט ער זיך אונטערגעריסן. ער טאָר קיין שווערע זאַך נישט אויפהויבן און נישט טראָגן. דערצו האָט ער אָפּט די געלזוכט. דאָס פּנים איז געל ווי וואַקס. אפילו די ווייסלען פון די אויגן זענען ביי אים געל. ערליידט פון „צינגאַ״ — אַלע ציין אין מויל שאָקלען זיך ביי אים. דערפאַר האָט מען אים באַשטימט פאַר אַ דיזשורנעם פון אַ באַראַק.

— פאַרוואָס האָט מען אייך איינגעזעצט? — האָב איך אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס ווייס איך אַליין נישט. נאָר פאַראַגראַפן האָב איך עטלעכע, פּאָליטישע און נישט־פּאָליטישע, עס פעלט נישט!

געוווינט האָט ער ערגעץ אין דראָהאָביטשער געגנט. נאָך דער מלחמה האָט דאָרט געשוויבלט מיט אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, מיט די באַנדעראָווצעס. זיי האָבן טעראָריזירט די באַפעלקערונג. ווער ס׳האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו שטיצן, איז געווען באַדראָט דורך זיי. ווער ס׳האָט געוואָגט זיי צו שטיצן, איז באַדראָט געווען דורך דער מ.וו.ד. פאַר נישט אונטערוואַרפן זיך זייער באַפעל, פלעגן די באַנדעראָווצעס אויפהענגען אויפן אָרט. נו, האָבן זיי אויפגעהאָנגען אין זיין שטאָט דעם פאָרזיצער פון קאָלכאָז. אָפּגעטאָן זייערס און אַוועק צוריק אין די וועלדער. די מ.וו.ד. ווידער מוז געפינען דעם שולדיקן. ווען ער, פּאַוועל, האָט זיך אומגעקערט שפּעט אין דער נאַכט

פון שפּאַציר, האָט מען אים פאַרהאַלטן. פאַרוואָס? פאַרוועןְ? וועגן דעם האָט ער זיך ערשט דערוווּסט שפּעטער, ווען ער איז שוין אָפּגעזעסן אַ פּאָר וואָכן אין אַן איינצל־קאַמער אין לעמבערגער אויספאָרשונגס־טורמע. מען האָט אים באַשולדיקט אין געהערן צו דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסטישער טעראָר־אָרגאַניזאַציע און אויספירן, לויט זייער באַפעל, דעם מאָרד איבערן פאָרזיצער פון קאָלכאָז.

פאַרשטענדלעך, אַז ער, פּאַוועל, האָט אָפּגעלייקנט שטיין און ביין. אפילו ווען זיי האָבן געבראַכט צוויי עדות, וואָס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער איז גלייך מיט זיי אַ באַנדעראָוועץ — האָט ער עקשנותדיק אָפּגעלייקנט. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין נאַסע און טרוקענע פעטש. ס׳האָט נישט געהאָלפן זיי דאָס אָנטאָן אויף אים דאָס „משוגעים־העמד”. ווען ער האָט געוואָלט בייטאָג שלאָפן, נאָכדעם ווען מען האָט אים אַ גאַנצע נאַכט געמאַטערט ביים אויספאָרשער.

אָבער אויך יונגע כוחות האָבן אַ שיעור, זיי שעפּן זיך אויס. דער ווילן פון ווידערשטאַנד ווערט אָפּגעטעמפּט. סוף כל סוף איז ער שוין גרייט געווען אַלץ אונטערצושרייבן, נישט וויסנדיק וואָס ער שרייבט אונטער, אַבי ס׳זאָל שוין נעמען אַ סוף...

נאָר ווען מען האָט אים דערלאַנגט טינט און אַ פעדער ער זאָל אונטער־שרייבן, האָט אין אים אויפגעברויזט אַ כעס. און ער האָט, נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, אַ שליידער געטאָן דעם טינטער אויפן טיש, אַזוי אַז ער איז צעקנאַקט געוואָרן.

— אוי, האָט מען מיך דאַן געשלאָגן, ביז בלוט. נישט נאָר דער אויס־פאָרשער אַליין, עס האָבן אים געהאָלפן אויך אַנדערע. זיי האָבן מיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, אַז כ׳האָב שוין געמיינט, אַ סוף וועט עס נעמען...

דער יונגער געזונטער אָרגאַניזם האָט אויסגעהאַלטן. ער איז לעבן געבליבן, כדי צו דערוואַרטן דעם טאָג פון זיין משפּט. אָט אין דעם טאָג איז געשען עפּעס אויסטערלישעס. די מוטער זיינע האָט די גאַנצע צייט נישט געוווּסט, פאַרוואָס מען האָט איר איין און איינציקן זון פאַרנומען און פאַרוואָס מען וועט אים משפּטן. זי איז אַוועק אין אַדוואָקאַטן־ביוראָ

אין לעמבערג און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אַן אַדוואָקאַטין, אַז עלטערע פרוי, צו ראַטעווען איר אומשולדיקן זון...

די אַדוואָקאַטין האָט זיך דערוווּסט, אַז מען באַשולדיקט אים אין געהערן צו די „באַנדעראָווצעס" און אין דעם, אַז ער האָט דעם 26־טן יוני 1947 יאָר אויפגעהאַנגען דעם פאָרזיצער פון קאָלכאָז. די אומגליקלעכע מוטער זיינע האָט געחלשט אין דער אַדוואָקאַטן־ביוראָ. ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי נישט מיט איר קול אַ געשריי געטאָן:

— געוואַלד, ווי איז עס דאָס מעגלעך?! מיין פּאַוועל איז דאָך דעם טאָג געלעגן אין שפּיטאָל אויף אַן אָפּעראַציע. ער האָט זיך דאַן אָנגעגעסן מיט פלוימען צוזאַמען מיט די קערעלעך און מען האָט אים געמוזט אָפּערירן.

די אַדוואָקאַטין האָט טאַקע אַרויסבאַקומען פונעם שפּיטאָל אַ באַשטעטיקונג, אַז אין דעם אָנגעוויזענעם טאָג איז ער, פּאַוועל, געווען אין שפּיטאָל און האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע מאָגן־אָפּעראַציע.

די מוטער האָט געבראַכט אין טאָג פון געריכט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט אים אָפּערירט און נאָך דריי עדות, מיט וועלכע ער איז געלעגן אין איין קאַמער. מען האָט אָבער קיינעם פון זיי צום געריכט נישט צוגעלאָזט. אפילו די מוטער האָט מען נישט צוגעלאָזט.

די פּאַרטיידיקערין האָט אָבער פּאָרט באַוויזן מיט דער באַשטעטיקונג פון דער שפּיטאָל־אַדמיניסטראַציע, אונטערגעחתמעט דורכן הויפּט־דאָקטאָר, אַז די צוויי געשעענישן, ווי די אָפּעראַציע און דאָס הענגען האָבן נישט געקענט פּאָרקומען אין איין און אין דער זעלבער צייט. אַזוי אַרום איז די שולד זיינע אין גאַנצן אַ מאָרד אָפּגעפאַלן.

— פאַרוואָס־זשע האָט מען אייך נישט באַפרייט? — האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן און געפרעגט.

— פאַרן וואַרפן דעם טינטער — האָט ער מיט אַ ביטערן שמייכל געענטפערט.

אויב ער האָט נישט דערמאָרדעט דעם פאָרזיצער פון קאָלכאָז, האָט ער דאָך געוואָלט כלומרשט אויספירן אַ מאָרד איבערן אויספאָרשער, בעת יענער האָט „אויסגעפירט זיינע אַרבעטס־פליכטן". און מען האָט אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר.

זיין מוטער און ער האָבן געשריבן קאַסאַציעס. איין געריכט האָט אַפילו פאַרגרעסערט די שטראָף אויף 15 יאָר, דער צווייטער האָט צוריק פאַר־קלענערט אויף 10 יאָר. א קאַץ־און־מויז־שפּיל! די מוטער האָט נישט אויסגעהאַלטן — זי איז געשטאָרבן. אים איז שוין איצט אַלץ איינס. ביי זיין געזונט־צושטאַנד וועט אים אויף דער פריי נישט בעסער זיין.

דער יידישער דאקטאר, וואס האט „פארסמט גארקין"

פונעם 10־טן פעברואר 1953 יאָר, פון דער צייט וואָס מען האָט מיך פון מיין היים פאַרנומען, האָב איך קיין צייטונג אין דער האַנט נישט געהאַלטן. איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס איצט, ווען איך בין געוואָרן דער באַלעבאָס פון קלוב, דער ביבליאָטעקאַר, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צום לייענען די צונויפגעבייטע צייטונגען „פּראַוודאַ".

ווי אַן אַנטפּלעקונג איז פאַר מיר געווען דאָס גרויסע אַרטיקל פון הויפּט־פּראָקוראָר פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז געווען געדרוקט אַ טאָג נאָכדעם, ווען „אומפאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען האָבן געוואָרפן די באָמבע אויפן סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין ישראל". אין דעם אַרטיקל האָט ער פשוט געגעבן דעם סיגנאַל אָנצוהויבן אַן אקציע קעגן די אַלע יידן, וואָס האָבן קרובים אין ישראל, וואָס קאָרעספּאָנדירן זיך מיט זיי, מיט די, וואָס הערן פאַרבאָרגענערהייט „קול ישראל".

ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אז איך בין געפאַלן אַ קרבן פון דער אַקציע. נישט אומזיסט האָט אין דער אויספאָרשונג פאַרנומען אַ גרעסערן פּלאַץ מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט מיין עלטערער שוועסטער, וועלכע איז נאָך אין 1947 יאָר געקומען פון בראַזיליע קיין ישראל.

נאָך איידער מען האָט מיך אַרעסטירט, האָב איך געלייענט די שטורמישע סאָוויעטישע פּרעסע וועגן די „שפּיאָנען לטובת די אימפּעריאַליסטישע מלוכות — די פּראָפעסאָרן פון קרעמל", וועגן דעם „דזשאָינט", וועגן מיכאָעלס און פעפערן — די פאַרבינדלער. איצט האָט מיך אינטערעסירט

צו ווײסן, ווי אַזוי האָט מען זיך צוריקגעצויגן פון דעם אומפאַרשעמטן בלבול.

איך האָב געבלעטערט די צײַטונגען, טאָג נאָך טאָג, געזוכט, געניִשטערט — און נישט געפונען. עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קאָמוניקאַט פון דער הויפּט־פּראָקוראַטור, אַז די פאַרדעכטיקטע פּראָפעסאָרן, דערבײַ אָנגעגעבן זייערע יידישע און נישט יידישע נעמען, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומ־שולדיקע און זענען באַפרײַט געוואָרן. וועגן „דזשאָינט", וועגן מיכאָעלסן א.א. האָט מען בכלל פאַרשוויגן.

ווען ער, דער אַלטער דאָקטאָר פונעם לאַגער, דער גרייז־גרויער אַלעקסאַנדער לוואָוויטש איז אַרײַנגעקומען נאָכמיטאָג אין קלוב אַרײַן און געבעטן אים געבן צו לייענען די „פרישע" צײַטונגען, וואָס זענען אָנגעקומען, האָב איך אים דערלאַנגט די צײַטונגען און אַליין פאַרגעזעצט דאָס לייענען די אַלטע צײַטונגען.

פּלוצים רײַסט ער איבער דאָס לייענען און ווענדעט זיך צו מיר:

— וואָס גריבלט איר זיך אין דעם אַלטוואַרג? צי מיינט איר פון דעם קלוגער ווערן? איך פאַרזיכער אײַך, אַז נישט!

— איך האָב כמעט אַ יאָר צײַט קיין צײַטונגען נישט געלייענט — פאַרענטפער איך זיך. — איך לייען דאָ וועגן די פּראָפעסאָרן פון קרעמל, וואָס מען האָט באַפרײַט. און וויפל מענטשן קומען אָפּ זייער שטראָף, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואַגט צו גלויבן, אַז די פּראָפעסאָרן זענען אומשולדיק.

— אַן אַלט לידל, ס'האָט שוין אַ באָרד! און זיי אַליין, די וואָס האָבן פאַרקאָכט די קאַשע, האָבן דען געגלויבט, אַז די פּראָפעסאָרן זענען שפּיאָנען?

נאָך אַ לענגערער פּויזע האָט ער מיט פאַרביטערונג פאַרגעזעצט:

— און פאַר אונדז, פאַר די הונדערטער יידישע דאָקטוירים, ווער האָט זיך אָנגענומען? אויף אונדז האָט מען קיין „דיעלעס" נישט צונויפגעשטעלט, מען האָט נאָר צוגעשטעלט אַ קוויטל „פּאָ דיעלו גאָרקאָוואָ — (לויט גאָרקיס דיעלע) און שוין. מען האָט דיר שוין אַוועקגעשיקט אויף 10 יאָר אין לאַגער, חלילה, נישט אַלס פּשוטער אַרעסטאַנט, נאָר אַלס דאָקטאָר,

דערצו נאָך אויף 5 יאָר „פּאָסעלעניע״ נאָכן אָפּקומען די שטראָף און פּאַרטיק...

— שאַ, שטיל, ס׳איז אַ גרויסער מלוכה־סוד. מען בויט לאַגערן אַן אַ שיעור, פּען פּאַרפּולט זיי מיט מענטשן. ווי לאָזט מען עס לעבעדיקע מענטשן אָן אַ דאָקטאָר? פּרייוויליק וואָלט קיינער נישט געפאָרן. נו, פּאַרפּירט מען אָן אַקציע אונטערן נאָמען „פּאַר גאָרקין״. נישט אַנדערש, אַז איך און נאָך אַנדערע דאָקטוירים האָבן פּשוט אָפּגעסמט דעם גרויסן, באַליבטן רוסישן שרייבער.

— איך האָב וועגן דעם נישט געוווסט! אזא געמיינהייט! — האָב איך אויסגעשריגן.

— פון צופּיל וויסן, ווערט מען אַלט — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַן איראָנישן שמייכל.

— אָט זעט ווי גרוי און אַלט איך בין. איך בין 15 יאָר אַ דאָקטאָר אין די לאַגערן. 10 יאָר בין איך אָפּגעקומען מיין „סראָק״ — מיין שטראָף און 5 יאָר בין איך שוין „פּרייוויליק״ געבליבן. איך האָב שוין אָנגעזאַמלט גענוג געלט. מען זאָגט, אז היינטיקס יאָר וועל איך שוין באַקומען אַ פּאַס, ווי יעדער בירגער און קאָנען פאָרן וווהין איך וועל ווילן. ס׳איז נאָר אַ פראַגע, וווהין זאָל איך פאָרן? במשך פון דער צייט האָב איך איבערגעריסן אַלע מיינע פאַרבינדונגען מיט קרובים און באַקאַנטע. אפשר לעבן זיי שוין נישט. מיך האָט מען דאָך אָפּגעראַטעוועט פון די היטלעריסטישע מערדער, און זיי נישט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן אַלטן גרויען דאָקטאָר, אויף זיין געלבלעכן פּנים און קליינע פאַרזשמורעטע, מידע אויגן, אויף די קנייטשן, וואָס האָבן דורכגעאַקערט זיין גאַנץ געזיכט און געוואָלט טרעפן, ווי אַלט ער איז. ער האָט פאַרשטאַנען מיין קוק און מיט אַ קלוגן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— איר ווילט וויסן ווי אַלט איך בין? נישט עלטער פון אייך. ווי אַלט זענט איר?

— פופציק יאָר.

— און איך בין נאָך קיין פופציק נישט אַלט. נישט די שלעכטע באַדינגונגען, נאָר די מאָראַלישע ליידן, מיין איינזאַמקייט, מיין הילפלאָזיקייט,

האָבן מיך אַלט געמאַכט. במשך פון 15 יאָר רינגלען מיך אַרום מענטשן אומגליקלעכע, קראַנקע. אָפט קומען זיי צו מיר אויסגעמאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט, מיט הויכער היץ און איך קאָן זיי נישט העלפן. מעדוויע־דיעוו, דער אָפּעראַטיווער באַפולמעכטיקטער, האָט מער דעה איבער די קראַנקע ווי דער דאָקטאָר. נאָר ביז 5 פּראָצענט פון די קראַנקע קען איך באַפרייען פון דער אַרבעט, נישט מער. בייזערן זיי זיך אויף מיר, זידלען, שילטן. איך ווייס, אַז זיי זענען גערעכט און איך שווייג. קיין רפואות זענען כמעט נישטאָ, נאָר ביליקע טאַבלעטן. דער פאַרמשפּטער איז הפקר, קיינעם גייט נישט אָן זיין געזונט. אפילו זיין לעבן. אָט די לאַגע דריקט מיך אין איך לייד, נאָר העלפן קאָן איך נישט.

— עך — האָט ער פּלוצים איבערגעריסן — ווי איך האָב זיך דאָס צעפּלאַפּלט ווי אַן אלטע יידענע. נישט פאַר יעדן קאָן מען דאָ רעדן. דאָס שווייגן שטיקט... אין אייך האָב איך, ווי מיר ווייזט אויס, געטראָפן אַן אינטעליגענטן מענטשן, אַ ייד, מיט אַ קאָפּ און מיט אַ האַרץ. איר ווייסט, אַז דאָ האַלט מען מיך פאַר אַ ווייסרוס. מיין פאָטער איז געווען אַ ווייסרוס, נאָר די מאַמע מיינע אַ יידישע. אין די יונגע יאָרן, אַלס סטודענט, האָב איך געוואָלט זיין אַ ווייסרוס, כאָטש כ׳האָב מיין טאַטן ווייניקער ליב געהאַט פון מיין מאַמען. איצט אויף די עלטערע יאָרן, ווייס איך אליין ניט פאַרוואָס, האַלט איך זיך פאַר אַ ייד, כאָטש אין דעם פּאַספּאָרט, וועלכן איך קלער צו באַקומען, וועט מען זיכער שרייבן אין פערטן פּאַראַגראַף: נאַציאָנאַליטעט — אַ ווייסרוס.

דער בער פון זאַפּאַלאַריע

מעדוויעדיעו האָט זיך גערעכנט פאַרן געשפּענסט פונעם לאַגער. אַנ־הייבנדיק פון דעם קלענסטן ביזן גרעסטן אין לאַגער האָבן אַלע מורא געהאַט פאַר מעדוויעדיעון. מעגלעך, אַז די מורא איז געווען אַן איבערגעטריבענע, דאָך פלעגט יעדער אויסמיידן אפילו זיך צו באַגעגענען מיט אים. אַ הויכער, אַ קרעפּטיקער, אַביסל צו פעט פאַר זיינע אַ פאַר און פופציק יאָר, איז

מעדוויעדיעוו געווען דער אַפּעראַטיווער באַפולמעכטיקטער פון אינערן־מיניסטעריום. אין זיינע הענט געפונען זיך יעדנס גרינע הארטע קארטלעך, וואָס זענען אויסגעפולט געוואָרן אין דעם איבערשיקונגס־לאַגער אין „אָבסקאַיאַ גובאַ״. ער באַשטימט די בריגאַדירן. פאַר אים גיבן זיי אָפּ זייער דין וחשבון. מען זאָגט, אז אין יעדן אָרט האָט ער זיינע מענטשן, וועלכע דערטראָגן אים יעדנס מעשים, דיבורים און אפילו געדאַנקען.

וועגן אים פלעגט מען רעדן שעשפּטשענדיק. נאָך אין די צייטן פון דער „טשעקאַ״ (אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע) האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אכזריותן. אין די לאַגערן פון 501 סטראָיקע אין זאַפּאָלאַריע האָט מען אים געשיקט ליקווידירן אַ בונט פון די קאַטאָרזשניקעס. ער זאָל האָבן זיין מיסיע אויסגעפולט בשלימות, פאַרגיסנדיק נישט ווייניק מענטשלעך בלוט.

פון דאַן אָן רעכנט מען מעדוויעדיעוון פאַרן דיקטאַטאָר פון זאַפּאָלאַריע. מיט גרויס צופרידנקייט ווערט דערציילט וועגן דער נקמה, וואָס די אומגליקלעכע פאַרשיקטע האָבן דערלעבט אין אים. אין איינעם פון די פרויען־לאַגערן איז אים געפעלן געוואָרן א מיידל. נינאַ האָט מען זי גערופן. זי איז געווען יונג, שיין און רייצנד, האָט געשטאַמט פון סאַראַטאָווער געגנט. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט זי געאַרבעט אלס סעקרעטאַרין פון קרייז־געריכט. פאַר א גרעסערן אָפּצאָל האָט זי זיך געלאָזט איבערקויפן און פאַרניכטעט אייניקע וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס זענען געווען בייגעלייגט צו א געוויסער דיעלע. מען האָט זי געפּאַקט און פאַרמשפּט אויף 5 יאָר אויסבעסערונג־לאַגער. ווען מעדוויעדיעוו האָט באַזוכט, אלס באַפולמעכטיקטער קאָנטראָלער, דעם פרויען לאַגער איז אים נינאַ געפעלן. ער האָט זי ארויסגערופן און געגעבן איר אָנצוהערן, אז ער קען זי אריבערפירן אויף לייכטערע ארבעט אין קאַנצעלאַריע, אויב זי איז גרייט אים אָפּצודאַנקען פאַר זיין טובה. ער האָט באַקומען א קאַטעגאָרישן אָפּזאָג.

— און חתונה האָבן מיט מיר אויפן רעכטלעכן אופן, וואָלט איר געוואָלט ? - האָט ער זי געפרעגט.

— חתונה האָבן ? ווי קען איך חתונה האָבן, ווען כ׳האָב נאָך העכער 4 יאָר אָפּצוקומען מיין שטראָף ? —— האָט נינאַ אים געפרעגט.

— דאָס איז מיין זאַך. מעדוויעדיעוו, אז ער וויל, קאָן ער אַלץ מאַכן. זייט מסכּים און דאָס איבעריקע לאָזט איבער פאַר מיר!

נינא איז מסכּים געווען. מעדוויעדיעוו איז ספּעציעל געפאָרן אין די „הויכע ערטער״ און אויסגעפּועלט חנינה פאַר נינען. דאַן איז ער אַוועק מיט איר קיין סאַלעכאַרד מיט אַן עראָפּלאַן, אַדורכגעפירט די געהעריקע חתונה־פאָרמאַליטעטן און זיך אומגעקערט צוריק מיט אַן אויסגעפּוצט שיין ווייב.

געוווינט האָט מעדוויעדיעוו מיט זיין ווייב אין יעלעצק, אין אַ ניי אויסגעבויט הויז, נישט ווייט פון באַראַק פאַר די מיליטערישע וועכטער. מעדוויעדיעוו האָט שוין געזאָרגט, מען זאָל פאַר איר ברענגען עסן פון דער בעסערער קיך. צו נינען איז ער געווען שטאַרק אייפערזיכטיק. זי איז געווען איינזאַם. זי האָט נישט געהאַט קיין חברטע. טאָג און נאַכט פלעגט זי לייענען ביכער. נאָר אין די אָוונטן פלעגט זי זיך צונויפקומען מיט די עטלעכע משפּחות, וואָס האָבן געאַרבעט אַלס פרייע אָנגעשטעלטע אין לאַגער: דער לייטענאַנט, דער „קולטוראָרג״ מיט זיין געלער פרוי, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ דיפּלאָמירטע פעלדשערין און דאָ פלעגט זי אָנגיין פאַר אַ הויפּט־דאָקטאָרין פון דריי לאַגערן, דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, אַ שיינער יונגער דעמאָביליזירטער קאַפּיטאַן מיט זיין העל־בלאָנ־דער הויכער פרוי, וואָס האָט אויך געאַרבעט אין דער בוכפירונג פון לאַגער, אויך מיטן בוכהאַלטער, אַן עלטערער מענטש מיט זיין פרוי, וואָס האָט אויך פאַרוואַלטעט מיט דעם פּראָדוקטן־מאַגאַזין אין לאַגער.

די אַלע דריי פאַמיליעס זענען פרייוויליק געקומען אַרבעטן קיין זאַפּאָ־לאַריע, כּדי אָנצוזאַמלען במשך פון עטלעכע יאָר אַ גרעסערע סומע געלט אויפן אָפּשפּאָר־ביכל, ווייל דאָ האָט מען געצאָלט אַ פיל העכערן לוין, און דערנאָך... וועגן דעם דערנאָך פלעגט מען נישט אויפהערן שמועסן ביי יעדער געלעגנהייט. יעדער האָט געמאָלן אין גאָלדענע פאַרבן זיין צוקונפט: אַן אייגענע שטוב ערגעץ אויף קאַווקאַז, עטלעכע קינדערלעך און אַ גאָרטן אַרום דער שטוב...

נינע איז שוואַנגער געוואָרן, אַלע דריי פרויען זענען איר מקנא געווען. נאָר יעדע פון זיי פלעגט זיך היטן, עס זאָל, חלילה, מיט איר נישט געשען

דאָס זעלבע. מעדוויעדיעוו איז געווען גליקלעך, אין זיבעטן הימל. איין נינע האָט זיך געפילט אומגליקלעך. איר איז געווען דערווידער דער עלטערער מאַן אירער, דער דעספּאָט. איר האָט געעקלט זיין ארומטאנצן ארום איר, זיין אייפערזוכט. די מיליטער־לייט האָט ער געוואָרנט, אז ער וועט יעדן „אוועקלייגן א קאַלטן", אויב יענער וועט וואגן אַ טראכט טאָן אפילו וועגן זיין נינען...

א פּאָר חדשים פאַרן געבוירן דאָס קינד, האָט נינע געפּועלט ביי מיעדוויע־דיעוון ער זאָל זי אָפּלאָזן קיין סאַראַטאָוו, צו איך מוטער, ווייל דאָ אין דער ווילדער טונדרע קענען נאָר די עסקימאָסקעס זיך אַן עצה געבן. זי מוז האָבן די הילף פון אַ גינעקאָלאָג און פון איר מוטער.

מיט א שווער הארץ האָט מיעדוויעדיעוו אָפּגעלאָזט זי קיין סאַראַטאָוו. מער האָט ער זי שוין נישט געזען פאַר די אויגן. נינע האָט געבוירן א זון. ארום איר זענען געווען חברטעס און חברים. אפילו דער ריכטער, ביי וועמען זי האָט געארבעט אלס סעקרעטארין, איז געווען דער טויף־פּאָטער פון קינד.

דערנאָך האָט דער ריכטער איר געהאָלפן באַקומען אַ גט און צוגעמשפּט, אז מיעדוויעדיעוו דאַרף צאָלן 50 פּראָצענט פון זיין געהאַלט פאַר איר און פאַרן קינד. מען האָט דערציילט, אז מיעדוויעדיעוו איז שיער פון זינען נישט אראָפּ. מען האָט געמיינט, אז ער וועט זיך שיסן. נאָר נישט אזעלכע ווי מיעדוויעדיעוו שיסן זיך אליין, זייערע קוילן פאַרנוצן זיי פאַר אנדערע. איצט איז ער נאָך ערגער געוואָרן ווי פריער. טאָג און נאכט גייט ער נישט אוועק פונעם לאגער. צו מיר אין קלוב קומט ער אמאָל אריין, שפּאַצירט זיך איבער דורכן זאַל, גייט אריין אין ביבליאָטעק־צימער און, נישט רעדנדיק קיין איין וואָרט אפילו, — גייט ער אוועק.

פאַר יעדן מאָלצייט כאַפּט ער זיך אריין אין קיך פארזוכן דאָס עסן פון די קעסלען. מען דערלאנגט אים פּרווו־פּאָרציעס פון יעדן מין. ער עסט זיי אויף ביזן סוף. מיט דעם קומט ער אָפּ, זאָגט מען, א גאנצן טאָג. ביינאכט שלאָפט ער אויף דער סאָפע ביי זיך אין קאבינעט.

פון זיין גרויסן פארדינסט באַקומט ער נאָר א העלפט און דאָס בייזערט אים אממערסטן, די צווייטע העלפט באַקומט זיין געוועזענע ווייב נינע

מיט איר זון .די געשיכטע ווערט דערציילט אין די לאגערן פון דער 501 סטראָיקע בסוד סודות, אָבער מיט גרויס פאַרגעניגן. אַלע זענען צופרידן, וואָס אזא יונגע נינע האָט באוויזן אזא „קאָסאָלאַפּן“ בער פון דער זאפּאָ־לארער טונדרע אָנרייבן א מאָרדע, און אזוי ארום נוקם זיין זיך אין אים פאר אַלע...

דער מאָנומענט

מיטן נייעם טראַנספּאָרט זענען אָנגעקומען אין אונדזער לאגער קיין יעלעצק אייניקע פון מיינע באַקאַנטע, מיט וועלכע איך בין געזעסן צוזאַמען אין דער לוקיאַנאָווקער טורמע אין קיעוו, צווישן זיי אויך איוואַן פּעטראָוויטש, דער אינזשיניער־פּעדאַגאָג פון לעמבערגער טעכניקום און דער יונגער אוקראַינישער פּאָעט גאָנטשאַר.

וועגן נאָך איינעם א יידישן בוי־אינזשיניער זאַכאַר גענאַדיעוויטש האָב איך זיך דערוווּסט פון אונדזער לאגער־דאָקטאָר ערשט אין א וואָך ארום. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אז ער ליגט איצט אין איזאָלאַטאָר פאַר קראַנקע און פאַרנעמט איינע פון די דריי בעטן, וועלכע זענען דאָרט פאַראַן. אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין אָנקומען אין לאגער אריין, האָט מען אים געשיקט אויף שווערער ארבעט, צו גראָבן אין דער אייביק־פאַר־פרויענער ערד. איז ער אויפן דריטן טאָג אנידערגעפאַלן. פון דער ארבעט האָט מען אים שוין געפירט אויף א וואָגן גלייך צום דאָקטאָר אין קליניק. ער האָט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַק, דערצו האָט זיך ביי אים דער בלוט־דרוק דערהויבן ביז 250.

— אין איזאָלאַטאָר איז ער איינער אליין, האָט געזאָגט צו מיר דער דאָקטאָר, — עס וואָלט גוט געווען, איר זאָלט אים באזוכן. זאָל ער נישט זיין ביי זיך אזוי געפאלן, זאָל ער זען, אז ער איז נישט איינער...

דעם זעלבן טאָג בין איך געזעסן אין איזאָלאַטאָר. זאַכאַר גענאַדיעוויטש האָט זיך שטאַרק געפריידט מיט מיין קומען. איך האָב אים געבראַכט

א ביכל צו לייענען. ער האָט זיך געפּילט א סך בעסער, כאָטש זיין פּנים איז געווען כמעט אזוי בלייך און געל ווי דאָס ציכל פון קישעלע, אויף וועלכן ער איז געלעגן. אין דער בלאסקייט פונעם פּנים האָבן זיך בולטער ארויסגעוויזן די קלוגע שווארצע אויגן און די גאָר איידעלע שטריכן פון זיין געזיכט.

— איך בין מארקאָוויטש — אזוי רופט מען מיך אין לאגער, א געוועזענער לערער פון מאטעמאַטיק אין קיעוו. איצט ארבעט איך אין קלוב אלס דיזשורנער און גיב ארויס ביכער צו לייענען — האָב איך זיך פאָרגעשטעלט.

— איך הייס זאכאר — האָט ער געענטפערט — געוווינט אויף די ברעגעס פון ברייטן דאָן.

איך האָב נישט געוואָלט מיט אים א סך רעדן, ווייל ער איז געווען אָפּגעשוואכט, האָט גערעדט פאמעלעך, וואָרט ביי וואָרט, אויף א ליטעראַרישער רוסישער שפּראַך. דעם ערשטן טאָג האָט ער געשוויגן און איך האָב פאר אים אויסגעלייגט מיין ביטער הארץ, דערציילט אים וועגן מיין דערנער־וועג פונעם ארעסט אָן ביז מיין קומען קיין זאפּאָלאריע.

במשך פון עטלעכע טעג האָב איך אים באַזוכט אין איזאָלאַטאָר. זיין צושטאַנד האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט און ער האָט מיר דערציילט וועגן זיך אין קורצן:

נאָך פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אַלס בוי־אינזשיניער. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט זיינע לימודים און באַקומען זיין דיפּלאָם, האָט מען אים געזאָלט אַוועקשיקן אויף אַרבעט ערגעץ ביי קאָמסאָמאָלסק, נאָר דאָ איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אין דער אַרמיי איז אים אויסגעקומען צו פּלאַנירן און בויען מיליטערישע אָביעקטן, וועלכע מען בויט מיט גרויסע שוועריקייטן און זיי ווערן פאַרניכטעט דורכן שונא במשך פון מינוטן, אָפטמאָל אפילו נישט קיין פאַרענדיקטע. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו בויען אונטערן פייער פון שונא, נישט ווייניק זענען דערביי אומגעקומען. ער אַליין איז אמאָל פאַרשיט געוואָרן און נאָר דורך אַ נס האָט מען אים אַרויסגעצויגן אַ

לעבעדיקן. פון דעמאָלט אָן האָט ער געליטן אויפן האַרץ, נאָר ווער האָט זיך אומגעקוקט אין צייט פון דער מלחמה אויף אַזעלכע זאַכן.

נאָך דער מלחמה איז ער געווען אַ צייט אין וואָראָשילאָוו־סאַנאַטאָריע אין סוטשי, און איז אַרויס כמעט אַ געזונטער, אַן אַרבעטס־פעיקער. ער האָט זיך דעמאָביליזירט און באַזעצט אויף קאַווקאַז, אין פּיאַטיגאָרסק. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל, אַ יונגע און אַ שיינע און איינגעאָרדנט אַ משפחה־לעבן. אַרבעט האָט ער געהאַט גענוג. פּאַרמאָגנדיק אַ רויט ביכל פון דער פּאַרטיי, האָט ער געהאַט אַ צוטריט צו די פּאַראַנט־וואָרטלעכסטע מלוכהשע בוי־אַרבעטן. זיינע פּאַרדינסטן האָבן אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן שיין. דערצו איז זיין פרוי אויך געווען אַ סטאָמאַטאָלאָג. זי האָט געהאַט איר איינגעאָרדנטן ציין־קאַבינעט. פּאַציענטן האָט זי געהאַט פון די געסט, וואָס קומען רוען אין די סאַנאַטאָריעס. ווען זיין ווייב האָט געבוירן אַ טעכטערל, האָט זי צייטווייליק איבערגעריסן איר אַרבעט און פאַרנומען זיך מיט איר קינד.

אין 1950 יאָר האָט מען אים אַרויסגערופן אין קרייז־פּאַרטיי־ביוראָ און אים פאָרגעלייגט, ער זאָל אין איינער פון די גרעסערע שטעט אויף קאַווקאַז אויפשטעלן אַ בראָנזענעם מאָנומענט פון סטאַלינען, אויף איינער פון די הויפּט־גאַסן. ער, זאכאר האָט אפילו קיין חשק נישט געהאַט זיך אונטער־צונעמען מאַכן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע זאַך, נאָכדעם ווי צו אים זענען דערגאַנגען גרוסן פון דער הויפּט־שטאָט וועגן די אַרעסטירטע יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, נאָר אָפּזאָגן זיך איז אויך כמעט ווי אוממעגלעך געווען. סטייטש, אים, אַ יידישן אינזשיניער, געטרויט מען אַזאַ בכבודיקע אַרבעט און ער וויל נאָך נישט...

ער האָט די אַרבעט אָנגענומען. צו הילף האָט מען אים רעקאָמענדירט אַ באַוווּסטן סקולפּטאָר; לויטן אָפּמאַך, האָט ער באַדאַרפט אין דעם 1952־יאָר, צום גרויסן אָקטאָבער יום־טוב, פאַרענדיקן די אַרבעט, כדי אין טאָג פון יום־טוב זאָל פאָרקומען די אַנטהילונג פון דעם היסטאָרישן מאָנומענט.

נאָכדעם ווי דער פּראָיעקט זיינער איז פאַרענדיקט און באַשטעטיקט געוואָרן, איז ער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט און פלעגט נישט אָפּטרעטן פון

דעם בוי־אָרט. ווי שווער ס׳איז נישט אָנגעקומען, ער האָט באַקומען די בעסטע מאַטעריאַלן. ביים בויען האָט ער מקפּיד געווען אויף יעדער קלייניקייט. אויך אויפן סקולפּטאָר האָט ער אַכטונג געגעבן, אַז דער מאָנומענט זאָל אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך, לויטן פּראָיעקט. ביי יעדער סטאַדיע פון דער אַרבעט, פלעגט ער פאַרבעטן דעם ערשטן סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, ער זאָל זען מיט זיינע אויגן און באַשטעטיקן, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג.

אין די זומער חדשים פון יאָר 1952 איז שוין כמעט אַלץ געווען פאַרענדיקט. ס׳האָט נאָר אויסגעפעלט בראָנז צו דער סקולפּטור. ווו באַקומט מען בראָנז? ער איז אַרומגעפאָרן מיט וויכטיקע בריוו צו פאַרשידענע באַזאָרגונגס־אַנשטאַלטן, ער האָט אויסגענוצט די וויכטיקסטע רעקאָמענדאַציעס. אומזיסט! קיין בראָנז האָט ער נישט באַקומען.

ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, האָט פאַרשטאַנען די גרויסע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, ווען דער מאָנומענט פונעם גרויסן פירער, וועט נישט קענען אַנטהילט ווערן צו דער צייט. די צייטונגען פון גאַנץ קאַווקאַז האָבן שוין באַצייטנס מודיע געווען וועגן דער גרויסער פייערלעכקייט.

אַ ידיד זיינער האָט אים געראָטן, ער זאָל פאַר יעדן פּרייז באַקומען בראָנז, אפילו ווען ער וועט דאַרפן באַצאָלן ספּעקולאַטיווע פּרייזן. ער האָט זיך וועגן דעם באַראַטן מיטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט אַ כיטרע שמייכעלע אַ זאָג געטאָן:

— טו, ווי דו פאַרשטייסט, אויב דיר איז טייער דיין פּאַרטיי־בילעט! דער סעקרעטאַר האָט אים אפילו געהאָלפן אַרויסצובאַקומען די נויטיקע סומע געלט צו באַצאָלן פאַרן בראָנז.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט זאכאר געוואַרט אויף דער היסטאָרישער מינוט — אויף דער אַנטהילונג פון מאָנומענט.

אין דער אָנוועזנהייט פון צענדליקער פאַרבעטענע געסט פון דער הויפּט־שטאָט, ביי די קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל״, אין דער אָנוועזנהייט פון צענדליקער טויזנטער יובלדיקע מענטשן, איז פאָרגעקומען דער פייער־לעכער אַקט. אויף דעם הויכן פּאָסטאַמענט, געבויט פון גראַניט, איז

געשטאַנען דער בראָנזענער מאָנומענט פונעם גרויסן פירער. זאַכאַר איז געווען גליקלעך. ענדלעך וועט ער קענען רואיק שלאָפן, אַלץ איז גוט פאַרענדיקט.

גאָר גיך איז געקומען זיין אַנטוישונג. די פינאַנס־אָפּטיילונג האָט אים צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קויפן בראָנז אויפן שוואַרצן מאַרק, פאַר ספּעקולאַטיווע פרייזן, אויסגעבנדיק דערויף אַ גרויסע סומע מלוכה־געלטער.

מיט דער באַשולדיקונג איז נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט געוואָרן. עס איז אַראָפּגעקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע האָט מכלומרשט פעסט־געשטעלט, אַז דער מאָנומענט פונעם גרויסן פירער איז געבויט פאַלש, נישט פּינקטלעך לויטן באַשטעטיקטן פּלאַן; אַז די פּראָפּאָרץ פון דער סקולפּטור איז נישט צוגעפּאַסט צו זיין אונטערשטן טייל. און דאָס זאָל ער האָבן געטאָן בכיוון, כדי צו פאַרמינערן די גרויסקייט און הייליקייט פון דעם היסטאָרישן ווערק...

ער האָט באַקומען 10 יאָר אויסבעסערונגס־אַרבעט־לאַגער אַלס פּאָליטי־שער פאַרברעכער און פאַר מיטהילף צו ספּעקולאַציע.

אַזוי האָט זאַכאַר גענאַדיעוויטש פאַרענדיקט זיין פּאָליטישע און מענטש־לעכע קאַריערע.

א פאַרדריסלעכער טעות

שבת אין אָוונט פלעג דער קלוב זיין איבערגעפּולט. אַלע ערטער אַרום די גרויסע טישן זענען געווען פאַרנומען, אַלע שפּילן צעכאַפּט. כמעט אַלע זענען געווען אויסגעהונגערט פון אַ גאַנצער וואָך נאָך אַ וואַרעם וואָרט פון דער היים, נאָך אַ בריוו. די בריוו פלעגן פריער אַדורכגיין די צענזור ערגעץ אין סאַלעכאַרד, דערנאָך פלעגט מען זיי איבערשיקן אין די לאַגערן.

איינמאָל אין אַ וואָך האָט מען געקענט באַקומען אַ בריוו. ביי אונדז אין לאַגער זענען די בריוו אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פונעם „אָפּעראַטיוון

באַפּולמעכטיקטן" צו מעדוויעדיעוון. ערשט דאָ זענען די בריוו אַדורכגעגאַנגען די צווייטע „צענזור". מעדוויעדיעוו „דאָס געשפּענסט פון זאַפּאָלאַריע" האָט פּשוט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ווי אַ בער אין זיין בערלאָגע אין ווינטער, פלעגט ער טאָגן און נעכטיקן ביי זיך אין קאַבינעט, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט פרעמדע בריוו, איבערהויפּט מיט די, וואָס פלעגן אָנקומען צום ערשטן מאָל. די סטאַנדאַרטע בריוו פון די קאָלכאָזניצעס צו זייערע מענער האָבן אים ווייניקער אינטערעסירט. זייער אָנהויב און זייער סוף זענען געווען שטענדיק כמעט דער זעלבער: אַ נידעריקן גרוס פאַר דיר פון דיין מוטער, אַ נידעריקן גרוס פון... דערביי פלעגן אויסגערעכנט ווערן אַלע גוטע שכנים און באַקאַנטע.

דווקא די בריוו, אין וועלכע ס'פלעגן כמעט נישט דערמאָנט ווערן קיין נעמען, אייניקע זאַצן פלעגן זיך פאַרענדיקן מיט דריי פּינטעלעך; בריוו מיט היימישע ווארעמע ווערטער, וואָס טרייסטן, וועלכע גיבן איבער וועגן דעם קאַמף, וואָס ווערט געפירט קעגן דער אומגערעכטיקייט — אָט אַזעלכע בריוו האָבן אים פאַראינטערעסירט. אין אַזעלכע בריוו פלעגט ער מאַכן שוואַרצע טוש־פלעקן אויף די פאַרדעכטיקע ערטער, וו מען קען עפּעס אַרויסלייענען צווישן די שורות און אַמאָל אפילו מאַכן אַ צייכן, זיינעם אַ באַזונדערן צייכן, אויפן גרינעם קאַרטל פון יענער פּערזאָן, אין זיין קאַרטאָטעקע. אַזעלכע בריוו פלעגט ער אָפּטמאָל פאַרהאַלטן ביי זיך ביז דער צווייטער וואָך.

דער לייטענאַנט, דער קולט־אַרבעטער, ער איז צו מעדוויעדיעוון אַריינגעגאַנגען יעדן שבת פאַרנאַכט אָפּנעמען אַ פולן פּאַפּירענעם בייטל מיט בריוו, ער פלעגט זיי איבערגעבן מיר, איך האָב אויף אַ הויך קול אויסגערופן יעדן נאָמען און איבערגעגעבן דעם בריוו. שוין דאָס באַקומען די בריוו איז געווען אַ יום־טוב פאַר יעדן. די שוואַרצע צייכנס, די אותיות, אָפט אַזעלכע צעקאַראַטשעטע, נישט פאַרשטענדלעכע — זענען פאַרט געווען ווי טויבן, וואָס האָבן געבראַכט גרוסן פון גאָר ווייט, פון ווייב און קינדער, פון פאָטער און מוטער. זיי האָבן ווי פאַרקירצט דעם שטח, דעם ווייטן, צווישן זיי. די בריוו האָבן צעבלאָזן די טליענדיקע האָפענונג, אַז מען וועט זיך נאָך אַמאָל זען מיט די אַלע נאָענטע, די בריוו האָבן אָן איבעריקע ווערטער אַרויסגעזאָגט, אַז דאָרטן ווייט זענען דייניקע מיט דיר און פילן מיט אין דיין אומגליק.

ווי פאַרשעמטע פלעגן אָוועקגיין די, וואָס האָבן דאָסמאָל קיין בריוו נישט באַקומען. פאַרוואָס? אפשר איז עפּעס געשען אין דער היים? זיי איז אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז זייערע בריוו ליגן אין שופלאָד ביי מיעדוויעדיעוון. אים יאָגט עס נישט, ער פילט קיינעם נישט מיט. ער אַליין האָט נישט געוואַרט אויף קיין היימישע בריוו.

ווי פאַרשטומטע, מיט אומעט אין די אויגן, זענען אַ סך זיך צעגאַנגען אין זייערע באַראַקן און ליגנדיק מיטן פּנים אַראָפּ, אין אָנטאָן, אויף זייער געלעגער, זיך צוגעהערט, נישט אָן קנאה, צום לייענען פון פרעמדע בריוו.

לויט מיין אויסרעכענונג האָב איך שוין געדאַרפט באַקומען אַ תשובה פון מיין ווייב אויף מיין ערשטן בריוו. איך האָב געלייענט שנעל די נעמען, אָנגעוויזענע אויף די בריוו און אַלץ געמיינט. אַז אָט, אָט וועל איך דערזען מיין נאָמען, נאָר ליידער, ביזן סוף, איז אַזעלכער נישט געווען.

מיט וואָס קען מען דאָס דערקלערן? האָב איך אַ שמועס געטאָן וועגן דעם מיט אַנאַטאָלין, וועלכער האָט שוין באַקומען דעם ערשטן בריוו און איז געווען גליקלעך. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין ווייב מיט די קינדערלעך זענען געזונט. דאָס ווייב האָט זיך אויסגעלערנט נייען וועש, אַרבעט זי אין אַ וועש־פאַבריק. דאָס דירה געלט און פאַר באַהייצן צאָלט דער שכן, וואָס פאַרנעמט איין חדר. די קינדער פרעגן זיך אויפן טאַטן און וואַרטן אויף זיין קומען...

אין קלוב האָב איך שוין געאַרבעט מער ווי אַ חודש. דער לייטענאַנט איז פון מיין אַרבעט געווען זייער צופרידן. אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די „סטאַכאַנאָוצעס" — די בעסטע אַרבעטער פון דעם 501 סטראָיקע, וואָס איז פאָרגעקומ'ען ביי אונדז אין לאַגער, האָט ער באַקומען דאָס ערשטע אָרט פאַר די וואַנט־צייטונגען, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן. נאָכן צוזאַמענפאָר איז ער שוין ווייניקער געווען פאַראינטערעסירט אין אַרויסגעבן אַזוי אָפט די צייטונג.

דער קולטור־אַרבעטער האָט מיך צו זיך אַריינגערופן און מיט אַ געמאַכטער אומצופרידנהייט, געמאָלדן, אַז, ליידער, קען ער מיך מער נישט האַלטן ביי זיך אין קלוב, כאָטש ער באַדויערט זייער אָנצווערן אַזאַ גוטן אַרבעטער.

— פאַרוואָס ? — האָט זיך ביי מיר נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן.

— ווייל דער „אָפּער" איז קעגן דעם, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ געפערלעכער פאַרגאַנגענהייט זאָל זיך פאַרנעמען מיט פאַרשפרייטן קולטור אין לאַגער.

— „אַ געפערלעכע פאַרגאַנגענהייט" ? ! — האָב איך מיט אַ ביטערער איראָניע אַרויסגעזאָגט. פון וואַנען נעמט ער עס, דער „אָפּער" ?

— וואָס הייסט ? אייער פאַראַגראַף איז דאָך 2—54. און דאָס איז דאָך דער געפערלעכסטער פאַראַגראַף, אפילו פון מלוכה פאַראַט. ביי אונדז אין לאַגער זענט איר דער איינציקער מיט אַזאַ געפערלעכן פאַראַגראַף.

— וואָס ? 2—54 ? ווי קומט צו מיר אַזאַ פאַראַגראַף ? — איך האָב אַזש אַ ציטער געטאָן ווייל כ'האָב זיך דערמאָנט אַז אַרקאַדי לוואָוויטשן האָט מען באַשולדיקט לויט דעם פאַראַגראַף. איך דערמאָן זיך, אַז דער פאַראַגראַף לויטעט „פאַר אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן בונט, כדי אָפּרייסן אַ געוויסע טעריטאָריע פון דער סאָוויעטישער מלוכה".

— ס'איז אַ טעות — אַ שרעקלעכער טעות — האָב איך געטענהט — מײַן פאַראַגראַף איז 10—54 די צווייטע טייל, נישט 2—54.

— דער „אָפּער" האָט מיר געוויזן, אַז אין אייער קאַרטל, וואָס איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט אייך, איז בפירוש אָנגעוויזן 2—54 לויטן אוקראַי־נישן שטראָף־קאָדעקס.

איך בין אַריינגעלאָפן צום נאַטשאַלניק פון לאַגער, אַ יונגער קאַפּיטאַן, מיט אַ שמייכלדיק פנים, אַ הויכער אין דער פולער מיליטערישער פאָרם. ער האָט געזען מיין צערודערונג און געהייסן אַריינלאָזן מיך צו אים.

זייענדיק שטאַרק אויפגערעגט האָב איך אים קוים באַוויזן, אַז מיין פאַראַ־גראַף איז על פי טעות פאַרשריבן 2—54 אָנשטאָט 10—54 די צווייטע טייל. איך האָב געבעטן טעלעפאָניש אויפקלערן דעם ענין אין „אָבּסקאיא גובאַ", אין דעם איבערשיקונג־לאַגער, ווו איינער האָט ביים אויספולן מיין אַנקעטע פאַרשריבן פאַלש 2—54.

ער האָט מיר צוגעזאָגט אויפן צווייטן טאָג טעלעגראַפירן וועגן דעם. ער האָט עס טאַקע געטאָן, נאָר פון דאָרט האָט מען איבערגעגעבן, אַז אונדזערע דיעלעס זענען שוין דאָרט נישטאָ. זיי געפינען זיך אין סאַלעכאַרד.

קיין סאַלעכאַרד האָט ער זיך געווענדעט אָפיציעל מיט אַן אָנפראַגע. אויך

איך האָב אָנגעשריבן אַ ביטע קיין סאַלעכאַרד, לויט דעם אַדרעס, וואָס דער קולט־אָנפירער האָט מיר געגעבן.

דערווייל ביז ס'וועט אָנקומען אַ תשובה, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן מיין אַרבעט אַלס ביבליאָטעקאַר אין קלוב און אַריבערגיין צוריק אין מיין בריגאַדע.

חוץ איוואַן פעטראָוויטשן און אַנאַטאָלין האָב איך קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם, פאַר וואָס מען האָט מיך דערווייטערט פון קלוב.

איינער, און צווישן זיי דער געוועזענער סטודענט, פיליפּ דער נאַציאָנאַ־ליסט און אַנטיסעמיט, האָבן אָפן חוזק געמאַכט פון מיר. ער האָט עס געטאָן אויף אַ כיטרען אופן. ער האָט זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק מיין ליד, וואָס איז געווען געדרוקט אינעם ערשטן נומער פון דער וואַנט־צייטונג: „יום־טוב אומעטום" און פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט מיט פּאַטאָס דעקלאַמירן אויף אַ קול:

„מעג דער גורל דיינער דיך פאַרוואַרפן ערגעץ ווייט
דאָך דעם יום־טוב פון דער מענטשהייט, פראַווען ביזטו גרייט".

— איצט, מאַרקאָוויטש, וועסטו פראַווען דעם יום־טוב מיט אונדז צוזאַמען ביים גראָבן די דריי מעטערדיקע גריבער אין דער פאַרפרוירענער ערד, וועסטו שוין פאַרשטיין ווי גוט עס איז צו פראַווען ימים טובים אין זאַפּאָלאַריע...

איך האָב אים נישט אָפּגעענטפערט אפילו, האַלטנדיק, אַז אין דעם פאַל, איז ער, פיליפּ, מער גערעכט געווען פון מיר...

ביי שווערער ארבעט

אונדזער בריגאַדע איז געווען באַשעפטיקט ביי בויען הייזער, אין דער ווייטער טונדרע, אויף דער 501 סטראָיקע, אין יעלעצק איז געווען אַ דעפּאָ פאַר עטלעכע לאָקאָמאָטיוון, די באַן־ליניע האָט מען נישט אויפגעהערט צו בויען און ציען ווייטער אויף צפון. די באַפעלקערונג, אויסער אין די לאַגערן איז טאַקע געווען קליין, אָבער מען דאַרף פאַר זיי בויען הייזער און דערצו

וואַרעמע הייזער, אַנדערש וועלן זיי זיך צעלויפן פון דאַנען, ווי מייז. און בויען הייזער אין דער טונדרע איז זייער שווער און טייער דערצו. נאָר פּאַרשיקטע, דורך צוואַנג און „זאַטשאָטן", דאָס הייסט מען זאָל זיי פּאַרעכענען פאַר איין טאָג אַרבעט צוויי און אפילו דריי טעג אָפּגעקומענע שטראָף, מוזן אַזאַ שווערע אַרבעט אויספירן. דער עיקר איז לייגן דעם פונדאַמענט. די ערד אונטערן שניי ליגט פאַרפרוירן אין משך פון יאָרן ביז אַ מעטער און צוויי. אין דער טיף פון 4—5 מעטער הויבן זיך שוין אָן די „פּליוואוני" — דער פליסיקער בלאָטיקער באָדן. דעריבער מוז מען דעם פונדאַמענט בויען אויף גראָבע קלעצער, איינגעגראָבענע אין דער ערד אויף דריי מעטער אין דער טיף און מערער. אפילו די אויוונס בויט מען אויף זעקס קלעצער. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען נאָר אין גראָבן גריבער און איינגראָבן די קלעצער. איידער מען טרעט צו צום גראָבן מוז מען די געפרוירענע ערד אָנוואַרעמען מיט פייערן, וועלכע מען צעלייגט אויף די ערטער, וווּ מען דאַרף גראָבן. דער פראָסט איז גרויס, דער שניי הערט נישט אויף צו שיטן און דו גראָבסט, און גראָבסט, באַמיסט זיך צו אַרבעטן וואָס שנעלער, דו זאָלסט נישט פאַרפרוירן ווערן. די וואַטענע „פופייקע", די גראָבע וואַטענע הויזן — זיי דערלאָזן נישט צום קערפּער די אַרומיקע קעלט און די אויסגעלאָדענע אינערלעכע ענערגיע טיילט אויס איר וואַרעמקייט — שוויצט דעריבער דער קערפּער און ווען דו פאַרקלענערסט דעם טעמפּ פון דיין אַרבעט, קילט זיך אָפּ דער שווייס און פאַרקילט דיין צעהיצט לייב.

ביי איין גרוב האָב איך געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנאַטאָלין. דערנעבן האָט געגראָבן דער יונגער אוקראַינישער סטודענט פיליפּ. איך האָב נישט געטאָרט אָפּשטיין פון אים אין דער אַרבעט. כאָטש איך בין געווען צוויי מאָל עלטער פון אים. סיי ווי פלעגן מיר, איך און אַנאַטאָלי, דערפילן די שפּאָטישע בליקן פון די אַרומיקע נישט יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען פון דער היים מער געוווינט געווען צו פיזישער אַרבעט. ווי זיי וואָלטן געזאָגט דערביי: „שוויצט, יידעלעך, שוויצט!".

אין אַלגעמיינעם רעזולטאַט זענען מיר נישט אָפּגעשטאַנען פון קיינעם. במשך פונעם טאָג האָבן מיר באַוויזן אויסצוגראָבן די זעלבע צאָל גריבער, ווי יעדע גרופּע. נאָר קיינער האָט נישט געקאָנט אויסאַרבעטן מער פון דער

אָנגענומענער נאָרמע. און פאַרדינט האָט מען ביי אַזאַ שווערער אַרבעט גראָשנס.

בכלל האָט אויסגעזען, אַז דאָס אויסמאַטערן אָט די טויזנטער פאַרמשפּטע איז וויכטיקער ווי די אַרבעט אַליין. אין דער אמתן — צוליב וואָס דאַרף מען עס? צי פעלט אין ראַטנפאַרבאַנד שטח, מיט אַ בעסערן קלימאַט, מיט גוטער פרוכטבאַרער ערד? צוליב וואָס דאַרף מען פירן אַזוי ווייט בוי־מאַטעריאַלן און פטרן טויזנטער נוצלעכע אַרבעטס־הענט אויף גאָרנישט? אמת, עס דערטראָגן זיך קלאַנגען, אַז אין אַזעלכע ערטער, אין זאַפּאָלאַריע ווערן געבויט שטעטלעך פאַר געלערנטע און אויסדערוויילטע פאַרטרויאונגס־מענער, וועלכע פאַרנעמען זיך דאָ מיט אויספּרובירן דאָס נייע אַטאָם־געווער.

מען דערציילט אויך אין דער שטיל, אַז די גרויסע לייט גרייטן אויך דאָ אַן עיר מקלט פאַר זיך און פאַר זייערע משפחות, צו באַהאַלטן זיך אין פאַל פון אַן אַטאָם־מלחמה...

מען זאָגט, אַז ערגעץ אין זאַפּאָלאַריע באַקומט מען אַרויס פון דער ערד דעם אוראַן, דעם רוי־שטאָף אויף אַרויסצובאַקומען די אַטאָם־ענערגיע און צו פּראָדוצירן די אַטאָם־באָמבעס...

די סודותדיקע קלאַנגען ווערן איבערגעחזרט פון מויל צו מויל, אָבער קיינער ווייסט נישט ווו עס איז די גרענעץ צווישן דערווירקלעכקייט און דער פאַנטאַזיע.

איין זאַך איז זיכער, אַז איידער ס׳קומט די אַטאָם־מלחמה, ווערן שוין דאָ אומגעבראַכט מאַסן מענטשן, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל אומשולדיקע. אויב זיי שטאַרבן נישט, ווערן זיי דאָ קראַנק אויפן גאַנצן לעבן, מערסטנס פון זיי ווערן היפּערטאָניקער, מיט אַ הויכן בלוט־דרוק, מיט אָפּגעשוואַכטע הערצער און לונגען.

אויך ביי מיר האָט דער לאַגער־דאָקטאָר פעסטגעשטעלט, אַז דער בלוט־דרוק האָט זיך באַדייטנדיק געהויבן.

זאַכאַר גענאַדיעוויטש, דער אינזשיניער, אַרבעט איצט אויף מיין אָרט אין קלוב. ער דאַרף אפילו נישט איינער אַליין וואַשן די פּאָדלאָגעס און הייצן די אויוונס. אַן אינוואַליד פון דער בריגאַדע פאַר לייכטע אַרבעטן קומט צו אים יעדן טאָג העלפן ביי דער פיזישער אַרבעט.

אַוודאי איז מיר אַ שאָד געווען מיין פּאַרלוירענע אַרבעט אין קלוב. צוליב וואָס? ווייל עמעצער אַן אומפּאַראַנטוואָרטלעכער מענטש האָט געמאַכט אַ פּאַרדריסלעכן טעות, אַריינשרייבנדיק אין מיין קאַרטל 2־54 אַנשטאָט 10־54 די צווייטע טייל, מוז איך ליידן.

די גאַנצע וואָך האָב איך געאַרבעט שווער, איבער מיינע כוחות. אין רוקן האָט געבראָכן, דער געהעכערטער בלוט־דרוק האָט מיר פּאַרשאַפט קאָפּ־ווייטיק. אַמשווערסטן איז מיר געווען די אַרבעט אין דעם לעצטן טאָג אין דער וואָך, שבת. וואָס שווערער ס'איז מיר געווען די אַרבעט און וואָס ערגער איך האָב זיך געפילט, אַלץ מער פלעגט פיליפּ, דער אוקראַינישער אַנטיסעמיט, מיך רייצן, ווען ער האָט דעקלאַמירט מיין לידל פון דער וואַנט־צייטונג:

„מעג דער גורל דיינער..."

קומענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך זיך גלייך אַוועקגעלייגט, אַזוי מיד בין איך געווען. איך האָב זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון אָוונט־ברויט. אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען אין קלוב אַריין באַקומען בריוו. מיר האָט אַנאַטאָלי צוגעזאָגט צו ברענגען די בריוו, אויב ס'וועלן זיין פאַר מיר. איך האָב שוין אָנגעווירן די האָפענונג צו באַקומען בריוו. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אויך אַהער, אין דער ווייטער טונדרע זאָל האָבן דערגרייכט די פאַרברעכערישע האַנט פון ליסענקאָ, מיין אויספאָרשער. און אפשר האָט ער בכיוון אין מיין דיעלע איבערגעאַרבעט דעם פּאַראַגראַף מיינעם אויף 2־54 און אַלע מיינע אומגליקן זענען פאַרגעקומען אין וועג צוליב דעם...

— ניין, אַזוי קאָן עס נישט בלייבן. איך מוז זיך ווערן, איך מוז זיך פאַרטיידיקן.

„צי באַקומט זי, מיין ווייב, כאָטש מיינע בריוו? שוין דריי בריוו האָב איך געשריבן פון דאַנען".

אין דער רגע רייסן זיך אַריין מיט אַ גערויש די, וואָס זענען געווען אין קלוב. אַ סך פון זיי זענען פריילעך — זיי האָבן באַקומען בריוו. פאַר מיר האָט אַנאַטאָלי קיין בריוו נישט געבראַכט, נאָר אַ גוטע בשורה, אַז פאַר מיר איז אָנגעקומען אַ פּעקל און מאָרגן וועל איך עס קאָנען אָפּנעמען.

איצט קאָן איך שוין רואיק שלאָפן, האָב איך געטראַכט, אַ פּעקל איז נאָך

מער פון אַ בריוו. און מעגלעך, אַז אין פעקל איז פאַראַן אַ בריוול. מיט אַ רואיקן געמיט בין איך איינגעשלאָפן.

פלוצים וועקט מען מיך אויף פון שלאָף. ווער וועקט מיר? צוליב וואָס?

דער בריגאַדיר וועקט מיך, ער וועקט אַלעמען. דער „אָפּער" האָט אים אַרויסגערופן און אויפגעפּאָדערט, אַז די גאַנצע בריגאַדע אונדזערע מוז תיכף ומיד גיין אויף דער באַן־ליניע אויסלאָדן צוויי גרויסע פולמאַן־וואַגאָנעס מיט קוילן, וואָס זענען אָנגעקומען פאַרן לאַגער.

זיין מעלדונג האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַ שאַרפן פּראָטעסט:

— סטייטש! ווייניק זיך אָנגעהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג אויף דער קעלט!

— וואָס, דער טאָג איז אים ווייניק, ער וויל אויך אין דער נאַכט אונדז עקספּלאָאַטירן?

— מיר גייען נישט! — האָבן זיך געהערט געשרייען פון אַלע זייטן.

דער בריגאַדיר האָט איבערגעוואַרט ביז ס'איז שטילער געוואָרן. דאַן האָט ער געמאָלדן:

— די וואַגאָנעס שטייען אויף דער סאַמע באַן־ליניע. אויב מען וועט זיי נישט אויסלאָדן היינט און זיי וועלן שטיין אויף דער ליניע ביז מאָנטיק, וועט דער לאַגער פון אונדזערע קליינע פאַרדינסטן באַצאָלן אַ סך געלט פאַר „פּראָסטאָי". — פאַר נישט אויסלאָדן די וואַגאָנעס צו דער צייט.

— זאָלן זיי צאָלן!! מיר וועלן סיי ווי גאָרנישט באַקומען פאַר אונדזער שווערער אַרבעט! — האָבן אייניקע געשריגן.

— דערפאַר וועלן מיר מאָנטיק נישט גיין צו דער אַרבעט ביז נאָך מיטאָג, און מעגלעך, אַז מיר וועלן אַ גאַנצן טאָג זיין פריי! פאָלגט מיך און קומט! מיר וועלן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר שעה און פאַרטיק!

די לעצטע מעלדונג האָט געווירקט. מיט אָנגעברוגזטע, כמורנע פּנימער האָבן זיך אַלע גענומען אָנטאָן. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע, כאָטש דער קאָפּ איז מיר געווען שווער, ווי אָנגעפילט מיט בליי.

א טויט־קלאַפּ פון אייגענע

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. די בלאַסע לבנה האָט זיך באַהאַלטן אונטער די לויפנדיקע כמאַרעס. בלויז דער ווייטער שניי האָט ווי באַלויכטן דעם אַרום. ביי די טויערן פון לאַגער האָבן מיר געמוזט וואַרטן ביז אונדזער מיליטערישע שמירה מיט זייערע אויסגעפּאַשעטע הינט זענען געקומען אונדז איבערנעמען צום פירן. זייער אויסגעדראַשענעם פּזמון ביי יעדן גיין אויף דער אַרבעט, האָבן מיר כמעט ווי נישט געהערט, אויב מען מוז גיין אויסלאָדן אין דער נאַכט, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג די וואַגאָנעס מיט קוילן, ווילן מיר וואָס שנעלער קומען אויפן אָרט און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

וועכטער זענען געווען נאָר פיר, איינער פון פאָרנט, איינער פון הינטן און צוויי מיט די הינט אין די זייטן. דאָס מאָל זענען מיר געגאַנגען שנעלער ווי שטענדיק און במשך פון אַ צוואַנציק מינוט גאַנג זענען מיר שוין אָנגעקומען אויפן אָרט.

די פּראַכט־וואַגאָנעס זענען געווען הויכע, פאַרמאַכטע, אָנגעפילטע מיט דריבנע שוואַרצע קוילן־שטויב. דער בריגאַדיר האָט צעטיילט אונדזער בריגאַדע אויף צוויי גלייכע טיילן, יעדער טייל האָט באַדאַרפט אויסלאָדן איין וואַגאָן.

מיט די לאָמען האָט מען געעפנט די אונטערשטע טויערן פון די וואַגאָנעס פון איין זייט און די קוילן מיטן שטויב האָבן אונטער דער שווערקייט אַליין זיך אָנגעהויבן אַראָפּשיטן. מיר האָבן באַדאַרפט מיט אונדזערע ברייטע לאָפּאַטעס אַריבערשיטן די קוילן ווייטער פון דער באַן־ליניע, אין אַ באַרג.

דער שוואַרצער שטויב האָט געשאַפן אַרום אונדז אַ נעפל פון שטויב, וואָס האָט אָפּגעמאָלן אונדזערע פּנימער אויף שוואַרץ, אַזוי, אַז די אויגן זענען כמעט פאַרשוונדן אין דער אַרומיקער טונקלקייט. מען האָט געאַרבעט שנעל, שווייגנדיק, יעדער האָט געוואָלט וואָס שנעלער ענדיקן די ברודיקע אַרבעט. דאָס אָטעמען איז פאַרשווערט געוואָרן, אין מויל האָט זיך געפילט אַ טרוקעניש צוזאַמען מיט אַן אומאָנגענעמען געשמאַק פון קוילן־שטויב. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרויסגעריסן קללות, נאָר קיינער האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט.

דער בריגאַדיר איז אַרומגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט און אַלץ אונטער־געיאָגט: „דאַוואַי! דאַוואַי!"

נאָר דאָס שיטן זיך פון די קוילן האָט זיך שנעל אויפגעהערט. דער בריגאַדיר האָט אויסגעקליבן עטלעכע יאַטן און געהייסן זיי אַרויפקלעטערן אַרויף אין די וואַגאָנעס, כדי אַראָפּצוטרייסלען די קוילן צו די טויערן אַראָפּ.

איך בין געווען גליקלעך וואָס דער בריגאַדיר האָט מיך נישט אַרויפ־געשיקט. אין מוח איז מיר אַדורך אַ געדאַנק: — צי וואָלט איך באַדאַרפט קלעטערן אַרויף ביי מיינע פופציק יאָר, אָדער ניין?!

קיין באַשלוס האָב איך נישט באַוויזן אָנצונעמען, ווי ער, דער בריגאַדיר, איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיט אַ כיטרע שמייכעלע אַ זאָג געטאָן:

— עס זענען אַרויף נאָר דריי פּאַרשוין. ס'איז ווייניק. דער וואַגאָן איז זייער לאַנג. אפשר וואָלטן נאָך צוויי אַרויף. אַנו, מאַרקאָוויטש, באַווייזט וואָס איר קענט! זיין חוזק־שמייכל האָט מיך אַ טרייב געטאָן און כאָטש איך האָב זיך געפילט שלעכט, נאָר די אַמביציע, דאָס ווען אַרויסווייזן, אַז מאַרקאָוויטש איז גלייך מיט יעדן איינעם, האָט מיך געטריבן און איך בין אין אַ פּאָר מינוט אַרום שוין געשטאַנען אין איין ריי מיט אַנדערע אין אַ וואָלקן פון שטויב. אין אַרומיקן שוואַרצן נעפּל האָב איך אַפילו נישט געזען ווער עס שטייט צוזאַמען מיט מיר אויפן באַרג קוילן.

פּלוצים האָט עמעצער אַ שיט געטאָן אַ לאָפּעטע קוילן־שטויב מיר גלייך אין פּנים אַריין. איך האָב דערפילט אַ שאַרפן שניט אין די אויגן, כאָטש זיי זענען ביי מיר כמעט געווען פאַרמאַכט. דער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן ווי ביי אַ שיכור און איך האָב געפילט ווי איך פאַל אין אַ טיפן אָפּגרונט אַראָפּ, אַלץ נידעריקער, נידעריקער.

צוזאַמען מיט דער קוילן־מאַסע בין איך אַרויסגעפאַלן דורך אַ טויער אין דרויסן, דערביי צעממיתט זיך ביז בלוט. מיין אַרויספאַלן האָט, ווייזט אויס, נישט אַרויסגערופן קיין איבעריקע שטוינונג, ווי מען זאָל האָבן אויף דעם געוואַרט.

אייניקע האָבן נאָר אָנגעהויבן רופן:

— בריגאַדיר, בריגאַדיר!...

מען האָט מיך אריבערגעטראָגן ווייטער און אָוועקגעלייגט אויפן פּאַר־

שוואַרצטן שניי. איך האָב געפּילט דאָס אַוועקגיין פון דעם באַוווסטזיין און געמיינט, אַז עס דערנענטערן זיך מיינע לעצטע מינוטן. מיט די לעצטע כוחות האָב איך געריבן דאָס פּנים אין קאַלטן שניי. דאָס בלוט פון די אָפּענע וווּנדן האָט זיך צעגויפגעמישט מיטן ברודיקן שניי, אין די שלייפן האָט עפּעס געקלאַפּט. כ'האָב אַזוי נישט געוואָלט שטאַרבן. און קיין הילף האָט מיר קיינער נישט געגעבן ביז אַנאַטאָלי און איוואַן פּעטראָוויטש, וואָס האָבן געאַרבעט ביים אויסלאָדן דעם צווייטן וואַגאָן, זענען צוגעלאָפן צו מיר און געריבן מיר די שלייפן פון דעם שטערן.

— ער לעבט! — האָט איוואַן פּעטראָוויטש געפּרוווט באַרויקן אַנאַטאָלין, וועלכער איז געווען אויפגערעגט. ווען עס האָט זיך פון מיין מויל אַרויסגעריסן דער ערשטער „אוי" האָט שוין אויך אַנאַטאָלי געגלויבט, אַז איך לעב.

זיי האָבן אויסגערייניקט מיין מויל און נאָז מיט שניי. ס'איז מיר געוואָרן לייכטער צו אָטעמען. איך האָב שוין אַליין אויך געריבן מיט שניי די אויגן און געוואָלט וויסן, צי זענען זיי נאָך עפּעס. יאָ, כ'האָב דערזען אַ ווייסע שיין פון שניי...

איך זע דעם שניי! איך זע! — האָב איך אויסגעשריגן.

ווען איך בין ענדלעך געקומען צו זיך, האָט איינער פון אונדזערע שומרים געהייסן דעם בריגאַדיר באַפרייען איוואַן פּעטראָוויטשן און אַנאַטאָלין זיי זאָלן מיך אַוועקפירן אין לאַגער אַריין. ער אַליין איז אויך מיטגעגאַנגען מיט אונדז. זיי ביידע האָבן מיך געפירט אונטער ביידע הענט. איך האָב קוים געשלעפּט די פיס. זיי האָבן קיין וואָרט נישט גערעדט.

האָבנדיק אַזעלכע צוויי גוטע פריינט אַרום זיך, בין איך שוין געווען מונטערער ביי זיך און געהאַט האָפענונגען, אַז אַלץ וועט אַריבערגיין.

מען האָט מיך אַריינגעפירט גלייך צום נאַטשאַלניק פון לאַגער. ער איז נאָך געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט. ער האָט באַלד באַפוילן אַרויסרופן דעם דאָקטאָר.

— ווי פילט איר זיך? — האָט ער מיך געפרעגט.

— בעסער!

— איך האָב שוין באַקומען פאַר אייך אַ גוטע תשובה, — האָט ער זיך

אַנגערופֿן, כדי מיך צו דערמונטערן. — אייער פּאַראַגראַף איז טאַקע 54־10 און נישט 2־54. אַזאַ פֿאַרדריסלעכער טעות!

איך האָב אויפֿגענומען זיינע רייד אָן שום איבעריקער פֿרייד. איך האָב געוווּסט, אַז מען וועט מיך סיי ווי שוין נישט אומקערן צו דער אַרבעט אין קלוב אַריין.

דער דאָקטאָר איז אָנגעקומען. ער האָט מיך אַרומגעוואַשן דאָס פּנים און איינגעגעבן טראָפּנס צום טרינקען.

— טרינקען, טרינקען — האָב איך געבעטן.

— איר זעט די עלעקטרישע שיין? — האָט דער דאָקטאָר מיך געפֿרעגט, ווען ער האָט מיט זיינע פֿינגער אויפֿגעעפֿנט מיינע אויגן.

— איך זע אַ העלקייט, אָבער דאָס לעמפּל זע איך נישט. — האָב איך שוואַך אָפּגעענטפֿערט.

— נישקשה! איר וועט אַלץ זען.

— איר ווייסט, ווער ס'האָט עס אייך פֿאַרשיט דאָס פּנים מיט קוילן־שטויב? צי מיינט איר, אַז דער האָט עס געטאָן בייזוויליק? — האָט אויסגעפֿרעגט דער נאַטשאַלניק.

— איך ווייס אַליין נישט. דער בריגאַדיר ווייסט, ווער עס איז געווען מיט מיר אויבן. אוודאי בייזוויליק! נאָר בייזוויליק, ווי קאָן דען אַנדערש זיין — האָב איך פּלוצים אַ געשריי געטאָן.

— באַרואיקט זיך! מיר וועלן עס נישט פֿאַרשווייגן... — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק. מיטן דאָקטאָר האָט ער גערעדט באַזונדער שטיל, אין אַ זייט.

אין רעזולטאַט פֿון דעם געשפּרעך, האָט ער געהייסן איוואַן פּעטראָוויטש'ן און אַנאַטאָלין, וואָס האָבן געוואַרט אין פֿאָדערהויז, מיך אַריבערפֿירן אין באַראַק פֿון דער בריגאַדע פֿאַר לייכטע אַרבעטן.

זיי האָבן עס געטאָן און שפּעטער מיר אפֿילו געבראַכט אַהין מיינע זאַכן...

אין דער באַגאַדיעלנע

די אַזוי גערופענע „בריגאַדע פאַר לייכטע אַרבעטן" איז ווי געווען אָפּגע־רוקט פון אַלע אַנדערע באַראַקן, אין אַ זייט, גאָר נישט ווייט פון אַ ווינקל, אין וועלכן עס איז געשטאַנען די העכערע „ווישקע" און אויף איר דער באַוואָפנטער היטער מיט אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס האָט אומאויפהערלעך געגנישטערט מיט זיין בינטל שטראַלן אַרום און אַרום. פאַר דעם הויפּט־פּאַרקן פון שטעכלדיקע דראָטן איז געווען אַ „טויטער שטח" פון עטלעכע מעטער די ברייט. אויף דעם שטח פלעגט תמיד פאַלן די שיין פון פּראָזשעקטאָר. ווער עס זאָל זיך נישט געפונען אויף דעם „טויטן שטח", אַ מענטש, אַ הונט, להבדיל איז אַ קאַנדידאַט אויף יענער וועלט, ווייל די היטערס אויף די „ווישקעס", זענען אויסגעשולטע סנייפּערס און טרעפן כמעט שטענדיק אין ציל.

אין באַראַק איז געווען טונקל. אַלע זענען געשלאָפן. בלויז איינער, אַ יונגער קרעפּטיקער מאַן האָט געוואַכט. ער האָט אויפגעעפנט די טיר און איז שוין גרייט געווען, ווי געוויינלעך, צו ראַפּאָרטירן דער אָנקומענדיקער נאַטשאַלסטווע, נאָר דערזעענדיק פאַר זיך דריי מענטשן, משונהדיקע לויט זייער אויסזען, האָט ער אַ ברייטן שמייכל געטאָן, פּונקט ווי עס וואָלטן געקומען פּורים־שפּילער שפּעט אין דער נאַכט. אין דער אמתן, איוואַן פּעטראָוויטש און אַנאַטאָלי האָבן נאָך נישט באַוויזן אָפּצוּוואַשן פון די פּנימער דעם שוואַרצן קוילן־שטויב, האָבן זיי אויסגעזען ווי שאַכטיאָרן, וואָס קומען נאָר וואָס אַרויס פון דער שאַכטע. מיין פּנים איז שוין געווען אָפּגעוואַשן, נאָר דאָ און דאָרט זענען געווען אויפגעקלעפּט ראָזע פּלאַסטערס אויף די וווּנדן. דערצו זענען מיינע אויגן, ווי ביי אַ בלינדן, געווען כמעט פאַרמאַכט. איך האָב נאָך אַלץ געפילט אין זיי דעם בייסיקן שטויב, כאָטש איך האָב שוין אַביסל געזוען.

דער בחור, דער נאַכט דיזשורנער, האָט נישט געהאַט קיין רעכטע האַנט. אַנשטאָט איר, האָט זיך נאָכגעבאָמבלט דער ליידיקער אַרבל. ער האָט פריער צוגענומען דאָס קוויטל פונעם נאַטשאַלניק, וואָס מיר האָבן געבראַכט, געהייסן צוּוואַרטן אין פּאָדערהייזל און אַליין איז ער אַוועק עס איבער־

לייענען ביי דער שיין פון דעם נאַפט־לעמפל, וואָס איז געשטאַנען און געברענט אויפן טיש.

דערנאָך האָט ער מיך איינעם אַריינגעלאָזט אינעווייניק אין באַראַק אַריין און אָנגעוויזן אַן אָרט אין סאַמע עק, אויפן צווייטן שטאָק פון דער נאַרע, באַפוילן מיר זיך באַלד שטיל אַוועקלייגן, צוזאָגנדיק, אַז מאָרגן פרי וועט שוין דער בריגאַדיר געפינען פאַר מיר אַ מער פּאַסיקן אָרט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן זיי מיר געברענגט מיין זעקל מיט די זאַכן. דער עיקר מיין פוטער, ווייל ס׳איז מיר געווען זייער קאַלט, איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס זיך צוצודעקן.

אין באַראַק איז געווען שטיל. בלויז אייניקע האָבן מיט אַ הייזעריקייט געהוסט, פאַרהוסט זיך. פון איין אָרט האָט זיך געהערט אַ טעמפּער געשפּערעך פון איינצלנע ווערטער, אַן שום פאַרבינדונג צווישן זיך, פון איינעם וואָס האָט גערעדט פון שלאָף. נישט זעלטן פלעג זיך דערהערן אַ טיפער קרעכץ פון איינעם, וואָס האָט, ווייזט אויס, געליטן ווייטיק, אָדער גלאַט אַזוי פון עלטער.

איך בין געלעגן אַ מידער, אַ צעבראָכענער, מיט ווייטיקן און פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט: מיין מאַמע ע״ה פלעגט שטענדיק זאָגן: „גם זה לטובה״. איינער אַ מערדער האָט מיר פאַרשאָטן מיין פנים מיט קוילן־שטויב און דערמיט געהאָלפן מיר אַריינצובאַקומען זיך אין דער בריגאַדע פון לייכטע־רער אַרבעט.

— אָבער פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? צי האָט ער בלויז געוואָלט אַ שפּאַס טאָן? ניין, ער האָט זיכער פאַרשטאַנען, אז אַזאַ שפּאַס קאָן קאָסטן אַ לעבן פון אַ מענטשן. צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן? אַזוי קען מען אָפּטאָן א שונא, אַלס נקמה, אָבער וואָס האָט ער געהאַט צו מיר? איך האָב דאָך קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

„ס׳זאָל דאָס האָבן געטאָן דער אוקראַינישער סטודענט, פיליפּ, דער אַנטיסעמיט?״ — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. ביי יעדער געלעגנהייט חוזקט ער פון מיר, ער האָט געפּלאַצט פון קנאה, ווען איך האָב געאַרבעט אין קלוב.

דורך די פענצטער כאַפּן זיך אַריין סנאָפּעס שיין פון דעם נאָענטן

פּראָזשעקטאָר. די שיין שפּאַצירט זיך אַרום איבער אייניקע פּנימער פון די שלאָפנדיקע און לויפט באַלד אַוועק. איך דערזע פּאַר זיך בלייכע, אויס־געדאַרטע, באַוואַקסענע פּנימער, מיט אַ סך ליסינעס אויף די קעפּ, אויב זיי האָבן בערד זענען זיי אונטער די קאָלדרעס. לויט די קנייטשן אויף די שטערנס און בכלל אויף די בלאַסע פּנימער, דערקענט מען, אַז מערסטנס זענען דאָס עלטערע מענטשן, אָדער זיי זעען אויס אַ סך עלטער פון זייערע יאָרן...

אַמאָל וואָלט איך אין יעדן איינעם פון זיי געזען אַ פאַרברעכער, ווייל אַנדערש ווי אַזוי קומט ער אַהער, אין דער ווייטער זאַפּאָלאַריע, אין לאַגער. ביים היינטיקן טאָג זע איך פאַרקערט. איך זע אומגליקלעכע מענטשן, וואָס זענען באַעוולט דורך זייער גורל און דורך מענטשן... די מידקייט האָט איבערגעריסן מיין טראַכטן. די געדאַנקען זענען אַוועק ווי קליאַטשיקע כמאַרעס, געטריבענע פון ווינט, איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן...

דריי טעג, האָט באַפוילן דער דאָקטאָר, זאָל איך ליגן. ער האָט מיך געוואָלט אַריבערנעמען אין איזאָלאַטאָר, נאָר אַלע דריי בעטן זענען געווען פאַרנומען מיט קראַנקע, אפילו די „פּאָסילקע", וואָס מיין ווייב האָט פאַר מיר געשיקט, האָב איך נישט געקאָנט גיין אָפּנעמען. ביים אַרויספאַלן האָב איך, ווייזט אויס, געכאַפּט אַ קלאַפּ אין דער זייט פון די אייזנס און עס האָט מיר ווי געטאָן.

בכלל זענען אין דעם באַראַק אַ סך מענטשן געלעגן אויפן געלעגער. בלויז דאָס מוזן גיין אין עס־צימער עסן, האָט זיי געטריבן אויפצושטיין.

די בריגאַדע האָט אויסגעזען ווי אַ „באַגאַדעלניע" פון ערגסטן סאָרט. די שטאַרקערע גייען אַוועק אויף דער אַרבעט, אַלס דיזשורנעס אין די באַראַקן פון די אַרבעטנדיקע. אייניקע גייען צוהעלפן אין איזאָלאַטאָר באַדינען די קראַנקע. אויך פאַר מיר האָט דער דאָקטאָר באַפוילן צו ברענגען דאָס עסן פונעם עסצימער. בלויז אַ גרופּע פון אַכט עלטערע מענטשן פירט מען אין „דעפּאָ" אָפּצורייניקן דעם שניי פון וועג, דורך וועלכן עס דאַרפן אַריינפאָרן און אַרויספאָרן די לאָקאָמאָטיוון, וואָס נויטיקן זיך אין רעמאָנט. מערסטנס גייען אין קיך אַריין שיילן די קאַרטאָפל און וואַשן די בלייערנע

שיסעלעך. זיי גייען גערן אַהין אַרבעטן, ווייל דאָרט קאָן מען אמאָל באַקומען אַן איבעריקן ביסן.

דער באַראַק מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַכסניה. מען גייט אַוועק און מען קומט צוריק. דער בריגאַדיר איז אַ דאַרער יונגערמאַן, מיט אַ געל, וואַקסן פּנים, מיט האַלב־פאַרמאַכטע הינערשע אייגעלעך. ער צעשיקט די אַרבעטער, לויט די באַקומענע נאַריאַדן, יעדן פרימאָרגן. אָפט שליסט ער זיך אַליין איין אין איינע פון די בריגאַדעס.

מיך האָט דער בריגאַדיר סעוואַ אויפגענומען מיט גרויס חשק. ער האָט מיך געקענט נאָך פון קלוב, ווען ער פלעגט ביי מיר באַקומען ביכער צו לייענען און אמאָל אויך אַריינכאַפּן אַ דאַמקע.

— דו, מאַרקאָוויטש — האָט ער מיר געזאָגט — וועסט ביי מיר וויסן פון אַ לעבן. דו וועסט מיר צוהעלפן מאַכן די באַריכטן — דו ביסט דאָך אַ גראַמאָטנער. אלא, אַרבעטן, נישט געזאָרגט. דו ווער נאָר וואָס שנעלער געזונט. „די אַרבעט איז נישט קיין וואָלף, זי אַנטלויפט נישט אין וואַלד אריין״. ארבעט וועסטו דאָ האָבן געננוג: שרייבן פאַר דער חברה ביטעס אויף באַגנעדיקונג. קיין קאַסאַציעס, קיין אָנקלאַגעס שרייבט מען שוין נישט. שוין נמאס געוואָרן — סיי ווי העלפן זיי, ווי שניי צום הוסט.

דאָ וועט דיר קיינער קיין עוולה נישט טאָן. נאָר פאַר איינעם היט זיך, ברודער! פאַר דער „סוקע״ דעם נאַכט־דעזשורנעם. ביי אייניקע האָט ער דעם לעצטן גראָשן צוגענומען און מען מוז שווייגן, ווייל ער איז אַן אַריינגייער צום „אָפּער״, אָבער זיינס וועט ער באַקומען מיט דער צייט. קיין עוולה ווערט נישט פאַרשוויגן.

דער שכל קומט צו שפּעט...

דאָס פאָלקס־ווערטל לערנט: „אַז דער סוף איז אַ גוטער, איז אַלץ גוט״. אויך אויף מיר איז דאָס קלוגע ווערטל געזאָגט געוואָרן. דער מערדער, וואָס האָט אַ שיט געטאָן אַ לאָפּאַטע קוילן־שטויב מיר אין פּנים אַריין און מיך שיער נישט דערהרגעט, וואָלט עס זיכער נישט געטאָן, ווען ער וואָלט

גערווסט, אַז אַזוי אַרום וועל איך באַפרייט ווערן פון דער שווערע אַרבעט.

איך האָב דערהאַלטן מיטאַמאָל דריי בריוו פון דער היים און דאָס פּעקל מיט וויכטיקער שפּייז.

ביז עס איז אָנגעקומען דער גוטער ענטפער פאַר מיר פון סאַלעכאַרד איז ס׳איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז איך בין ווייט נישט אַזאַ פאַרברעכער, וואָס איז געשטעמפּלט געוואָרן מיטן פּאַראַגראַף 2־54, האָט, ווייזט אויס, דער „אָפּער" מיעדוויעדיעוו אויסבאַהאַלטן מיינע בריוו.

אינעם פּעקל איז געווען טרוקענער וווּרשט, צוקער, געשמאַקע געלע קיכעלעך מיט ציבעלעס, וואָס ווערן גאָר נישט אַלט־געבאַקן, פּופּצן גרויסע אוקראַינישע ציבעלעס און עטלעכע קעפּלעך קנאָבל. יעדע ציבעלע און קנאָבל איז געווען זאָרגפעליק איינגעפּאַקט באַזונדער אין וואַטע און אין פּאַפּיר. זיי זענען געווען פריש, זאַפטיק און געשמאַק.

לויט די בריוו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין מינדעלע איז צופרידן, וואָס איך אַרבעט אין ביבליאָטעק, נאָר דאָס אַרויסגעבן די וואַנט־צייטונג האָט זי נישט געפרייט, אפילו געשראָקן.

וועגן זון און איר האָט זי געבעטן נישט זאָרגן. זי האָט באַקומען אַרבעט אין אַ פאַבריקל פון קינדערישע האַרמאָניקעס, זי מאַכט פּודעלעך פון קאַרטאָן פאַר זיי. דער זון לערנט זיך אויסגעצייכנט און באַקומט אַ סטי־פּענדיע. ליידער, האָט זי אויף אַלע אָנקלאַגעס באַקומען נעגאַטיווע תשובות, אָבער זי וועט נישט אויפהערן צו קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט...

מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט. איך בין שוין אויך געגאַנגען אין דעפּאָ אָפּצורייניקן דעם שניי פון די רעלסן, אָדער אָנלאָדן מיט שניי די אָפענע פּלאַטפאָרמעס. אַ מיליטערישער וועכטער פלעגט אונדז צופירן ביזן טויער פון דעפּאָ. אינעווייניק זענען מיר געווען פריי, בלויז אונדזער בריגאַדיר סעווע איז געווען אונדזער עלצטער.

יעדעס מאָל פלעגן מיר זיך אַריינכאַפּן, לויט דער ריי, אין איינעם פון די וואַרשטאַטן זיך אָנצוואַרעמען, דערנאָך אַרויסגיין ווייטער אַרבעטן, אַזוי אַז די אַרבעט פלעגט נישט איבערמידן. אַמאָל פלעגן מיר פאַרענדיקן אונדזער אַרבעט פריער, זענען מיר געזעסן אין דער וואַרעם און צוגעקוקט זיך, ווי די מעכאַניקער, אויך אַזעלכע פאַרמשפּטע ווי מיר, אַרבעטן ביי די מאַשינעס,

ווי ס'לויפן די מעטאַלענע סטרוזשקעס קרייזלנדיק זיך, ווי די פּאַהלעך ביי די חסידים, און זילבערן זיך אין דעם אַרום מיט גלאַנץ און חן.

אָפטמאָל פלעג איך דער חברה דערציילן אַ „ראָמאַן״ מיט „פאַרזעצונג קומט״, ווייל פונדערווייטנס האָט זיך געלאָזט הערן דער גאַנג, וואָס האָט אונדז גערופן זיך אומצוקערן צוריק אַ„היים״, אין לאַגער אַריין.

ביי דער אַרבעט אין דרויסן, אויף דער פרייער לופט, האָב איך זיך געפילט בעסער ווי אין באַראַק. די פענצטער זענען געווען שטענדיק פאַרמאַכט, אפילו צוגעקלאַפּט. גאַנצע טעג פלעגן אייניקע פון די עלטערע נישט אַרויסגיין פון באַראַק, האָט זיך דאָרט געפילט אַ ריח פון טוכלעקייט, פון שימל. עטלעכע קראַנקע מענטשן פלעגן נישט אויפהערן צו קרעכצן און איינער פלעגט תמיד רעדן צו זיך אַליין. ער איז, ווייזט אויס, געווען גערירט אויפן קאָפּ.

די עלטערע, וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך, פלעגן זיך איבערעסן מיט די רעשטלעך פון שפייז, וואָס פלעגט בלייבן, האָבן זיי שטענדיק געהאַט פולע בייכער און פאַרשפרייט אַרום זיך אַ שאַרפן אומאָנגענעמענעם ריח.

איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איך פלעג ביי יעדער געלעגנהייט אַוועקגיין אין קלוב אַריין צו אַרקאַדיען. כאָטש די פּרעסע פלעגט אָנקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ 10 טעג, דאָך פלעג איך זי לייענען מיט אינטערעס. זי האָט מיך ווי צונויפגעקניפּט מיטן פאָדעם פון דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, פון וועלכן מען האָט מיך מיט געוואַלט אָפּגעריסן.

אַרקאַדיע, דער געוועזענער בוי־אינזשעניער, האָט זיך שוין געפילט בעסער אין געזונט, כאָטש זיין בלוט־דרוק האָט איבערגעשטיגן 200. ער האָט זיך ווי געפילט שולדיק לגבי מיר, וואָס ער האָט פאַרנומען מיין אָרט אין ביבליאָ־טעק, בפרט נאָך ווען איך האָב אים דערציילט וועגן טעות אין די פאַראַ־גראַפן, וועלכער איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן.

— זייערע טעותים זענען אָפט בייזוויליקע — האָב איך זיך אַרויסגעזאָגט. און לרוב זענען זיי געווענדעט קעגן די, וואָס זיי האָבן אַזוי נישט ליב, קעגן די יידן.

— עך, מאַרקאָוויטש, נישט זיי האָבן דעם טעות, נאָר מיר, איך און איר און נאָך אַ סך, אַ סך אַזעלכע ווי מיר. מיר האָבן געמיינט, אַז נאָך דער

אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועט מיטאַמאָל אויסגעוואָרצלט ווערן דאָס בייזע, דאָס שלעכטע, דער אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע קרענק, מיט וועלכע דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז אַזוי רייך געווען. מיר האָבן געמיינט, אַז אין פרייען ראַטנפאַרבאַנד וועט שוין נישט זיין קיין אָרט פאַר ראַסן־האַס, פאַר אומ־גלייכהייט פון נאַציעס, פאַר נויט פון די אַלע, וואָס לעבן פון זייער אָרנט־לעכער מי און אַרבעט. דערפאַר האָבן מיר יידן, די געליטענע פון די צאַרישע פאָגראָמען, פון „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״, (געביטן, ווו יידן האָבן געמעגט וווינען) פון באַגרענעצונגען, זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר אַ בעסערן מאָרגן... ווו זענען זיי די יידן, די רעוואָלוציאָנערן, די קעמפער אַהינגעקומען ?

— יאָ, איר זענט גערעכט, אַרקאַדיע ! האָב איך אים געענטפערט.

— נאָכדעם ווי סטאַלין, דער אָפּגאָט פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט געוואַגט אָנצושרייבן אין זיין בוך, אַז „יידן זענען קיין נאַציע נישט״, פּונקט ווי היטלער האָט אומעטום אונטערגעשטראָכן „יודן ניכט אין אַכט גענאָמען״, האָט ער שוין אָנגעצייכנט דעם גורל פון די יידן. אפילו ווען די יידן האָבן נאָך דער גרויסער שחיטה פון 6 מיליאָן, מיט דער מיטהילף פון ראַטנפאַר־באַנד, געשאַפן אַן אייגענע מלוכה „ישראל״, דאָס הייסט, זיי האָבן שוין געהאַט זייער טעריטאָריע, צי האָט ער דען געפונען פאַר נויטיק אויסצו־בעסערן זיין באַצייכענונג, אַז „יידן זענען נישט קיין נאַציע ?״ און ווען איך האָב עס געוואַגט פאַר דעם פּראָקוראָר גרופּין אַרויסזאָגן, האָט מען מיך באַשולדיקט אין „ווידערשפּעניקן די טעאָריעס פונעם גרויסן פירער״. און איצט, נאָך סטאַלינס טויט, צי האָט עמעצער געפּרווט צו פאַריכטן דעם פאַרדריסלעכן טעות ?

— יאָ, דער „שכל קומט נאָך די יאָרן״, זאָגט מען. פאַרוואָס בין איך מיט מיין פאַמיליע נישט אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן, ווען איך האָב געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט אין דעם 1946 יאָר ? פון דאָרט וואָלט איך געקענט פאָרן צו זיך אין לאַנד אַריין, קיין ארץ ישראל. צי איז דאָס נישט געווען מיין טעות, וואָס האָט זיך אין מיר נוקם געווען ערשט אין 1953 יאָר ?

— יאָ, די יידישע אינטעליגענץ האָט נישט איינמאָל אַזעלכע טעותים

געמאַכט און באַצאָלט פאַר זיי מיטן אייגענעם קאָפּ: און איך, און איר, מאַרקאָוויטש, צוזאַמען מיט אַלעמען...

— עס איז פּאַראַדאָקסאַל, אַרקאַדיע — האָב איך מיט אַ געמאַכטן שמייכל פאַרענדיקט אונדזער געשפּרעך, אַז דווקא איז לאַגער, אין זאַפּאָלאַריע, קענען מיר זיך דערלויבן צו פירן אַזאַ געשפּרעך. צי וואָלטן מיר וועגן דעם גערעדט אויף דער פרײַ? אַט אַזעלכע געשפּרעכן וואָלטן דאָך אונדז געהאָלפן צו געפינען דעם מער ריכטיקן וועג פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער.

— וואָס־זשע מיינט איר, מאַרקאָוויטש, מיט דעם צו זאָגן? אַז מיר מיט אייך זענען דאָ אויף דער פרײַ און זיי דאָרטן זענען אין אַ גרויסן לאַגער? — האָט אַרקאַדיע פולבאַדייטנדיק באַמערקט.

די „פּורגאַ", דער שניי־שטורם

די פלאָג פון זאַפּאָלאַריע איז געווען די פּורגאַ. פּלוצים יאָגן אָן פון צפונדיקן אייז־אָקעאַן געוואַלדיקע שטורם־ווינטן, וואָס רייסן זיך מיט אַ ווילדן געוואַל, מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. זיי טראָגן מיט זיך בערג מיט שנייען, שטיינער, און אַלץ וואָס זיי באַגעגענען אין וועג שלעפּן זיי אַריין אין זייער ווילדן, געפערלעכן טאַנץ. ווי איז צו די, וואָס די פּורגאַ האָט זיי געטראָפן אין די רחבותן פון זאַפּאָלאַריע. קיין רעטונג און קיין באַהעלטעניש איז פאַר דער פּורגאַ נישטאָ. מען האָט מיט שרעק דערציילט וועגן פאַלן, ווען גאַנצע בריגאַדעס אַרעסטאַנטן, צוזאַמען מיט זייערע היטער און הינט, זענען בשעת דער פּורגאַ אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. מען האָט זיי אַרומגעזוכט נאָך דער פּורגאַ און זייער געביין נישט געפונען.

דאָס איז אַלץ געווען פריער, איצט האָבן שוין די מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציעס פאַרויסגעזען און פריצייטיק געמאָלדן וועגן דעם אָנקומען פון דער פּורגאַ. אין דעם טאָג האָט מען שוין קיינעם נישט געטריבן צו דער אַרבעט, אויסער די טויערן פונעם לאַגער. מיט שוועריקייטן, האַלטנדיק זיך ביי די גראָבע שטריק, וואָס האָבן זיך געצויגן פון יעדן באַראַק צום עס־

צימער, פלעגן מיר אַריבערגיין אין קיך אַריין העלפן שיילן די פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, אָדער וואַשן די כלים... עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, דער מענטש האָט אויסגעזען ווי אַ שניי־גולם מיט זיינע האַמעטנע, געמאָסטענע טריט, אָנגעשטרענגטע באַוועגונגען און האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. אויב אין דער אַרומיקער לופט פון זאַפּאָלאַריע איז שטענדיק געווען אַ מאַנגל אין זויער־שטאָף, איז אין דער צייט פון דער פּורגאַ די לאַגע נאָך מער פאַרשווערט געוואָרן.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די בריגאַדע אונדזערע פון לייכטע אַרבעטן איז געווען דערשטוינט און דערשראָקן ווען אין אונדזער באַראַק איז געקומען אינדערפרי דער „קלאַדאָווששיק״ — דער סקלאַד־אָנפירער פון די ווינטער־קעלערס, ווו מען באַהאַלט אויס די זאַפּאַסן פון קאַרטאָפל, זויער־קרויט, געזייערטע אוגערקעס און פּאָמידאָרן, און געמאָלדן, אַז דוקא היינט, אין דעם טאָג ווען עס דערנענטערט זיך די פּורגאַ, וועט ער אונדזער בריגאַדע נעמען אין די קעלערן איבערצוקלייבן די קאַרטאָפל.

— סטייטש ? — האָבן אייניקע געשריגן — קיינעם טרייבט מען היינט נישט צו דער אַרבעט, ווי קען מען עפּעס טרייבן אינוואַלידן, קראַנקע מענטשן ?

— די קעלערס געפינען זיך נישט ווייטער ווי איין קילאָמעטער פון לאַגער. די פּורגאַ הייבט זיך ערשט אָן. מיר וועלן נאָך באַוויזן אַריבערצוקומען אַהין. און דאָרט אונטער דער ערד איז וואַרעם, דאָרטן וועלן מיר קענען בראָטן פאַר זיך קאַרטאָפל. סאיז נישט געפערלעך — האָט ער אונדז גע־פּרוווט באַרויקן.

— מוחל די טובות ! — האָבן זיך געהערט געשרייען — פּונקט היינט איז אים אָנגעקומען צו טרייבן אינוואַלידן איבערצוקלייבן די קאַרטאָפל !...

אונדזער דעצידירטע שטעלונג איז אים נישט געפעלן.

פלוצים איז אַריין אין באַראַק אַריין דער „אָפּער״ מעדוויעדיעוו. אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער אויפטו איז זיינער. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ צעטל פון פופצן פאַרשוין פון אונדזער בריגאַדע וואָס זענען באַשטימט צו גיין אין די קעלערס. די גאָר שוואַכע און קראַנקע

האָט ער נישט אַריינגעשטעלט אין צעטל. מיך האָט ער נישט אויסגעמיטן, אויך נישט דעם בריגאַדיר.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען מיר שוין געשטאַנען אין דריי שורות ביים טויער פון לאַגער. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין די לאַנגע וואַטענע בושלאַטן, אין די וואַלענקעס. די אויערן פון די פוטערנע היטלען זענען געווען אַראָפּגעלאָזט און צוגעבונדן ביים האַלדז. ביים טויער איז געשטאַנען אין דער לינקער זייט דער יונגער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער און דער באַלעבאָס פון סקלאַד. קיין שום מיליטערישע וואַך איז נישט געווען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָר ער, דער יונגער, וועט אונדז פירן.

ווי נאָר מען האָט געעפנט די טויערן און אַ שניידנדיקער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין אונדזערע פנימער, האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן און אויסגעשריגן צום נאַטשאַלניק:

— ווי שעמט איר זיך נישט? קיין הונט טרייבט מען נישט אַרויס אין דרויסן איז אַזאַ טאָג!

דער נאַטשאַלניק האָט זיך אָפּגעקערט, ווי נישט אים מיינט מען. און באַלד האָבן זיך פאַרמאַכט די טויערן.

ריי נאָך ריי זענען מיר געגאַנגען געאָרעמט פון ביידע זייטן, דער ווילדער ווינט האָט געשמיסן מיט שטעכלדיקע נעדעלעך אין די טיילן פון די פנימער, וואָס זענען געווען אָפן. קיין וועג האָבן מיר פאַר זיך נישט געזען. די בערג שניי זענען געוואַקסן אַלץ העכער און מיר זענען געזונקען אין זיי אַלץ טיפער. פון די דריי שורות איז געוואָרן איין געפלאָכטענע שורה. דער ערשטער איז געגאַנגען דער יונגער און געשלעפּט נאָך זיך די לאַנגע קייט פון אומגליקלעכע, דערשראָקענע מענטשן. דער שטורם האָט געראַוישט אין די אויערן, די נאָזלעכער זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט שניי און שווער געמאַכט דאָס אָטעמען. אלעמאָל האָט זיך אַן אַנדערער אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן, נאָר זיינע שכנים האָבן אים מיט אַלע זייערע כוחות אויפגעהויבן און געשלעפּט ווייטער.

יעדער האָט געפילט, אַז נאָר די אַלגעמיינע קייט קען אונדז ראַטעווען. מען טאָר נישט דערלאָזן, זי זאָל איבערגעריסן ווערן, ווייל דאַן וועט די צעבושעדיקע פורגאַ אונדז צעזייען ווי שטויבעלעך שניי.

דעם נאָענסטן שכן דיינעם האָסטו מער געפילט ווי געזען, די ווייטערדיקע זענען ווי פאַרשווונדן אין נעפּל.

עס איז שווער צו פאַרשטיין, פונוואַנען האָבן זיך צו עלטערע קראַנקע מענטשן גענומען אַזעלכע כוחות?! סאיז אמת, אַז קיינער וויל נישט אומ־קומען פאַר דער צייט. אין צייט פון לעבנס־סכנה דערוועקן זיך אין מענטשן פאַרבאָרגענע פּאָטענציעלע כוחות, וואָס העלפן אים קעמפן און אויסדויערן...

דער וועג איז אָן אַ סוף. דער יונגער פירער האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג געשלעפּט אַלץ ווייטער און ווייטער. ווי לאַנג מיר זענען געווען אין וועג, איז שווער צו וויסן. מיר זענען געווען אָן אייביקייט... מיר האָבן געשטורעמט די פורגא מיט דעם כוח, מיט וועלכן זי האָט אונדז אטאקירט. ערשט ווען מיר זענען אַריבער די געפאַר און אַריין אין די אונטערערדישע קעלערן, האָבן מיר אָפּגעלאָזט איינער דעם צווייטן. ווי מיט צוואַנגען זענען מיר געווען גע־קניפּט און געבונדן. יעדן פון אונדז האָט אַרומגענומען אַזאַ שוואַכקייט, אַז די פיס זענען נישט בכוח געווען צו טראָגן דעם קערפּער. די מוסקולן פון די הענט און פיס זענען געווען ווי פאַרשטיינערט פון אָנשטרענגונג. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די ברעטער, אויף וועלכע עס זענען געווען צעלייגט די קאַרטאָפל, און געאָטעמט שווער די טוכלע אונטערערדישע לופט. יעדנס האַרץ האָט געאַרבעט פאַר דריי. דער שטערן איז געווען באַדעקט מיט קאַלטן שווייס און אין די שליפן האָט געהאַמערט: „טאַך, טאַראַראַך!"

דער יונגער פירער האָט זיך באַהאַלטן ביי זיך אין קעמערל. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייטן. געוויס האָט אים באַנג געטאָן אויף דער גאַנצער אַוואַנטורע. אויב מיר, פאַרמשפּטע, האָבן געמוזט אויספירן דעם בערס, מיעדוויעדיעווס, באַפעל, אָבער ער האָט זיך דאָך געקענט אָפּזאָגן.

קיין ארבעט האָט ער פון אונדז נישט געפאָדערט. ווען מיר זענען געקומען צו זיך, האָבן מיר אָנגעהויבן בראָטן קארטאָפל. מיר האָבן אויפגעריסן א פאס מיט זויערע גרינע פּאָמידאָרן און פארביסן. ערשט שפּעטער האָבן אייניקע פון אונדז, וואָס האָבן זיך בעסער געפילט, אָפּגעקליבן די בעסערע קארטאָפל און געלייגט זיי באַזונדער. די צוגעפוילטע און געפרוירענע האָבן מיר געלייגט באַזונדער. זיי וועלן זיכער צונוצקומען פאר די פארמשפטע

אין די לאגערן. נישקשה, די פארמשפטע קענען עסן זיסלעכע, פארפרוירענע קארטאָפל אויך. די גוטע קענען נאָך פארשאַטן. זיי דארף מען אָפּקלייבן פאר די מיליטערישע היטער און פאר דער נאטשאלסטווע...

מען קלייבט זיך אין וועג אריין

די פּורגא האָט געווילדעוועט ביזן אָונט. די וועגן זענען געווען פארשאָטן מיט בערג שניי. כדי צו מאַכן פאר זיך אַ וועג אין לאגער אריין, האָבן מיר געמוזט אָפּרייניקן דעם שניי פון וועג מיט ברייטע לאָפּאטעס, געמאכטע פון דיקט. אינגאנצן זענען געווען צוויי לאָפּאטעס. האָבן געארבעט לויט דער ריי צוויי, נאָך זיי אנדערע צוויי. אזוי ארום האָבן מיר זיך אלץ מער דערנעענטערט צום לאגער. צוויי פון אונדזערע זענען געווען אזוי אָפּגעשוואכט, אז זיי האָבן נישט געקענט גיין אויף זייערע אייגענע פיס. יעדן איינעם פון זיי האָט מען אונטערגעהאַלטן אונטערביידע הענט און כמעט געשלעפּט.

ווען נישט די מידקייט פון קערפּער, אָפּגעטעמפּטקייט פון מוח און אלגעמיינער אפּאטיע, וואָס האָבן אלעמען באַהערשט, וואָלט מען אפשר באמערקט די שיינקייט פונעם ארום, ווי דער שניי איז איצט נישט געווען ווייס, נאָר רויטלעך־בלוי, פיאָלעט קאָליר; ווי פון אויבן האָבן געשוועבט פילפארביקע קלאָטשיקע כמארעס אזוי מאיעסטעטיש, מיט קעניגלעכן גלאנץ. אפשר וואָלט מען באמערקט דעם רייץ פונעם פּאָליארישן מאָרגענשטערן. נאָך א רעגן, האָב איך געטראכט, קומט דער פיל־פארביקער רעגנבויגן; ווי מען זאָגט, איז ער א צייכן פון גאָט, אז עס וועט שוין קיינמאָל קיין מבול נישט זיין. דער צפונדיקער מאָרגנשטערן קומט, ווייזט אויס, נאָך דער פּורגא. ער איז ברייטער און שענער פונעם רעגנבויגן. וואָס באווייזט ער אונז? וואָס פאר א נבואה קומט ער אונדז אָנזאָגן?

אין לאגער האָט מען אונדז אויפגענומען ווי מיר וואָלטן געקומען פון א לויה. אונדזערע פארקרומטע פנימער, אומעטיקע, גלייכגילטיקע אויגן און

בלייכע געזיכטער האָבן שוין אליין פאר זיך דערציילט וועגן אונדזערע שווערע איבערלעבונגען אויפן געפערלעכן וועג. די צוויי — גאָר קראַנקע, אונדזער בריגאַדיר סיעמיאָנען און דעם „סובאָטניק" לאַריאָנען האָט מען אריינגעלייגט אין איזאָלאַטאָר. קיינער פון אונדז איז נישט געגאַנגען אין עס־צימער עסן אָוונטברויט. ווי נאָר מען איז אריבער די שוועל פון אונדזער באַראַק, איז מען באַלד געגאַנגען שלאָפן. איך האָב קוים ארויפ־געקלעטערט אויף דער אויבערשטער נאַרע. שלאָפן האָב איך נישט געקענט. איך האָב געטראַכט וועגן דעם, ווי הפקר איז דער מענטש, ווי נישטיק איז זיין לעבן דאָ און וועגן דעם לאַטייניש שפּריכוואָרט, וואָס איך האָב אמאָל געלערנט אין שול: „האָמאָ האָמיני — לופּוס עסט" — א מענטש איז א וואָלף פאר א צווייטן מענטשן ווי ער".

די חברים, וואָס זענען פארבליבן אין באַראַק, האָבן איבערגעגעבן די נייעס פון טאָג. ס'איז א סברה, אז מען שיקט אונדז שוין אוועק פון דאַנען. די געלע פעלדשערין, דעם קולט־אָרגס ווייב, וואָס גייט אָן אין עטלעכע לאַגערן אלס הויפּט־דאָקטאָר, האָט במשך פונם גאַנצן טאָג צוזאַמען מיטן לאַגער־דאָקטאָר אַלעקסאַנדער לוואָוויטש אדורכגעפירט א מעדיציניש איבערזיכט פון די לאַגערניקעס און פארשריבן וועגן זייער געזונט־צושטאַנד אין די גרינע אינדיווידועלע קאַרטלעך. לויט דער מיינונג פון די אַלטע לאַגערניקעס, די „ספּעצן", איז כמעט זיכער, אז מען וועט אונדז די טעג אריבערשיקן אין אַנדערע לאַגערן. די נייעס האָט כמעט יעדן דערפרייט. ווייטער אויף צפון וועט מען נישט שיקן, ווייל אויפן צפונדיקן אייז־אָקעאַן זענען קיין לאַגערן נישטאָ. מיר זענען שוין גענוג אין זאַפּאָלאַריע. העכער פינף חדשים. אויף דרום איז איצט שוין פרילינג. ס'בענקט דאָס האַרץ נאָך א גרין גרעזל, נאָך א בוים. דאָרט וועט שוין זיין זיכער גענוג זויערשטאָף אין דער לופט, ס'וועט לייכטער זיין צו אָטעמען. וואָס מער אויף דרום, האָב איך א טראַכט געטאָן, אלץ נעענטער צו מיין ווייב, צו מיין זון, צו מיין היים.

— יאָ, טייערינקער, נעענטער, אלץ נעענטער, ביז מיר וועלן זיין צו־זאַמען... — האָב איך פלוצים דערהערט אַזאַ וואַרעם, צאַרט קול פון מיין ווייב.

— ס'איז שוין צען דער זייגער. ס'איז אונדזער צייט... אלץ פונעם ארום

איז פאַרשוווּנדן, איך האָב זיך דערפילט אַ סך מונטערער. אַ מוטערלעכע וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב זיך געטוליעט צו איר, ווי אַ פּיצל קינד צו דער מאַמעס ברוסט... און איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס בין איך אויך אַדורכגעגאַנגען אַ מעדיצינישן איבערזיכט. מיך האָט באַטראַכט די געלע דאָקטאָרין. אויך זי האָט באַשטעטיקט, אַז דער בלוט־דרוק איז ביי מיר געהעכערט. דערנאָך האָט זי זיך בּאַראַטן וועגן מיר מיטן לאַגער־דאָקטאָר. ער האָט, ווייזט אויס, געראַטן, מען זאָל מיך אַריבערשיקן אין אַ מער דרומדיקן לאַגער. מיין ווייטערדיקער גורל איז שוין געווען באַשטימט.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין איזאָלאַטאָר זעען זיך מיט אונדזער בריגאַדיר און מיטן „סובאָטניק".

סיעמיאָן האָט זיך שוין בעסער געפילט, כאָטש אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ דאַרער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן און מיט אַ בלאַס פּנים. זייער אָפט פלעגט ער זיך פאַרקילן און הוסטן, הוסטן, ווי ער וואָלט געהאַט די אַסטמע.

ער — סעמיאָן איז שוין לאַנג אין די לאַגערן. ער קומט אָפּ זיינע 25 יאָר שטראָף נאָך פונעם 1945 יאָר. ער איז אַ רוס און שטאַמט פון אַ דאָרף, נישט גאָר ווייט פון לענינגראַד. ווען די דייטשישע אַרמיי האָט אַרומגערינגלט לענינגראַד, איז זיין דאָרף געווען אויף דער זייט פון די דייטשן. ער איז נאָך דאַן געווען גאָר יונג, אינגאַנצן אַלט געווען 17 יאָר. די דייטשן האָבן אַלע יונגע אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. ער ווידער האָט געפונען אַן אויסוועג, כדי צו פאַרבלייבן אין דאָרף מיט זיין מוטער. ער איז אַריין אין דער דאָרפישער פּאָליציי. נאָכן פאַרטרייבן די דייטשן האָט מען אים פאַרמשפּט אויף טויט־שטראָף און פאַרביטן אים צוליב זיין גאָר יונגן עלטער אויף 25 יאָר אויסבעסערונג־אַרבעטס־לאַגער. אין די באַדינגונגען פון די לאַגערן, ביי דער שווערער אַרבעט, איז ער איינגעשרומפּן געוואָרן, ער האָט ווייזט אויס, געליטן אויף די לונגען. אין יעלעצקער לאַגער האָט מען אים באַשטימט פאַרן בריגאַדיר פון די אינוואַלידן און בכלל קראַנקע מענטשן. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַרן נאַכט־דיזשורנעם, פאַר דעם „סוקע" אָן דער

האנט. ער האָט צוגעזען ווי יענער באַעוולט מענטשן פון זיין בריגאַדע, נעמט צו ביי זיי דעם לעצטן גראָשן, טיילט זיך מיט זייערע פּעקלעך, וואָס זיי פלעגן באַקומען, נאָר ער האָט געשוויגן. ער, סיעמיאָן, האָט נישט אויפגע־הערט צו רעדן ניבול פה וועגן פרויען, אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט זיי כמעט נישט געזען במשך פון די 8 לאַגער־יאָרן. אפילו אין שלאָף פלעגט ער אויסשרייען אויף א קול: „קאַטיאַ, איראַ" און צוגעבן א יופּע, אַ ריין רוסישע דערצו.

דער צווייטער, לאַריאָן, איז שוין אָפּגעקומען די צווייטע שטראָף, א הויכער דאַרער פּאַרשוין, מיט אַ בלאָנד קלאָטשעוואַטע בערדל, גרויסע ברעמען און ווייס אויף די פאַרחלומטע אָנפאַרביקע אויגן. ער איז שטאַרק ענלעך געווען צו איינעם פון די אַפּאָסטאָלן. זעלטן ווען ער פלעגט מיט עמעצן רעדן. זיינע ליפּן האָבן שטענדיק געשעפּטשעט אַ תפילה, אדער פּסוקים פונעם תנ"ך, אָפּטמאָל גאַנצע קאַפּיטלען תהילים. אפּט פלעגט ער אדורכפירן תעניתים, איז קיין וווּנדער נישט וואָס ער איז געווען זייער שוואַך. די שטראָף, וועלכע ער איז אָפּגעקומען, האָט ער געהאַלטן, איז פון גאָט, דעריבער טאָר מען זיך נישט קלאָגן. ער האָט פאַרמאָגט אן עוואַנגעליע אין א גרויסן פאָרמאַט, אין דער רוסישער שפּראַך. די שענערע ערטער, וועלכע זענען אים אַממערס־טנס געפעלן, האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט א רויטן בלייפעדער. די ערטער האָט ער געקענט פון אויסנווייניק און האָט זיי ארויסגעזאָגט מיט א שטילער, בנעימותדיקער שטימע ביי יעדער געלעגנהייט.

וועגן לאַריאָנען פלעגט מען דערציילן אויסטערלישע זאַכן פון זיין ביאָג־ראַפיע: זיינע עלטערן זענען געווען רוסישע אינטעליגענטן, רעוואָלוציאָנערן. דעם טאַטן זיינעם האָט מען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע, קיין סיביר. די מוטער האָט דאַן געשוואַנגערט מיט אים, זי האָט מען פאַרשיקט אויף קאַווקאַז, אין טורמע האָט זי אים געבוירן. דעם זון האָט מען ביי איר צוגענומען און אוועקגעגעבן אן אלט פאָרפאָלק, וואָס האָבן קיין אייגענע קינדער נישט געהאַט. זיי האָבן אים גערופן לאַריאָן. די נייע עלטערן זענען געווען טיף רעליגיעז, האָבן זיי געוואָלט פון לאַריאָנען

מאכן א גייסטלעכן. זיי פלעגן אים אָפּט פירן אין קלויסטער אריין, געלערנט אים „מאָליען״ זיך. בכלל איז אים געפעלן זייער מאָנאכיש לעבן, זייער אָפּט פאסטן און דאווענען. די עלטערן האָבן אים אויך ארייגעצויגן אין דער סעקטע פון די „סובאָטניקעס״, אָט די פרומע קריסטן, וואָס האלטן פון פראווען שבת.

ער איז אויסגעוואקסן. די אלטע עלטערן זענען געשטאָרבן. האָט ער זיך פארנומען מיט שטעלן איוונס אין פויערישע כאטעס. קיין סך האָט ער נישט באדארפט, ער האָט געלעבט אָרעם, נאָר צופרידן. יעדע פרייע מינוט פלעגט ער זיצן און לערנען אין דער עוואנגעליע. ווען מען האָט אים צוגענומען אין דער רויטער ארמיי, אלס זעלנער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען די ביקס אין דער האנט אריין.

— הרגע נישט! זאָגט דער אויבערשטער. און מיט אַ ביקס קען מען הרגענען. — האָט ער געטענהט. און וויפיל מען האָט אים נישט געדראָט און געפייניקט— ער איז געבליבן ביי זיינעם.

פאר דעם „פארברעכן״ האָט ער באקומען 10 יאָר לאגער. מיט אויסדויער, ארבעטנדיק אָרנטלעך, מיט תפילות און פסוקים אויף די ליפּן, איז ער איבערגעקומען זיין ערשטע שטראָף. זיינע צווייטע צענדליק יאָר האָט אים די „טרויקע״ פארלענגערט אויטאָמאטיש, ווייל „קיין אויסבעסערונג״ האָבן זיי אין אים נישט געזען.

— פאר אזעלכן, האָבן זיי געטענהט, קען זיין אן אָרט: אָדער אין לאגער, אָדער אין הימל...

קיין דרום

אפּריל, 1954. דאָס רוסישע שפּריכוואָרט זאָגט: „פונעם גוטן — א ביסעלע״. מיר האָבן פארזוכט דעם טעם פון דער זאפּאָלאריע, מיט אירע שנייען און ווינטן, מיט איר דעפיציט פון זויער־שטאָף אין דער לופט, וואָס האָט אונדז אָפּגעשוואכט די הערצער און געהויבן דעם בלוט־דרוק, מיר האָבן

זיך באקענט מיטן בער פון זאפּאָלאריע, מעדוויעדיעוון. געגוג! איצט איז געקומען די ריי אויף אנדערע קרבנות. אונדז פירט מען איצט אויף דרום. פריילעכער קלינגט איצט אין די אויערן דאָס קלאפּן פון די רעדער, דער עולם איז געוואָרן אַ סאך מונטערער ווי פריער. מען רופט אָן די נעמען פון די לאגערן, וואָס געפונען זיך אין וועג און מען פרוווט טרעפן, וווּהין מען פירט אונדז.

— נאָר נישט קיין וואָרקוטא! אהין וואָלט געהייסן „פון פייער אין פלאם אריין" — אזוי וואָרענען די אלטע לאגערניקעס, וואָס האָבן שוין פארזוכט דעם טעם פון די לאגערן אין וואָרקוטא. מיר האָבן נאָך אדורכצופאָרן דעם באן־קנופּ, וואָס צעצווייגט זיך און דער וועג אויף רעכטס פירט קיין וואָרקוטא.

ס'איז קאלאמוטנע אויפן הארצן, עפּעס הייבט אָן צו נאָגן און דרוקן. די פרייד פונעם אוועקפאָרן פון זאפּאָלאריע ווערט ווי אויסגעוועפּט.

איך, אנאטאָלי און איוואן פּעטראָוויטש פאָרן דערווייל צוזאמען. איוואן פּעטראָוויטש ווייסט שוין וווהין ער פאָרט. מיט אים האָט וועגן דעם גע־שמועסט דער נאטשאלניק פונעם לאגער. אים פירט מען קיין קניאז־פּאָגאָסט. דאָרט וועט ער לייענען לעקציעס אויף אַ קורס, וואָס ווערט דאָרט אָרגאני־זירט פאר יונגע לאגערניקעס, וועלכע מען וויל צוגרייטן צום פאָרן אויף דער „צעלינא" אין קאזאכסטאן. ער וועט פאר זיי לייענען וועגן דעם געבוי פון טראקטאָרן און קאָמביינען און בכלל וועגן מאָטאָרן. ער איז איינגעגאנגען דערויף מיטן באדינג, ער זאָל באקומען פארעכנט נישט ווייניקער ווי דריי טעג פון זיין שטראָף פאר א טאָג ארבעט אין לאגער.

אנאטאָלי איז אים מקנא. ער איז גרייט אפילו צו ארבעטן ביי שווערע ארבעט אין וואלד, ביים זעגן ביימער, אבי וואָס שנעלער אָפּצוקומען זיין שטראָף.

איך טראכט גאָר אנדערש פון זיי. איך גלויב נאָך אלץ, אז די גערעכ־טיקייט מוז זיגן און איך וועל באפרייט ווערן, אפילו רעהאביליטירט ווערן, פאר דער צייט. עס איז איבעריק צו פטרן דאָס איבערגעבליבענע ביסל כוחות אויף שווערער פיזישער ארבעט.

אנאטאָלי וויל אויך פארדינען געלט, כדי צו שיקן זיין ווייב מיט די קינ־

דערלעך. אין יעלעצק האָט ער גענומען ביי לאַגערניקעס צען רובל פאַר אָנשרייבן אַן אָנקלאָגע אין די העכערע אינסטאַנצן, צוריקגענומען 100 רובל און אוועקגעשיקט זיין פּרוי.

די וואָס באַקומען „זאַטשאָטן" פאַר זייער סטאַכאַנאָוו־אַרבעט, באַקומען אויך מער געלט פאַר דער אַרבעט — דאָס אינטערעסירט אים אַממערסטן.

פּלוצים האָט איינער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד דורכן קליינעם פענצטערל, אויסגעשריגן מיט פרייד: „הוראַ! הוראַ! מיר זענען שוין אַריבער דעם וועג קיין וואָרקוטאַ!"

— הוראַ! — האָבן אויסגעשריגן אַ סך פון אונדזערע. זיין פרייד איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַריבער פון איינעם צום אַנדערן.

אַ קלייניקייט — אויסגעמיטן וואָרקוטאַ!

קיין סך אָפּשטעל־סטאַנציעס, זענען, ווייזט אויס, אויפן וועג נישט געווען. ווען דער באַן פלעגט זיך אָפּשטעלן האָבן מיר געוווּסט, אַז ערגעץ נישט ווייט פון דאַנען איז אַ לאַגער. דאָ וועט מען אַרויסרופן אייניקע פון די וואַגאָנעס, וועלכע זענען באַשטימט אין דעם לאַגער, אָדער עס דאַרפן צוקומען פרישע פּאַסאַזשירן פון דאַנען, געוויינלעך פון די לאַגערן.

ביי איינעם פון אַזעלכע אָפּשטעלן זיך פון דער באַן, זענען צו אונדז צוגעקומען צוויי נייע, דאָ האָבן מיר זיך אויך צעשיידט מיט אונדזער פריינט אַנאַטאָליע. ביים געזעגענען זיך זענען מירביידע געווען צערודערט, אַזאַ אומגעריכטער ריס! צוזאַמען האָבן מיר אַדורכגעמאַכט לוקיאַנאָווקער טורמעס אין קיעוו, צוזאַמען געליטן אין יעלעצק — איצט, אַדיע! טייערער פריינט! ווער ווייסט, צי דער גורל וועט אונדז נאָך צונויפפירן, חברים אין דער נויט — זענען די אמתע חברים — האָב איך געטראַכט ביים געזעגענען זיך מיט אים. אַ שפּרונג אַראָפּ פונעם וואַגאָן, אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער הויך און שוין. אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט.

דער נייער אָנגעקומענער, וואָס האָט פאַרנומען אויף דער נאַרע דאָס אָרט פון אַנאַטאָליען, איז געווען גאָר אַ יונגער בחור.

„אוכטאַ" האָט ער אָנגערופן דעם לאַגער פון וואַנען ער איז געקומען און וווהין אַנאַטאָלי איז אוועק.

— ער וועט האַקן וועלדער דאָרט, פּאַפּאַשאַ, ווי איך. און באַקומען

„זאטשאָטן״ — דריי טעג פאר א טאָג — האָט ער צו מיר זיך געווענדעט, זענענדיק מיין צערודערונג.

אַ העל בלאָנדער בחור מיט יונגע בלויע אויגן, מיט פעסטע מוסקולן פון אן אטלעט, אזוי ענלעך צו מיין זון. ער האָט געטראָגן מיט זיך א מאָלער־ברעט מיט אַ קעסטעלע פארבן און אַ רוקזאק אויף די פּלייצעם. ער האָט מער אויסגעזען ווי א טוריסט און נישט ווי א פארמשפּטער.

וואָלאָדיע האָט מען אים גערופן. פון אים האָט געשפּרודלט מיט חשק צו לעבן, צו געניסן, צו ארבעט. ביים רעדן האָבן זיך באוויזן אַ פּאָר חן־גריבעלעך אויף די ראָזע באקן, די אויגן זענען תמיד געווען שמייכלדיקע.

ער האָט מיר דערמאנט אין מיינע שילער פון די אָוונט־קורסן פאר ארבע־טער. איך האָב זיך דערפילט מיט אים אזוי היימיש, ווי איך וואָלט אים געקענט שוין פון לאנג.

— וואָס האָט איר מיטגעבראכט מיט זיך? ס׳זעט אויס ווי א מאָלער־ברעט — האָב איך אים געפרעגט.

— יאָ, אַ מאָלער־ברעט. איך האָב ליב צו מאָלן, האָב איך זיך געמאכט א מאָלער־ברעט.

נישט ווארטנדיק אויף ווייטערדיקע פראגן, האָט ער אליין ארויסגענומען אַ פארוויקלטן ווייסן פּאפּיר, אָפּגעבונדן דאָס בענדעלע און צעוויקלט פאר מיר א בילד פון א יונג שיין מיידל, אליין זיך אוועקגעשטעלט אין א פּאָזע, ווי אייגער רעדט — נאט זעט, וואָס איך האָב אויסגעמאָלן מיט מיינע אייגענע הענט.

דאָס בילד איז געווען געמאָלן מיט קאָלירטע וואסער־פארבן. דאָס יונגע מיידל אויפן בילד האָט ווי א לעבעדיקע אראָפּגעקוקט מיט טיפע טרוימע־רישע אויגן.

אַ פארבאהאלטן שמייכעלע האָט זי פארמאָגט, וואָס האָט גערעדט וועגן איידלקייט, חכמה און לעבנסלוסטיקייט.

— איראָטשקא! איראָטשקא איז איר נאָמען, זי איז אַ סטודענטין — האָט וואָלאָדיע באמערקט.

— פון דער נאטור האָט איר זי געמאָלן? האָב איך געפרעגט.

— ווי קען איך זי מאָלן פון דער נאטור, ווען איך בין שוין באלד דריי

יאָר אין לאגער. אביסל פון איר פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט מיר צוגעשיקט, מערסטנס, ווי איך האָב זי פארגעדענקט, אָדער בעסער געזאָגט, אזעלכע, ווי איך האָב געוואָלט זי זען.

שפעטער האָט ער מיר אליין דערציילט א קורצע, נאָר אן אינטערעסאנטע געשיכטע פון זיין יונג לעבן:

זיין פאָטער האָט מען אריבערגעשיקט ארבעטן קיין מאָלדאוויע אויף זייער א וויכטיקן פאָסטן. אהין האָט ער אויך ארויסגענומען זיין פאמיליע: זיין פרוי, זיין זון וואָלאָדיען און זיין טעכטערל קאטיען. ער, וואָלאָדיע, האָט זיך געלערנט אין די עלטערע קלאסן פון דער שול, ער איז געווען א קאָמ־סאָמאָליעץ. און זייענדיק שוין א שילער פונעם צענטן קלאס, איז ער אפילו אויסגעקליבן געוואָרן אלס סעקרעטאר פון דער קאָמסאָמאָל־ארגאניזאציע. ער האָט ביז גאָר ליב געהאט זיין געזעלשאפטלעכע ארבעט. פריער פלעגט ער אין די פרייע שעהן מאָלן, עס איז געווען זיין „האָבי". איצט איז ער געווען אזוי שטארק פארנומען מיטן גרייטן זיך צו די מאטורע־עקזאמענס, מיט זיין געזעלשאַפטלעכער ארבעט און קיין צייט נישט געהאט צו מאָלן.

טרעפט אמאָל, אז די לערערין פון דער רוסישער שפראך אָרדנט איין א לעקציע אויף דער טעמע: „סטאלין און זיין געניאל ווערק וועגן דער רוסישער שפראך".

די לעקציע האָט געלייענט די לערערין אליין. נאָכדעם האָבן די שילער און שילערינס זיך געדארפט ארויסזאָגן.

אלע האָבן געשוויגן. אייניקע האָבן נאָר באטאָנט, אז די לעקציע האָט אין דער פולער מאָס אָנגעוויזן די גרויסקייט פון סטאלינס ווערק וועגן דער רוסישער שפראך און האָט ריכטיק אויפגעוויזן די פאלשקייט פון דער טעאָריע פונעם רוסישן לינגוויסט מאר.

די לערערין איז ווייזט אויס נישט געווען באפרידיקט מיטן ארויסזאָגן זיך פון די שילער און האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— נו, וואָלאָדיע מיכאילאָוויטש, זאָגט זיך אויך ארויס!

— איך האָב זיך געקווענקלט, דאָך האָב איך זיך ארויסגעזאָגט: „ס'איז פשוט נישט פארשטענדלעך, וואָס אזויפיל דורות האָבן געלערנט די טעאָריע פון מארן, עס זענען געווען אזויפיל געלערנטע שפראכקענער און פאר זיי

איז מאַרס טעאָריע געווען ריכטיק, ביז עס איז געקומען איינער, דוקא נישט קיין רוס, און האָט באוויזן, אז אלץ איז נישט ריכטיק, פאלש...

— אָט די ארויסזאָגונג מיינע האָט מיר זייער טייער געקאָסט — האָט ער פארענדיקט מיט אן איראָנישן שמייכל — זיבן יאָר אויסבעסערונג ארבעטס־לאגער, נישט פארענדיקט דאָס שול־יאר, און געוויינלעך נישט באקומען קיין מאטורע.

— דער גאנצער קלאס האָט אפילו אָרגאניזירט א שטרייק אויף עטלעכע טעג ווען איך בין נאָך געווען אין ארעסט. ס׳האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. פון אלע מיינע חברטעס און חברים איז מיר פארבליבן איין איראטשקע. אָט די אויפן בילד. זי שרייבט צו מיר די גאנצע צייט. און זי האָב איך טאקע ליב...

צווייטער טייל:

וויטשעגאָדסק

אין וויטשעגאָדסק

וואָס ווייטער מיר פאָרן אויף דרום, אלץ וואַרעמער ווערט דער אַרום. שוין פאַרשוווּנדן די שניי־ווייסע טונדרע מיט אירע קעלטן און ווינטן, מיט איר אייביק פאַרפרוירענער ערד. דאָ איז שוין די טייגע מיט אירע אומ־צאָליקע יאָדלעס, וואָס הערן נישט אויף צו גרינען במשך פון אַ גאַנץ יאָר. צווישלעך צעגייט דער שניי און אָן א שיעור ריטשקעלעך צערונען זיך אויף אלע זייטן. די ערד אָטעמט מיט קוים באַמערקבארער פאַרע און ווו־נישט־ווו הויבט שוין אָן צו גרינען. אויך דאָ איז צפון, נאָר דער וואַרעמער צפון פון דער רוסישער טייגע...

אויסגעלאָדן האָט מען אונדז אין וויטשעגאָדסק. ווי נאָר מיר זענען ארויסגעקראָכן פון די פּראַכט־וואַגאָנעס, האָבן מיר דערזען פון דערווייטנס א וואַלד מיט גרינע ביימער. ווי איך האָב געבענקט נאָך ביימער אין דער ווייטער זאַפּאָליאַריע! אויך דאָ איז א לאַגער, מיט שומרים און מיט אויס־געפּאַשעטע הונט. נאָר זייערע פּנימער זענען שוין נישט אזוי אָנגעכמורעטע שטרענג. זיי זענען ערנסט, אָבער נישט ווייניק שמייכלדיק.

פאַרן לאַגער־טויער האָט אונדז אויפגענומען די גאַנצע אָנפירונג פונעם לאַגער, אלע אין די מיליטערישע קליידער, אפילו מיט זייערע אויסצייכע־נונגען: מעדאַלן און אָרדנס. נאָר אָנגעפירט מיטן גאַנצן קבלת פּנים האָט איינער א מונטערער, זשוואַווער יונגערמאַן פון א יאָר 30, א דאַרינקער מיט שנעלע באַוועגונגען, וואָס האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אונדזערע גרינע פּערזענלעכע קאַרטלעך. אלע אַרום אים האָבן אויסגעזען ווי סטאַטיסטן אויף דער סצענע און ער איינער דער סטאַר, וואָס שפּילט די הויפּט־ראָל.

אויך ער האָט אויסגערופן אונדזער פאַמיליע־נאָמען פון די קאַרטלעך, יעדערער פון אונדז האָט צוגעגעבן זיין נאָמען, עלטער, פּאַראַגראַף און „סראָק", נאָר דאָ האָט עס מער אויסגעזען ווי א שפּיל אין „לאָטאָ", ווי ער וואָלט אויסגערופן דעם נומער פונעם קלעצל און אנדערע רופן זיך אָפּ: „איך האָב אזא נומער".

דער יונגערמאַן, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַ פּשוטע זעלנערישע בלוזע און אויף איר אַ צעשפּילעטע פּופּייקע, מיט אַ פּשוט „וועליסאָפּעדנע" היטל אויפן קאָפּ, האָט אלעמען פאראינטערעסירט. ווער איז ער דער, וואָס שפּילט דאָ די ערשטע פידל? איידער מיר האָבן אים דערקענט, האָבן מיר שוין געוווסט, אַז מען רופט אים גרישאַ.

במשך פון גאָר אַ קורצער צייט האָט ער באוויזן אויסצורופן אלע נייע אָנגעקומענע. איינציקווייז האָט ער זיי אדורכגעלאָזט דורכן שמאָלן וואַרטע־טירל אין לאַגער אריין. ס'האָבן זיך דערהערט פונדערווייטנס הויכע מוזיק־קלאַנגען פון אַ מאַרש, דורך די הילכערס, וואָס זענען געווען צעשטעלט איבערן גאַנצן שטח. אזוי האָט מען אונדז אויפגענומען מיט מוזיק אין דעם נייעם לאַגער אין וויטשעגאָדסק.

אויך דאָ זענען געשטאַנען לאַנגע איינשטאָקיקע באַראַקן, נאָר דאָ זענען אויפן גאַנצן וועג פונעם טויער אָן געווען אויסגעשטעלט שילדן און אויף זיי זענען געווען אויסגעמאָלן מיט שיינע געדרוקטע אותיות לאָזונגען: „דורך אַרבעט צום פרייען לעבן". „דריי טעג ווערט דיר פאַרעכנט פאַר איין טאָג גוטער אַרבעט". „נוץ אויס די געלעגנהייט און לערן זיך אַ ספּעציאַליטעט".

מען האָט אונדז אריינגעפירט גרופּנווייז אין עטלעכע גרעסערע באַראַקן און באַפוילן זיך צייטווייליק אויסלייגן רוען אויף די אַלגעמיינע נאַרעס. ערשט איצט האָב איך זיך אַרומגעקוקט, ווער ס'איז פון אונדזער בריגאַדע געקומען מיט מיר קיין וויטשעגאָדסק. די עלטערע און גאָר שוואַכע האָט מען אַראָפּגענומען אין וועג. ערגעץ דאָרט איז פאַראַן, האָט מען געזאָגט, אַ ספּעציעלער לאַגער ראַקפּאַסט פאַר אינוואַלידן, אהער האָט מען געבראַכט די געזונטערע. איך האָב זיך געוווּנדערט, הלמאי מען האָט לאַריאָנאָוון, דעם „סובאָטניק" אויך געבראַכט אהער. ער איז געלעגן אַנטקעגן איבער מיר מיט דער גרויסער עוואַנגעליע אין דער האַנט און שטיל געמורמלט דאָס אַרויסגעלייענטע פון דאָרט. אים האָט נישט געשטערט דער אַלגעמיינער רעש, וואָס האָט געהערשט אַרום און אַרום. דער רויך פון דער געררויכערטער מאַכאָרקע אין די פּאַפּירענע „ציגן־פיסלעך" האָט געשטיקט און איינגעהילט דעם באַראַק ווי אין אַ נעפּל. איינער נאָכן אַנדערן האָבן געהוסט אויף אַ

קול. מיר זענען געלעגן אין אָנטון אויף די נאַרעס פון ברעטער ענג איינער נעבן אנדערן אויף די פּופּייקעס. די לאַנגע בושלאַטן אויף וואַטע האָט מען ביי אונדז צוריקגענומען אין יעלעצק. דאָ האָט מען זיי טאַקע נישט באַדאַרפט. אַפילו איצט, אין אָנהויב פרילינג, איז דאָ שוין וואַרעם, בפרט נאָך אין באַראַק, ביי אַזאַ ענגשאַפט. פאַרנאַכט־צו האָבן מיר דערהערט מוזיק פון דרויסן. מיר האָבן געמיינט, אַז מען נעמט אויף אַ נייע פּאַרטיע אָנגעקומענע פון ערגעץ, זענען מיר אַרויס אין דרויסן זיי מקבל פּנים זיין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די היגע לאַגערניקעס האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. ביים טויער האָט זיי אָפּגעוואַרט דער לאַגער־אָרקעסטער און אויפגענומען זיי מיט מוזיק. דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען בלויז פון בלאָז־אינסטרומענטן פון אַלע מינים און אַ גרויסע פּויק, וואָס האָט געהילכט אָן אויפהער: באָם, באָם, באָם...

די מאַזשאָר־קלאַנגען האָבן אויפגעמונטערט די מידע אַרבעטער, זיי האָבן אַריינגעמאַרשירט אין גלייכע רייען, צווישן זיי האָב איך באַמערקט אַ סך יונגטלעכע מיט מונטערע פּנימער און שמייכלדיקע אויגן. זיי האָט גרישאַ אויפגענומען איינער אַליין. ווי נאָר די לעצטע ריי האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם טויער זענען זיך אַלע צעגאַנגען, יעדערער אין זיין באַראַק. אייניקע האָבן דערזען פאַר זיך ניי־אָנגעקומענע, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט מיט זיי שמועסן. יעדער האָט געוואָלט זיך טרעפן מיט זיין „זעמליאַק" — מיט אַ זעלכן, וואָס שטאַמט פון זיינע קאַנטן. אייניקע האָבן געטראָפן באַקאַנטע און זיך געפרייט מיט זיי. צווישן די אָנגעקומענע אַרבעטער האָב איך כמעט ווי נישט באַגעגנט קיין יידישע פּנימער, כאָטש אין לאַגער האָב איך זיך דערנאָך געטראָפן מיט אַ סך יידן.

מען האָט אונדז גערופן אין עס־צימער אויף אָוונט־ברויט. דער עס־צימער האָט מער אויסגעזען ווי אַ קלוב. אין דער טיף פון לאַנגן באַראַק איז געשטאַנען אַ בינע מיט דעקאָראַציעס, אַ פאָרהאַנג פון טונקעלער לייוונט איז געווען פאַרהאַנגען איבער דער גאַנצער לענג און הויך. אינמיטן זענען געווען אויסגעשטעלט קלענערע טישלעך, אויף 8 פּאַרשוין אַ טישל. יעדערער האָט זיך געשטעלט אין דער ריי ביי דער קיך. ער האָט זיך גענומען צוויי טיפע מעטאַלענע טעלער. אין דעם ערשטן פענצטערל האָט ער באַקומען

א שטיקל פיש מיט א לעפל קאַרטאָפל און דורכן צווייטן, וואָס איז געווען מיט א צוויי מעטער ווייטער — געדיכטע זופּ פון הירזש. ווו ס׳איז געווען א פריי אָרט, האָט מען זיך געקענט זעצן און עסן. אין דער לינקער זייט פון דער בינע איז געשטאַנען א קיאָסק מיט ברויט. אַלע האָבן באַקומען זייערע פּאַרציעס ברויט אין דעם פרי אויפן גאַנצן טאָג, נאָר אויסנאַמסווייז האָט מען די ניי־אָנגעקומענע ארויסגעגעבן פּאַרציעס ברויט אויך צום אָוונט־ברויט. די ליידיקע טעלער האָבן צונויפגענומען פון די טישן ספּעציעלע דיזשורנעס. — דאָס צעטיילן דאָס עסן, דאָס עסן אליין — איז פּאַרגעקומען שנעל. עס האָט זיך דאָ געפילט אן אָרגאַניזאַטאָרישע האַנט און א וואַכזאַם אויג אויפן סדר.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פונעם אָוונט־ברויט אין באַראַק אריין, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אז מיך האָט גרישע שוין געזוכט. איך בין געגאַנגען אים זוכן און געפונען אין צווייטן באַראַק.

— איר האָט מיך געזוכט? — האָב איך אים געפרעגט ווי א פאַרשול־דיקטער.

יאָ. איר זענט מאַרקאָוויטש. נעמט אייערע זאַכן און קומט, וועל איך אייך אָנווייזן ווו איר וועט וווינען — האָט ער, גרישע, ארויסגעזאָגט מיט א וואַרעמען שמייכל אויף די ליפּן.

ער האָט מיך געפירט אין דער לינקער זייט פון אונדזער באַראַק. ס׳איז שוין געווען פינצטער, ער איז געגאַנגען פאָרויס און איך נאָך אים. איך בין געגאַנגען מיט חשק, און געווען כמעט ווי זיכער, אז ער גרישע וועט מיך נישט פאַרפירן. זיין וואַרעמער בליק און חברישע ווענדונג זענען עדות, אז אזוי איז עס. ער איז אריין דורך א קליינעם פּאָדערהויז אין א גרעסערן צימער, אין וועלכן ס׳זענען געשטאַנען ארום צען אייזערנע בעטן מיט בעטגעוואַנט. אויף אייניקע פון זיי זענען שוין געלעגן אויסגעצויגן מענטשן, געקומענע פון דער ארבעט.

— אָט דאָ, מאַרקאָוויטש, אין דעם בעט ביי דער רעכטער וואַנט, וועט איר שלאָפן!

— א גוטע נאַכט! — און ער איז אוועק.

— אַ דאַנק! אַ גוטע נאַכט!

גרישע

מיין שכן איז אריינגעקומען אין צימער מיט א געזאנג. ער האָט, ווייזט אויס, נאָך אויפן וועג פון דער ארבעט געזונגען דעם רעפריין פונעם שלאָגער־ליד „עך, דו טייבעלע, מיינס" און נישט באוויזן צו פארענדיקן. זיין ברוד'יק געזיכט און בלאָטיקע הענט האָבן אבסאָלוט נישט הארמאָניזירט מיט די ראָמאנטישע ווערטער פון ליד. ער איז צוגעגאנגען צו זיין בעט, וואָס איז געשטאנען האנט ביי האנט מיט מיינעם, מעכאניש אראָפּגעצויגן פון זיך דורכן פּנים די בלוזע און ארונטערגעשליידערט אונטערן בעט. דערנאָך ארויסגענומען אַ העמד, וואָס איז געווען צעקנייטשט, ווייזט אויס, נישט געפּרעסט, און ארויפגעלייגט אויפן בעט. פון פאַרנט, פון העכערן זייטל פונעם בעט, האָט ער גענומען אַ האנטוך און אזוי זינגענדיק אלץ דעם זעלבן רעפריין פונעם לידל ארויס זיך וואַשן אין פּאָדערהויז. אריינגעקומען איז ער גאָר אַן אנדערער, א ריינער מיט שמייכלדיקע אויגן מיט א גרייטער הפקרדיקער רוסישער קללה אין מויל. זי איז ביי אים ארויסגעקומען אזוי גלאַט, ווי אָפּגעטאָקט און סתם אזוי אָן שום סיבה, פון געוווינהייט. ערשט איצט האָט ער מיך דערזען צום ערשטן מאָל. ער האָט איבערגעריסן די נישט פארענדיקטע קללה און מיט פרייד ארויסגעזאָגט:

— דו ביזט אַ נייער ביי אונדז, פּאַפּאַשא? מיין שכן, נו, לאָמיר זיין באַקאנט. איך הייס יעפים. מען רופט מיך פימע. און אייך, ווי זאָל איך רופן? האָט ער אלץ ארויסגעזאָגט מיט איין מאָל.

— רופט מיך מארקאָוויטש און שוין. אזוי רופט מען מיך אין לאגער.

— זענט איר, הייסט, עס, געקומען פון א לאגער, פון וואַנען, פּאַפּאַשא?

— פון דער 501 סטראָיקע, פון יעלעצק — האָב איך געענטפערט.

— פון דער 501 סטראָיקע? — האָט ער מיט פארדרוס איבערגעחזרט. זי וואָלט שוין געמעגט פארברענט ווערן די „סוקע" — און דערביי פארענדיקט מיט אַן אויסטערלישער קללה פון גאָר א נייעם סאָרט. אזעלכע האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל.

— איר זענט דאָרט אויך געווען? האָב איך געפרעגט.

— נאָך ווי געווען. נאָך דאמאָלס ווען די פּאָליטישע זענען געווען אין איין

לאגער מיט די געפערלעכסטע באנדיטן און גנבים. ס׳איז אזוי שווער געווען די ארבעט אין דער פארשאָלטענער טונדרע, האָבן מיר, די פּאָליטישע, געמוזט ארבעטן יעדערער פאר צוויי, פאר זיך און פארן מערדער. און אָפּזאָגן זיך איז געווען אוממעגלעך, אויב דו האָסט געוואָלט לעבן בלייבן. עד, איך וועל די 501 סטראַיקע געדענקען כל זמן איך וועל לעבן. די גאנצע מלחמה בין איך איבערגעקומען און געבליבן א גאַנצער, נאָר פון דער פארשאָלטענער סטראַיקע — ער האָט אויפגעהויבן זיין לינקע האנט און איך האָב דערזען ווי ס׳פעלן ביי אים דריי פינגער. עס סטארטשען ארויס נאָר דער גראָבער פינגער און זיין נאָענטסטער שכן, רעשט פינגער־פיצלעך, ווי אָפּגעסמאלעטע וואָרצלען פון אָפּגעהאקטע ביימער.

ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט איבעררייסן דעם אומאַנגענעמען פאר אים געשפּרעך, און פלוצים אַ פרעג געטאָן:

— גרישע האָט אייך אהער געבראַכט, יאָ?

—גרישע — האָב איך געענטפערט.

— אונדזער גרישע איז אַ בראַטקע. פאר אלעמען זאָרגט ער, גרישע, און אממערסטנס פאר אונדזעריקע, האָט ער שטילער ארויסגעזאָגט. איצט בין איך שוין געווען זיכער, אז ער פימע, איז אויך אַ ייד, און ער גרישע איז אויך פון „אונדזעריקע״.

אין צימער זענען אלעמאָל אָנגעקומען פרישע מענטשן, די וואָס שלאָפן דאָ. פימע האָט איבערגעריסן דעם געשפּרעך און אויף אַ קול אַ זאָג געטאָן:

— מיר האָבן א נייעם שכן אין צימער, מארקאָוויטש רופט מען אים.

איך האָב פארשטאנען, אז די ידיעה האָט נישט איבערראשט מיינע שכנים. איינער האָט אפילו מיט פּאַרדרוס ארויסגעזאָגט:

— און אנופרי, אונדזער דיזשורנער, ווו וועט ער שלאָפן? ס׳איז דאָך זיין אָרט!

— א רחמנות אויפן אלטן!

דערויף האָט א צווייטער אים אָפּגעענטפערט:

— אנופרי איז קראנק, איך בין געווען ביי אים אין איזאָלאטאָר. מען שיקט אים אין שפּיטאָל אריין. ווער ווייסט, צו ער וועט פון דאָרט שוין צוריקקומען?

פימע האָט זיך אָנגעטאָן א ריינע בלוזע אויף דעם זעלבן העמד. אויף איר א וואַטנע פופייקע און אַ היטל.

— מארקאָוויטש — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — אלע אָוונט, נאָך דער ארבעט, גיי איך שפּאַצירן אויף אונדזער „קרעשטשאטיק”. אויב איר זענט נישט מיד פון וועג, קומט מיט מיר. איך וועל אייך באקענען מיט אייער „נייער היים”.

איך האָב זיך קוים געהאט אביסל אָפּגערוט, נאָר ס׳איז מיר געווען א שאָד נישט אויסצונוצן די געלעגנהייט צו כאַפּן א שמועס מיט פימען, וואָס איז דאָ אין וויטשעגאָדסקער לאגער שוין געווען א תושב, און איך האָב אָנגענומען זיין פאָרשלאָג.

— אין די אָוונטן איז דאָ נאָך קאַלט. טוט זיך אָן ווארעמער — האָט ער מיר פאָרגעלייגט. איך האָב אָנגעטאָן מיין פוטער מיטן קאָטיקאָוון קאָלנער.

אין דרויסן איז געווען פינצטער. ארום דעם הויכן פארקן, וואָס האָט ארומגעצוימט דעם גאנצן שטח פונעם לאגער, האָבן געברענט עלעקטרישע לעמפּלעך. אין אלע פיר עקן אויף די „ווישקעס” איז די שיין געווען אַ שטארקערע. פון צוויי אנטקעגנאיבערדיקע ווינקלען האָבן אומאויפהערלעך די פּראָזשעקטאָרן געוואָרפן א שיין, וואָס האָט ארומגעשפּאצירט איבער דער גאנצער „טויטער זאָנע”, וועלכע האָט זיך געצויגן אין דער ברייט פון עטלעכע מעטער ארום דעם לאנגן פארקן.

די ערשטע פראגע, וואָס איך האָב פימען געפרעגט, איז געווען:

— צי זענען פאראן אין לאגער א סך יידן?

— נישטאָ קיין סך — האָט פימע געענטפערט — אינגאנצן פופצן. עס זענען פאראן נאָך עטלעכע, נאָר יענע ווילן נישט מען זאָל וויסן, אז זיי זענען יידן. אייניקע פון זיי האָבן געמישטע עלטערן, פאָרעכנט ער זיך שוין פאר איינעם פון זיי, וואָס איז נישט קיין ייד. כאָטש דאָ אין לאגער לוינט דווקא צו זיין א ייד, ווייל גרישע איז אונדזער אפּוטרופּוס און פארזאָרגער.

— ווער איז ער דאָ, גרישע? — האָב איך שטארק געוואָלט וויסן.

— גרישע איז אזא ווי איך און ווי איר — האָט פימע דערציילט — א פארמשפּטער אויף 10 יאָר. נאָר ער האָט אויף זיך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. ער קען זיי דאָ אלע פארקויפן, אז קיינער ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך מיט

אים, אָן גרישען. זיי ווייסן נאָר צו באַקומען אסך געלט און ארבעטן ארבעט פאר זיי — גרישע. גרישע איז דאָ אין לאגער געוואָרן אן אמתער ייד, מיט א יידיש האַרץ. ער זאָגט עס אָפּן ארויס.

— וואָס הייסט, ער איז געוואָרן א ייד, נו, און פריער? — האָב איך געפרעגט.

פּימע האָט זייער ליב געהאַט גרישען. ער האָט מיט פארגעניגן גערעדט וועגן אים. געוווּסט האָט ער זיין גאנצע לעבנס־געשיכטע. זיינע עלטערן זענען געווען יידן, נאָר אסימילירטע יידן. גרישע איז געבוירן געוואָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די עלטערן האָבן אים געוואָלט דערציען פאר א „מענטשן״ און נישט פאר קיין ייד. גרישע האָט זיך זייער גוט געלערנט אין שול, פארנומען זיך מיט ספּאָרט, מערסטנס מיט וואסער־ספּאָרט. פאר־רעכנט געווען פאר איינעם פון די בעסטע קאָמסאָמאָלצעס, ער האָט ליב געהאַט צו פארנעמען זיך מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט. ווי נאָר ער האָט פארענדיקט די מיטל־שול און באַקומען די מאַטורע, איז ער אריינגעטרעטן אין א מיליטערישער ים־שול. ער האָט קוים באוויזן צו פארענדיקן די ים־שול, ווי ס'האָט זיך אנגעהויבן די גרויסע וועלט־מלחמה אין 1941 יאָר. זיין פלאָט־אָפּטיילונג האָט געקעמפט פאר סעוואסטאָפּאָל. גרישע איז געווען אַ יונגער־לייטענאנט. אין קאמף איז ער געווען פארוואונדעט, איבערגעקומען די שווערסטע קאמפן און אומגליקן, און נאָר דורך ניסים איז ער ניצול געוואָרן. דער שווארצימיקער פלאָט איז געווען זיין היים, זיין גאנץ לעבן.

נאָכן פארענדיקן די מלחמה איז ער מיט ניצחון און טריומף צוריקגעקומען קיין סעוואסטאָפּאָל. ער האָט זיך אָפּגעבעטן אויף א קורצן אורלויב קיין קרעמענטשוק. קיינעם פון זיין פאמיליע האָט ער שוין נישט געטראָפן. זיינע עלטערן און זיין איינציקע שוועסטער זענען אומגעקומען צוזאמען מיט אלע יידן, כאָטש זיי האָבן זיך כמעט נישט געהאלטן פאר יידן.

גרישע האָט זיך פארבענקט נאָך א היים, נאָך א פרוי. ווען ער האָט זיך געטראָפן אין קרעמענטשוק מיט זיינער אַ געוועזענער חברטע העלענא, אן אוקראַינקע, וואָס האָט צוזאמען מיט אים פארענדיקט די מיטל־שול, האָט ער איר געמאַכט אַ פאָרשלאָג, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. העלענע איז געווען יונג און שיין. גרישע איז איר געפעלן אין זיין ים־מונדיר פון א

קאַפּיטאַן מיט אַן אָרדן „פאַר סעוואַסטאָפּאָל‟. זי האָט מסכּים געווען מיט אים זיך צו פאַרשרייבן אין „זאגס‟, אַלס מאַן און ווייב, אויב ער וועט זיך דעמאָביליזירן פון דעם פלאָט, נעמען זיך צו אַ בירגערלעכער אַרבעט און לעבן אַ שיין פאַמיליען־לעבן.

גרישע איז דערויף איינגעגאַנגען און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער שוין געווען פאַרהייראַט. באַפרייען זיך פון זיין ים־דינסט איז אים, גרישען, נישט געווען אַזוי לייכט. דער ים־פלאָט האָט זיך גענויטיקט און אויסגע־שולטע אָפיצירן, מען האָט אים צוגעזאָגט צו באַפרייען, נאָר ער מוז האָבן געדולד און וואַרטן.

זיין ווייב העלענאַ איז שוואַנגער געוואָרן, זי האָט געבוירן אַ מיידעלע, נאָר גרישע איז אַלץ נאָך געווען אין פלאָט. דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט באַקומען האָט ער זיין ווייב אַוועקגעשיקט, ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיין ווייב און קינד. צווישן עטלעכע רייזעס, וואָס זיין שיף האָט אַדורכ־געמאַכט, איז ער צוויי מאָל געווען אין דער היים.

אויף דער פאָדערונג פון זיין ווייב האָט ער מיט מער ענערגיע גענומען פאָדערן, מען זאָל אים באַפרייען.

ווען זיין שיף איז בשעת אַן אָרדענטלעכער רייזע געווען ביי די ברעגעס פון גריכנלאַנד, און ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע אָפיצירן אַראָפּ אויפן ברעג און זיך פאַרהאַלטן אַן איבעריקע שעה אויפן ברעג, ווייל ער האָט געוואָלט איינקויפן אייניקע זאַכן פאַר זיין ווייב און קינד, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויפן ברעג. מען האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט געוואָלט אויס־באַהאַלטן זיך און אַנטלויפן קיין פּאַלעסטינע.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען פאַר אַ מיליטערישן טריבונאַל. ער איז אינסצעניזירט געוואָרן אַלס נקמה פאַר זיין וועלן זיך באַפרייען פון פלאָט און ווייל ער איז אַ ייד.

דאָס זיבעטע יאָר קומט ער, גרישע, אָפּ זיין נישט פאַרדינטע שטראָף אין די לאַגערן. העלענאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אים נאָך פאַרן געריכט.

אין לאַגער האָט ער, גרישע, זיך אַרויסגעוויזן, אַלס גאָר פעיקער אָרגאַ־ניזאַטאָר, ער איז דער „נאַריאַדטשיק‟ פון לאַגער. פאַקטיש איז ער די נשמה

פונעם לאגער. איצט איז ער געוואָרן אן אמתער ייד מיט א יידיש האַרץ. ער זאָרגט וועגן יעדן באזונדער אין לאגער.

ער לאָזט קיינעם פון די יידן נישט באעוולהן, חברט זיך מיט יעדן איינעם און דער נאָמען זיינער „גרישע" ווערט דורך יעדן ייד ארויסגעזאָגט מיט גרויס דרך ארץ...

די צוויי לאגערן

דער לינקער טייל פונעם לאגער אין וויטשעגאָודסק איז געשטאנען כמעט פוסט. דער גרויסער קיך־בלאָק מיט דעם עס־צימער זענען געווען פארמאכט. די טירן און פענצטער צוגעקלאפט מיט ברעטער. אויך דער קיאָסק, דאָס געוועלבל, וואָס איז געשטאנען לינקס פון דער קיך, איז געווען פארמאכט אויף צוויי שלעסער און אויך פארפלאָמבירט מיט א רויטן פארביקן טריוואקס. די „קאָפּטיורקע". דער מחסן, אין וועלכן עס זענען געווען אויסבאהאלטן די פריוואטע זאכן און קליידער פון די לאגערניקעס, איז בלויז געווען אָפן פארנאכט, נאָכדעם, ווי די ארבעטער זענען געקומען פון דער ארבעט.

דער גאנצער לאגער מיט זיינע באראקן, וווינונגען, מיטן קלוב, מיטן עס־צימער — אלץ איז געווען אין דער רעכטער זייט.

פריער, אין די צייטן פון סטאלינען, איז דער גאנצער לאגער, סיי זיין רעכטער, סיי זיין לינקער טייל געווען צוזאמען. דאמאלס האָבן זיך אין אים געפונען לאגערניקעס פון אלע קאטעגאָריעס: אויסגעשפּראָכענע מערדער צוזאמען מיט איידעלע פּראָפעסאָרן, גנבים פון אלע מאסשטאבן מיט שרייבער, אינטעלעגענץ, די פּאָליטישע מיט „ביטאָוויקעס" — אלע, האָבן זיך געקאָכט אין איין קעסל פון רויב, קנעכטשאפט און דערנידערונג.

נאָך סטאלינס טויט האָט מען דעם גרעסטן טייל גנבים, אפעריסטן און מערדערס אמנעסטירט, לויט דער אמנעסטיע פונם 28 מערץ 1953 יאָר, און די איבערגעבליבענע פּאָליטישע, אויף וועלכע די אמנעסטיע איז כמעט נישט חל געווען, און אויך די גאָר גרויסע פארברעכערס, באשולדיקטע אין

מערדערייען, היטלעריסטישע מיטהעלפער, און אין ברענגען שאָדן דער מלוכה אויף א העכערער סומע פון 50 טויזנט רובל — זיי זענען פארבליבן אין לאגער. די פארמשפטע אין פּאָליטישע פארברעכנס האָט מען אָפּגעטיילט אין דער רעכטער זייט פונם לאגער און די איבעריקע — אין דער לינקער, און אוועקגעשטעלט צווישן די צוויי לאגערן א הויכן פארקן פון שטעכלדיקע דראָטן מיט א טויער אין דער מיט. די אדמיניסטראציע פונם לאגער איז געווען איינע, נאָר די באדינונג־אנשטאלטן: די עס־צימערן, די סקלאדעס פאר די זאכן, א געוועלב א באזונדערס און א „קיפּיאטילניע" — ווו מען באזאָרגט מיט הייסער וואסער — אלץ איז געווען באזונדער איןביידע.

אין לאגער פון די פּאָליטישע איז געוואָרן שטיל, די גרעסטע צאָל פון דער פלאנירטער ארבעט האָבן זיי אָפּגעטאָן, דער קלוב האָט אָנגעהויבן פירן א לעבהאפטיקע קולטורעלע טעטיקייט. זיי האָבן זיך דערפילט אסך פרייער, ווי פריער. יעדער האָט געארבעט פאר זיך און נישט באדארפט ארבעטן פאר אנדערע. די פעקלעך, וואָס זיי האָבן באקומען פון זייערע היימען, האָבן זיי פון איצט פארנוצט פאר זיך אליין און נישט באדארפט זיך טיילן מיט אנדערע.

אין דער לינקער זייט האָט דאָס לעבן געברויזט ווי אין דער צייט פון א שטורם. מען האָט נישט געקענט מוחל זיין, פארוואָס מען האָט זיי אָפּגעטיילט פון די פּאָליטישע. מערסטנס פון זיי זענען געווען עלנטע, קיין שום פארבינדונגען מיט דער היים האָבן זיי נישט געהאט. ארבעטן האָבן זיי נישט געוואָלט, כאָטש דער חשק צו פארמאָגן א פּאָר גראָשנס איז געווען גרויס, כאָטש אויף א פּאפּיראָס, אויף א באנקע קאָנסערוון. ארויסקוקן אויף דעם חסד פון זייערע ביז איצטיקע קרבנות, זיי זאלן אריבערוואַרפן דורכן פארקן א פּאַפּיראָס — דאָס האָט זיי נישט געפּאסט.

עס איז דעריבער פארשטענדלעך, אז לגבי זיי איז פארשטארקט געוואָרן דער רעזשים. זידלערייען, געשלעגן, אפילו מעסער־שטעכעריי זענען געווען ביי זיי א טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. קיין שום אחדות איז צווישן זיי נישט געווען — דעריבער זענען זיי אדורכגעפאלן ביי יעדער געמיינזאמער אקציע. דער „נאריאדשיק" זייערער איז געווען איינער פון זיי, וואָס האָט געהאט א גרעסערן איינפלוס אויף זיינע חברים. ער פלעגט זיי רופן צו דער ארבעט,

באשטימען פאר יעדן זיין ארבעט־פּלאַץ. פריער פלעג מען באקומען נאָר 100 רובל פון דער פארדינטער סומע, די רעשט פלעגט מען ארויפלעגן אויף זיין אינדיווידועל שפּאַר־ביכל, איצט האָט מען זיי צוגעזאָגט צו באצאָלן אויף דער האנט די פולע פארדינטע סומע, אָבער זעלטן ווער ס'האָט פארדינט א גרעסערע סומע.

די לאגער־אדמיניסטראציע האָט זיך נישט געקענט מיט זיי אן עצה געבן. די לאגער־טורמע, אָדער ווי מען האָט זי גערופן לאגער־קארצער, „בור״ וואָס איז געווען פעסט געבויט, נישט ווייט פון דער „ווארטע״, ווו ס'האָבן טאָג און נאכט געפונען זיך די באוואָפנטע שומרים, איז געווען איבערפולט. די פּראָקלאמירטע הונגער־שטרייקן זענען געווען א טאָג־טעגלעכע דערשיי־נונג, זיי האָבן אָבער גאָר נישט געגעבן. די צעשיידונג פון די לאגערן איז געווען א מלוכהשער באפעל און קיינער איז נישט געווען אומשטאנד אים צו ענדערן.

דער „נאריאדשיק״ זייערער, א יונגער רוסישער יאט, וואָס האָט שוין גאָר אסאָך אדורכגעמאכט אין זיין יונג־לעבן אין דער צייט פון דער מלחמה און זיין פארברעכערישע טעטיקייט איז טאקע געווען א רעזולטאט פון זיין לאגע נאָך דער מלחמה. ער איז געווען קלוג און פעיק, נאָר ער האָט נישט געהאט די געהעריקע באדינגונגען אויסצונוצן זיינע פעיקייטן. ער איז דעריבער ארייגעפאַלן אין א פארברעכערישער סביבה און געקוילערט זיך צוזאמען מיט איר אין אפּגרונט אריין.

דריי טעג פאר מיין אָנקומען אין לאגער, האָבן אין אים זיינע אייגענע חברים ארייגעשטאָכן א טוץ מעסערס אין רוקן אריין און אין הארצן און ער איז געבליבן ליגן א טויטער אין אַ קאַלוזשע בלוט.

שוין לאנג האָט די אדמיניסטראציע פונעם לאגער זיך באמיט פאר די העכערע אינסטאנצן מען זאָל אָפּטיילן דעם לאגער אינגאנצן פון פּאָליטישע. דער לעצטער מאָרד פונעם „נאריאדטשיק״ האָט אונטערגעיאָגט דאָס אָננעמען א באלדיקן באַשלוס וועגן דעם. נישט ווייט פון אונדזער לאגער איז געווען דער לאַגער נומער 11. ער איז טיילווייז אָפּגעריייניקט געוואָרן פון די, וואָס זענען באפרייט געוואָרן נאָך דער אמנעסטיע. אהין האָט מען אריבערגעפירט אלע לאגערניקעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער לינקער זייט.

איצט האָט מען צענומען דעם פּארקן און דעם טויער און פּאַרייניקטביידע טיילן אין איין גרויסן לאגער.

גרישע איז געווען דער איינציקער „נאַריאַדטשיק״ אין לאגער. אין די צוויי גרויסע צימערן, וואָס זענען אייגנטלעך געווען אין איין באַראַק, האָט ער איינגעאָרדנט די לאגערניקעס וואָס האָבן געאַרבעט אין לאגער גופא: די שוסטערם, די שניידערס, די קיך־אַרבעטער. אין דעם רעכטן צימער, אין וועלכן ער האָט מיך אַריינגעפירט און געהייסן פאַרנעמען א בעט, האָט ער פּלאַנירט מיך צו מאכן פאַר א דיזשורנעם. ביז ער האָט נישט אוועקגעשיקט דעם אַלטן דיזשורנעם אין שפּיטאָל אַריין, האָט ער נישט געוואָלט מיך באַשטימען. ער האָט זיך פאָרט גערעכנט מיט מיינע שכנים, וואָס וואָלטן נישט געווען צופרידן דערמיט.

ער האָט געוואָלט זיי זאָלן מיך דערקענען און זיי אליין זאָלן אים בעטן מיך צו באַשטימען פאַר א דיזשורנעם.

דערווייל האָט ער מיר אויפן צווייטן טאָג געגעבן אַן אַנדער אַרבעט.

— איר וועט עטלעכע טעג זיין דער נאַכט־היטער פונעם געוועלב, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער אייער באַראַק. דער עיקר, היט אָפּ די שטעמפּלען ביי די שלעסער זיי זאָלן זיין גאַנץ, האָט ער מיר מער געבעטן, ווי באַפוילן.

איר, מאַרקאָוויטש, וועט האָבן א מיטהעלפער, עס זאָל אייך נישט זיין אומעטיק — אונדזער זשוק, האָט ער צוגעגעבן מיט א וואַרעמען שמייכל.

אייער אַרבעט איז פון 10 אין אָוונט ביז ס׳וועט ווערן ליכטיק, אַרום 5 אין דער פרי. ער האָט מיר אַרויסגעפירט אין דרויסן, צוגעפירט צום געוועלבל. ס׳איז געווען נישט קיין הויכע געביידע, נאָר די וואַנט פון פאָרנט איז געווען מיט א סך העכער פון די אַרומיקע ווענט, אַזוי אַרום האָט אויסגעזען די געביידע הויך. אין דער רעכטער זייט איז געווען דער פאַרמאַכטער עס־צימער, לינקס נישט ווייט פונעם געוועלב האָט זיך געצויגן אַ הויכער פּאַרקאַן מיט שטעכלדיקע גלאָזן אויף אים — דאָס איז די צוים אַרום דער לאַגער־טורמע. פאָרן געוועלב איז געשטאַנען אַ טישל אויף איין פיס און אַ בענקל.

— דאָ וועט איר, מאַרקאָוויטש, קענען זיצן און אכטונג געבן. אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען קומען פון דער האַנדלס־אָפּטיילונג און ליקווידירן דאָס

געוועלב אינגאנצן. דערוויַיל דאַרף מען אויף דעם אכטונג געבן, כאָטש קיין גנבים זענען אין לאגער שוין נישטאָ.

דערביַי האָט ער געוואָרפן א בליק אויף די הויכע ווענט פון דער טורמע.

— כאָטש דאָרט זענען זיי נאָך געבליבן גענוג!

א גוטע נאַכט!

זשוק

דער גאנצער לאגער איז געווען איינגעהילט אין זיין טיפן, נאכטיקן שלאָף. בלויז אויף די „ווישקעס" האָבן געוואכט די זעלנער. ארום און ארום דער הויכער וואַנט האָבן געצאנקט די הונדערטער עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן באַלויכטן די „טויטע זאָנעס" אויף ביידע זייטן פון דער וואַנט. פון צייט צו צייט איז פון די ווינקלען ארויסגעשיקט געוואָרן אַ סנאָפּ מיט בלישטשעדיקער שיין אויף אַ שפּאַציר איבערן גאַנצן שטח.

שוין די דריטע נאַכט ווי איך היט אָפּ דאָס פאַרמאַכטע געוועלבל. יעדעס מאָל ריר איך זיך צו מיט די פינגער צו צוויי שלעסער, פּרווו צי דאָס שטריקל איז גאַנץ אויפן באָמבלדיקן קאַרטאָנדל מיט פאַרחתמעטן טריוואָקס. אַלץ איז אין בעסטן אָרדנונג. איך בין נישט מיד, ווייל איך שלאָף זיך אויס ביַיטאָג.

עס איז מיר אויך נישט אומעטיק. איך זיץ אויפן בענקל ביים איינפּיסיקן טישל און טראכט. מערסטנס טראַכט איך וועגן דער גערעכטיקייט. פאַרוואָס איז פּעמידא, די געטין פון גערעכטיקייט אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע פאַרגעשטעלט געוואָרן מיט פאַרמאַכטע אויגן? צי איז פאַראַן אַ גערעכ־טיקייט אן אלגעמיינע, אן אבסאָלוטע, צו בלויז אַ באַשטימטע דורך מענטשן? וואָס איז אַזוינס דער געוויסן ביים מענטשן? צי איז ער, דער געוויסן, די שאַפונג פון גאָט, פון דער נאַטור, אָדער גאָר אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן מוח.

אין מיין פאַנטאַזיע ווערן געשאַפן טיפּן פון מענטשן — ריכטער מיט אַ

מענטשלעכן אויסזען און מיט אַ געטלעכן געוויסן. זיי זוכן נישט דעם אמת, די גערעכטיקייט, ווייל זיי זענען די גערעכטיקייט אליין. זיי זענען קינדער פון דער נאטור און די נאטור דינט זיי ווי אַן אייגענע מאַמע אין זייער שליחות. איך זע זיי פּאָר די אויגן אין דער אַרומיקער פינצטערניש אָט די געטלעכע געשטאַלטן. זייער בליק וועקט בטחון. זיי זען יעדן איינעם דורך און דורך, ווי זיי וואָלטן דורכגעלויכטן די נשמה מיט אומזעבאַרע שטראַלן. דו ביזט אַזוי זיכער אין דיין אומשולד, דאָך ציטערסטו, טאָמער וועלן זיי ערגעץ ווו אין דיין נשמה געפונען אַ שוואַרץ פלעקעלע, אַ קליינס, אַ פּיצל, אַזוי ווי אַ מאָנדעלע...

פּלוצים איז צו מיר צוגעקומען ווי אַ טונקעלער שאָטן, זשוק. יעדע נאַכט קומט ער צו מיר, ווי עמיצער וואָלט אים ספּעציעל צוגעשיקט מיר פריילעך צו מאַכן. ער רייסט איבער מיינע געדאַנקען. ער רוקט צו זיין נאַסע מאָרדע צו מיין פּנים, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט מיט מיר צוקושן.

זשוק איז אַן הויכער שוואַרצער הונט מיט אַ סאַמעטענער פעל. זיינע אויגן, האַלב־פאַרמאַכט בלישטשען אין דער נאַכט מיט אַ פריילעכער העל־קייט. שוין אין דער ערשטער נאַכט פון מיין אַרבעט אלס נאַכט־היטער איז ער צוגעקומען צו מיר. איך האָב זיך דערמאַנט אין די לעצטע ווערטער פון גרישען „איר וועט האָבן אַ מיטהעלפער, עס זאָל אייך נישט זיין אומעטיק — אונדזער זשוק".

צי האָט אים — זשוקן — גרישע צוגעשיקט צו מיר, צי איז ער אליין געקומען? טראַכט איך. גיכער פון אַלץ איז ער אליין געקומען. ווער ווייסט נישט אין לאַגער, אַז זשוק איז דער בעסטער פריינט פון די אַלע אין לאַגער, וואָס טראָגן פּשוטע פופייקעס און נישט קיין שינעלן מיט בלישטשעדיקע קנעפּ, פון די, וואָס טראָגן אַ לאָפּעטע, אַ לאָם אָדער אַ קירקע און נישט קיין בלישטשעדיקע זאַך פאַר זיך וואָס שפּייט מיט פייער מיט אַ געהילך. ער דערקענט די מענטשן פון ביידע סאָרטן אויף אַ מהלך. צו די ערשטע גייט ער צו נאָענט, לאַשטשעט זיך און באַקומט פון זיי אָפטמאָל אַ געשמאַקן ביסן אין מויל אריין, די צווייטע מיידט ער אויס און אפילו זייערע פעטע שטאַרקע הינט, זיינס גלייכן, לויטן אויסזען. זיי זענען אים פרעמד, אפילו דערווידער.

ווער דער זשוק איז, פון וואַנען און ווען איז ער געקומען אַהער — ווייסן

צו דערציילן בלויז עלטערע לאגערניקעס. עמיצער פון די לאגערניקעס האָט אים געפונען אַ פּיצל אַ פאַרפרוירענעם, מיט אַ שוואַך פּישטשעדיק קולכל, אין שניי בשעת מען האָט זיי געפירט פון דער ארבעט. מעגלעך, אז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט ווען ער האָט אוועקגעפויזעט פון זיין מאַמען, מעגלעך, אַז מענטשן, אָט די פון דער וואַך האָבן געוואָלט פון אים פּטור ווערן און אַרויסגעשליידערט אויף דעם פראָסט. דער לאַגערניק, וואָס האָט אים געפונען, האָט אים אומבאַמערקטבאַר אַרונטערגערוקט אונטער זיין פופייקע און אויסבאַהאַלטן ביים סאַמע האָרץ זיינעם. אַזוי אַרום איז אים געלונגען אריינצוברענגען אין לאַגער אריין. דאָ האָט ער זיך געפונען צווישן פריינט, וואָס האָבן זיך מיט אים פאַרנומען און אויסגעכאָוועט. שוואַרץ איז ער געווען ווי אַ זשוק — האָט מען אים גערופן „זשוק".

מענטשן אין די לאַגערן זענען להוט נאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש. קיין קינדער זענען זיי נישט פאַר די אויגן. — איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַרוואָס איז זשוק געוואָרן „דער הונט פונעם לאַגער". גייענדיק אין עס־צימער, האָט מען זשוקן מיטגענומען — געהאָדעוועט. גייענדיק אין באָד אריין — אים געוואַשן. ער איז געוואַקסן בליץ־שנעל פאַר אַלעמען אין די אויגן. ווי וועגן אַן אייגן קינד האָט מען געריידט איינער מיט אנדערן וועגן זשוקן. די לאַגערניקעס פלעגן זיך בייטן פון צייט צו צייט — זשוק איז געבליבן אין לאַגער. באַלעבאַטים האָבן אים נישט געפעלט, האָט ער זיך טאַקע געפילט ווי אַ קהלישער.

אָט איז ער געקומען צו מיר. ער טוליעט זיך צו מיר ווי אַ נאָענטער, ער פאַרטרייבט די בייזע געדאַנקען. ער הערט זיך צו צו יעדן שאָרך, ער פאַר־שטייט, אַז איך זיץ נישט גלאַט אַזוי, ער היט מיט מיר צוזאַמען. ער העלפט אַלעמען: צווישן די שורות פון די לאַגערניקעס כאַפּט ער זיך אַדורך דורכן טויער און גייט מיט זיי אין וואַלד אַריין צו דער ארבעט. ער מאַכט נאָך מיט זיין קול די קלאַנגען פון דער זעגנדיקער זעג, ער קוילערט גלייך מיט אַלע מיט זיינע פאָדערשטע לאַפּעס די אָפּגעשניטענע קלעצער. ער פאַרשטייט גוט, ווו עס איז די „פאַרווערטע זאָנע" און היט אָפּ, עמיצער פון די לאַגער־ניקעס זאָל זיך נישט דערנענטערן צו איר, ווייל דאַן קען דער, ווען ער האָט פיינט, אַנהויבן שפּייען מיט פייער...

ווי שטארק מען האָט זשוקן ליב אין לאַגער, אַזוי שטאַרק האָסן אים די בייזע, פּעטע הינט און זייערע באַלעבאַטים פון דער וואַך. „אַן האַרץ פּילט אַן האַרץ"! ווי מען זאָגט. זיי וואָלטן שוין פון לאַנג פּטור געוואָרן פון זשוקן. נישט איין מאָל באַמערקן זיי אים — די אויף די „ווישקעס" ביינאַכט, ווי ער שפּאַצירט אַרום איבערן לאַגער און עס נעמט זיי אָן אַ חשק אים אָוועקלייגן אַ קאַלטן, נאָר זיי טוען עס נישט. ווייל — ערשטנס, דערנענטערט זיך נישט זשוק צו שטאַרק צו דער „פּאַרוואָרטער זאָנע" און, צווייטנס, קען אַ קלייניקייט אַרויסרופן אַ גרויס אומצופרידנהייט ביי די לאַגערניקעס. דריטנס, גרישע איז מיט זשוקן און דער נאַטשאַלניק איז מיט גרישן „וואָס־וואָס", ווייל אָן גרישען וואָלט דער לאַגער גאָר אנדערש אויסגעזען.

אַזוי שפּילנדיק זיך מיט זשוקן, צעלייגנדיק אים אויפן טיש, אויפהויבנדיק זיינע פּאָדערשטע לאַפּעס, אריינקוקנדיק אים מיט א וואַרעמען שמייכל אין זיינע בלישטשעדיקע אויגן, באמערק איך קוים, ווי דער אַרום ווערט פון טונקל שווארץ אלץ בלויער, אלץ ווערט ווי אָפּגעפארבט אויף פיאָלעט און ערגעץ ווייט אין האָריזאָנט שיינען אויף די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. איך באַמערק, ווי עס גייען אַרום איינצלנע פון דער וואַרטע, גאָר שטיל כאַפּן זיי זיך אריין אין יעדן באראק באַזונדער און ציילן איבער אלע, וואָס שלאָפן אין די בעטן. ביי מיר אין צימער זעען זיי ווי מיין בעט איז ליידיק, כאַפּן זיי אַ קוק צום געוועלב און איבערצייגן זיך, אַז איך בין דאָ, אויף דער וואַך. זשוק איז שוין אוועק פון מיר. ווי נאָר ער באַמערקט איינעם פון דער וואַרטע, גייט ער זיך אַוועק צו זיך אין זיין רו אריין — ער וויל זיך מיט זיי נישט טרעפן. איך קאָנטראָליר צום לעצטן מאָל ביי דער טאָג־שיין די שלעסער און גיי זיך לייגן שלאָפן. איך שלאָף מיט אַ שטאַרקן שלאָף נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, אפילו דער גערויש פון די ארבעטער אין צימער, ווען זיי שטייען אויף און וואַשן זיך — וועקט מיך נישט אויף.

פלוצים וועקט מען מיך, איך כאַפּ זיך אויף. וואָס איז? וואָס איז געשען? פרעג איך אַ דערשראָקענער.

— שטייט אויף און טוט זיך אָן — באפוילט מיר דער „אָפּער" פון לאַגער. איר וועט שוין שפּעטער זען, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן!!

מיט ציטערדיקע הענט טו איך זיך אָן. דורכן פענצטער דערזע איך אַ כּך מענטשן ביים געוועלבל. איך גיי ארויס און פרעג — וואָס איז געשען? מיין בליק פאלט אויף די שלעסער פון דער טיר, אויף דעם טריוואַקס — אלץ איז אין אָרדנונג.

— מען האָט באַגנבעט דאָס געוועלב, שרייט צו מיר דער נאטשאַלניק פונעם לאגער, וואָס איז געשטאנען דערנעבן — און איר זענט, אלס נאַכט־היטער, פאַראנטוואָרטלעך לויטן זאַקאָן.

— ווי איז דאָס מעגלעך? פרעג איך — אָט זעט די שלעסער, די פארחתמונג — אלץ איז אין אָרדנונג.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז קאיאַר איז אדורכגעפירט געוואָרן אַן אלגעמיינער „שמאָן" — א רעוויזיע איבערן גאַנצן לאגער. אויפן דאַך איבערן געוועלב האָבן זיי באמערקט, ווי ביים קוימען איז פאראן אַ לאָך, דורך וועלכער אַ מענטש האָט געקענט אריינקריכן אין געוועלב. זיי האָבן וועגן דעם אלארמירט די מאַכט פון לאגער.

איך בין געווען ווי פארשטיינערט, איצט האָב איך אויף זיך אַ פריש פעקל צרות און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן. וואָס? נאָך ווייניק געליטן? טראַכט איך מיט פאַרצווייפלונג. שוין איצט מוז איך שווייגנדיק אויסהערן זידלערייען, צונופגעמישטע מיט עכטע רוסישע קללות, פון אלע זייטן.

פלוצים איז אָנגעקומען אַ פארסאָפּעטער גרישע, מיט אים צוזאמען נאָך איינער. גרישע קוקט נישט אין מיין זייט. ער איז פארהאוועט, פארטאָן. ער עפנט אויף איין שלאָס, דער פאַרשטייער פון האנדלס־אָפּטיילונג — דעם צווייטן, מען רייסט איבער דאָס שטריקל און די טיר פונעם געוועלב שטייט אָפן. אמערשטן לויפט דער פאַרשטייער קאָנטראָלירן די „קאסע" — אַ שופלאָד ביי דער סטויקע. ער עפנט אויף און אויף יעדנס באוווּנדערונג דערזעט ער געלט. ער ציילט איבער: פיר הונדערט צוויי און זיבציק רובל — ס'שטימט מיט דער אָנגעגעבענער קאסע. אַרום אין געוועלב איז ווי געווען, נאָענט פונם אויוון וואלגערן זיך שטיקלעך ציגל און מיסט. פון אויבן דורך דער ערעפנונג קען מען זען א שטיקל הימל. די גנבים האָבן, ווייזט אויס, נאָר באוויזן אלץ צוגרייטן צו דער גנבה. דאָס האָבן זיי געמאכט ערשט נאָך

מיין אוועקגיין, נאָר דאָס אויספירן די גנבה האָבן זיי אָפּגעלייגט אויף דעם צווייטן טאָג. דער „שמאָן" האָט זיי געשטערט און מיך געראַטעוועט...

מען האט אים אפגעדאנקט

די צוגערייטע גנבה פונם לאגער געוועלבל איז אנדעקט געוואָרן בייצייטנס. מיין מוטער ע"ה פלעגט שטענדיק זאָגן: „שרעק מיר, גאָט, אבי שטראָף מיך נישט" עס איז טאקע געווען פארוואָס זיך צו שרעקן. אויב איך בין געווען באַשטימט אַלס נאַכט־שומר פונם געוועלב, בין איך געווען פאראנטוואָרטלעך אפילו ווען די גנבה וואָלט פאָרגעקומען בייטאָג. ווער עס האָט געוואָלט באגנבענען, איז געבליבן אַ סוד, כאָטש אלע זענען געווען זיכער, אַז ס'איז אַ שטיקל ארבעט פון די, וואָס זיצן אין לאגער־טורמע. עס ווייזט אויס, אַז דאָרט געפינען זיך געניטע ספעציאליסטן, וואָס טויגן זיך אויס צו דער אַרבעט.

איך בין באַשטימט געוואָרן אלס דיזשורנער אין אונדזער שלאָף־צימער. יעדן אין דער פרי, ווען אַלע זענען אוועקגעגאַנגען צו דער ארבעט, האָב איך אויפגעראַמט דעם צימער און דעם פּאָדערהויז, צוויי מאָל אין וואָך געוואַשן די פּאָדלאָגע, צוגעגרייט וואַסער צום וואַשן זיך און פארטיק. אָנשטאָט אַן אויוון איז געווען אַ געוועגלעכע קיך־פליטע, נאָר מען האָט שוין באַדאַרפט זעלטענער הייצן, ווייל ס'איז שוין געווען כמעט ווארעם, איז מיר איינגע־פאלן צו מאַכן אין אַ פעסל ברויט־קוואס פאר דער חברה. ברויט פלעג בלייבן גענוג, האָב איך עס אויסגעטרוקנט אויף סוכארעס. געווייקט די סוכארעס אין וואַסער, במשך פון עטלעכע טעג. האָבן מיר געהאט פרישן זויערן ברויט־קוואַס צו טרינקען. ווען מיין חברה פלעגט זיך צוריקקערן פון דער ארבעט האָבן זיי געטראָפן עטלעכע פלעשער מיט קוואס אויפן טיש. נאָך דעם אָוונט־ברויט האָט זיי אלעמען דער קוואס געשמעקט. ער איז געווען באטעמט, זויערלעך און ריין, ווייל איך פלעג אים דורכזייען דורך אַ מארלע. אָפט פלעגן אריינקומען צו אונדז באַקאַנטע פון אנדערע באראקן און בעטן מכבד זיין זיי מיט א גלעזעלע משקה.

גרישע האָט איינגעאָרדנט כמעט אַלע יידן, וואָס זענען געווען אין לאגער אויף פארשידענע ארבעטן אין לאגער גופא. ווי נאָר זיי פלעגן פארענדיקן זייער ארבעט פלעגן זיי זיך אריבערכאַפּן צו מיר אויף אַ שמועס און אויס־רעדן פאר מיר זייער ביטער האַרץ. ביי מיר פלעגן זיי כאַפּן אַ שפּיל אין „דאַמקע", אָדער אַ פּאַרטיע שאַכמאַט. אַזוי אַרום איז אונדזער צימער ווי געוואָרן אַ קלוב פאר די יידישע לאגערניקעס... כמעט יעדן טאָג פלעג איך זיי דערציילן מעשיות וועגן תנ"ך. מערסטנס פון זיי האָבן עס געהערט צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, זיי זענען פשוט געווען אנציקט פון זיי, די עלטערע וואָס האָבן אַמאָל געלערנט אין חדר, האָבן שוין אויך אלץ פאַרגעסן. די מעשה וועגן „יוסף און זיינע ברידער" און וועגן „דוד מיט גוליתן" האָב איך באדארפט עטלעכע מאָל איבערדערציילן, ווייל יעדן מאָל זענען צוגע־קומען נייע צוהערער.

דער אינטערעס צו דער געשיכטע פון יידישן פאָלק איז געוואַקסן מיט יעדער נייער דערציילונג. פימע האָט מיר געבעטן צו דערציילן סיסטעמאַטיש וועגן דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווייל נישט ער, נישט אנדערע יוגנט־לכע האָבן וועגן דעם קיין אנונג נישט געהאט. סאשע האָט אפילו געענדיקט אַ מיטל־שול, און אפילו אַדורכגעמאַכט צוויי יאָר אין טאַשקענטער אוני־ווערסיטעט אויף געשיכטע, נאָר וועגן דער געשיכטע פון יידן האָט ער גאָרנישט געוווּסט.

— מיר זענען ווי צוויגן אָן אַ וואָרצל — דערפּאָר ברעכט אונדז יעדער ווינטל איבער, און צעשליידערט אויף אַלע זייטן. — האָט סאַשע זיך איינמאָל אָנגערופן.

— פון וואַנען זאָלן מיר וויסן, אַז אין שול לערנט מען נישט און קיין ביכער זענען אין די ביבליאָטעקן נישטאָ — האָט פימע צוגעגעבן.

— ביי מיר האָט מען קאָנפיסקירט 14 בענדער „געשיכטע פון יידן" פון פּראָפעסאָר גרעץ, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין די צאַרישע צייטן אין דער רוסישער איבערזעצונג. מען האָט זיי באַצייכנט „אנטיסאָוויעטישע ליטעראַטור", אויך 16 בענדער פון דער „יידישער ענציקלאָפעדיע", אויך אין דער רוסישער שפּראַך, אַלץ האָט מען ביי מיר צוגענומען — האָב איך זיי דערציילט מיט גרויס פאַרביטערונג.

— מיינע צען יאָר האָב איך דאָך באַקומען דערפאַר, וואָס איך האָב געזאָלט אויסצובאַהאַלטן די דאָזיקע „אַנטיסאָוויעטישע ליטעראַטור". — האָב איך צוגעגעבן.

— דער שטאָלץ פון דער אַלמענטשלעכער ליטעראַטור איז אונדזער תנ"ך. ער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע שפּראַכן פון דער ציוויליזירטער וועלט. די גרעסטע רוסישע גאונים ווי טאָלסטאָי, גאָרקי, דער פּוילישער־מיצקיעוויטש, אַלע האָבן געשטודירט אונדזער תנ"ך און באַווירקט געוואָרן דורך אים, נאָר אונדז יידן אַנטווייניט מען פון אים, ווי מען אַנטווייניט אַ פּיצל קינד פון זיין מאַמעס מילך...

פימע האָט נישט אויסגעהאַלטן, כאָטש ער האָט מיר צוגעזאָגט איינהאַלטן זיך און נישט שילטן. האָט ער אריינגעקנאַקט אַזאַ שפּאָגל בייע פּירגאָרנדיקע קללה, וואָס האָט אונדז אַלעמען פּשוט איבעראַשט. מיט דער קללה האָט ער אויסגעדרוקט דעם גרויסן וויי און קלאָג אויף זיין פאַרלוירענער יוגנט, אויף זיין נישט ווילנדיקן פאַראַט פון זיין אייגן פאָלק און נאָך און נאָך, וואָס מיט קיין פּשוטע ווערטער איז ער נישט אומשטאַנד געווען אַרויסצוזאָגן.

פימעס לעבנס געשיכטע, איז אַ פּשוטע, אַזעלכע ווי עס זענען געווען אַ סך. זיין טאַטע איז געווען אַ בלעכער, ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער געהאַט אַ ווארשטאַטל אין אַ קעלער. מיט גרויסער מי פלעגט ער אויס־ארבעטן זיין פּרנסה פאַר זיין ווייב און דריי קינדער. פימע איז געבוירן געוואָרן שפּעטער אין דער צייט פון דער בירגער־קריג. זיין מאַמע האָט אים אפילו נישט דערלעבט צו זען — זי איז געשטאָרבן, ווען זי האָט אים געבוירן.

אים, פימען האָט מען אויסגעהאָדעוועט אין אַ קינדער־יאַסליע. דער טאַטע האָט דאַן שוין געאַרבעט אין אַ פאַבריק. די רעשט קינדער האָט ער צעשפּרייט אין פאַרשידענע יתומים־הייזער. ערשט דאַן האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן עלטערער פרוי אַן אלמנה, וועלכע האָט געהאַט אירע דריי טעכטער.

פימע איז אויסגעוואַקסן אין אַ קינדער־היים, געענדיקט זיבן קלאַסן אין דער שול און איז אַריינגעטרעטן אין אַ האַנטווערקער שול אויף שלאָסעריי. ער איז שוין געווען אַ „קאָמסאָמאָלעץ", און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט ביי 16 יאָר באַקומען אַ פּאַספּאָרט, אין וועלכן עס איז געווען אָנגעצייכנט,

אז ער איז אַ ייד, וואָלט ער וועגן דעם כמעט נישט געוווּסט. ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן זיין אייגן פאָלק: נישט זיין שפּראַך, נישט זיין געשיכטע, במילא אויך נישט זיין קולטור.

ווען זיין שטיף־מאַמע האָט אים אָנגעשריבן, אַז זיין טאַטע איז שווער קראַנק, איז ער אַראָפּגעפאָרן צו אים. ער האָט זיין טאַטן קוים דערקענט — אַ דאַרער עלטערער ייד, אַ באָרדיקער מיט פאַרלאָשענע אויגן און מיט געליימטע הענט. ער האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די שטיף־מוטער איז געווען א ווילע פרוי, אלע דריי טעכטער אירע האָבן זיך געלערנט אין שול. די עלטערע טאָכטער אירע, וואָס איז געווען אין איין עלטער מיט פּימען האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די 10 קלאַסן פון דער שול. מירע איז פּימען זייער געפעלן. צוליב איר איז אים אפילו איינגעפאַלן אַ געדאַנק אריי־בערצופאָרן אהער. ווי נאָר ער וועט פאַרענדיקן די האַנטווערקער־שול און זיך לערנען ווייטער.

נאָר אומגעריכט איז אויסגעבראָכן אין 1941 יאָר די גרויסע וועלט־מלחמה. פּימע איז דאַן אַלט געווען 17 יאָר. אַ סך פון זיינע חברים זענען אריבער ארבעטן אין געווער־פאבריקן, פּימע איז אַוועק פריייוויליק אין דער רויטער ארמיי. נאָך א קורצער אויסשולונג איז ער אוועק אויפן פראָנט. ער האָט געקעמפט מיטן יוגנטלעכן ברען, געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין פייער. צוויי מאָל איז ער געווען שווער פאַרוווּנדערט. פיר יאָר איז ער געווען אין געפאר, אין קאמף. זיינע העלדנטאטן זענען נישט איינמאָל באצייכנט געוואָרן און ער איז געוואַקסן אין זיין מיליטערישער קאריערע.

דעם נצחון איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע האָט ער געפראוועט אין בערלין, זייענדיק שוין דאַן א לייטענאַנט און א מיטארבעטער אין שטאב.

דאָ האָט ער זיך באקענט מיט אַ מיידל פון פוילן, א שיינע בלאָנדע מיידל, וואָס האָט געארבעט ביי זיי אלס איבערזעצערין און האָט געשריבן אויף דער שרייב־מאַשין. זי איז געווען פון לאָדז און איז צוזאַמען מיט אירע עלטערע מוטער אריבערגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, ווייל איר פאָטער איז געווען אַ דייטש. עס איז געווען שטרענג פאַרווערט די מיליטערישע זיך צו פארבונדן מיט דייטשקעס, נאָר ער פּימע איז דאַן געווען אין פוילן בלי,

ער האָט געהאט א סך ווערטפולע זאכן. ווער איז געווען בכוח אים אָפּצו־האלטן פון דעם דאָזיקן שריט?

ער איז געווען אין איר פאַרליבט. דאָס איז געווען זיין ערשטע ליבע אין זיין לעבן. זי ווידער און איר מוטער זענען געווען געגנוג ראפינירט און אויסגענוצט דעם נאיוון בחור, וויפיל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט.

ווען ער האָט זי אמאָל געטראָפן אין דער געזעלשאַפט פון זיין נאטשאלניק, דעם אָנפירער פון דער סעקרעטער־אָפּטיילונג, האָט ער באַשלאָסן זיך דעמאָ־ביליזירן און וואָס שנעלער אוועקפאָרן, איידער עס רוקט זיך אָן אויף אים די שוואַרצע כמארע. ער האָט זיך טאקע דעמאָביליזירט. נאָר אנטלויפן האָט ער נישט באוויזן. אינמיטן וועג האָט די מיליטער־מיליץ אים אָפּגעשטעלט, אריבערגעשלעפּט אין איר מאַשין און צוגעפירט נאָענט צו דער מערבדיקער זאָנע. דאָרט האָבן שוין צוויי אונטערגעשטעלטע עדות געזאָגט, אז ער האָט געוואָלט אנטלויפן קיין מערב. בשעת דער מיליטער־טריבונאל האָט אים אין אַ פּאָר טעג ארום געמשפּט, האָט זיין „געליבטע" עדות געזאָגט, אז ער האָט מיט איר זיך אָפּגערעדט צו אנטלויפן קיין מערב־בערלין און דאָרט מיט איר חתונה האָבן. מען האָט אים פארמשפּט פאר מלוכה־פאררעט אויף 10 יאָר, אָן רעכט צו אפּעלירן. אזוי האָט מען אים אָפּגעדאנקט פאר זיין קרבנות־גרייטקייט און טרייער דינסט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי...

מענטשן־קראַליקעס

דעם לאגער אין וויטשעגאָדסק האָט מען געקענט מיט רעכט אָנרופן „דער לאגער פון די באפרייטע פעלקער", ווייל דער גרעסטער טייל לאגערניקעס זענען באשטאנען פון ליטווינער, לאטווישער און עסטאָניער. און זיי זענען דאָך צוויי מאָל באפרייט געוואָרן: איינמאָל אין יאָר 1940 פון זייערע קאפּיטאליסטישע הערשער און אין סוף פון דער גרויסער מלחמה פון היטלעריסטישן דייטשלאנד. ס'ווייזט אויס, אז די באפרייטע פעלקער פון די ברעגעס פון באלטישן ים זענען נישט אזוי שטאַרק צופרידן געווען פון

זייער באפרייאונג. פארקערט, זיי האָבן גאָר מקנא געווען זייער שכנה פינלאַנד, וואָס איז בכוח געווען צו קעמפן קעגן איר באפרייאונג און פאר איר זעלבסשטענדיקייט מיט געווער אין די הענט. אויך די לעטלענדער און ליטווינער האָבן געוואָלט קעמפן, נאָר זייער צאָל איז געווען קליין און דער מיליטערישער כוח שוואך. די סאָוויעטן האָבן געטאָן אלץ זיי צו מאכן אונטערטעניק. לויט דעם, ווי איך האָב מיט א סך פון זיי געשמועסט אין לאגער און פאר אייניקע פון זיי געשריבן אַנקלאגעס, האָב איך זיך איבער־צייגט, אַז עס איז נישט געלונגען זיי צו מאכן אונטערטעניק. אפילו דאָ, אין לאגער, האָבן זיי זיך געהאלטן צוזאַמען, געפראוועט געמיינזאם זייערע נאציאָנאלע ימים טובים און געבעטן גאָט: „חדש ימינו כקודם״. קיין יידן־ליבהאָבער זענען זיי נישט געווען, כאָטש איינצלנע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין זייערע מקומות האָבן זיי געהאַלטן פאר לייטישע מענטשן, אָבער די יידן, וואָס זענען געקומען זיי באפרייען און איינפירן די נייע באָלשעוויסטישע אָרדנונג האָבן זיי פיינט געהאט, נישט ווייניקער פון די היטלעראָווצעס. בכלל האָבן זיי געהאלטן אַז די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע, מיט אירע מפלות און נצחונות — איז א יידיש שטיקל ארבעט.

איינער פון די ריגער יידן איז געווען אין וויטשעגאָטסקער לאגער. יעקב האָט מען אים גערופן. אים, יעקבן האָבן די לעטלענדער אפילו ליב געהאט. מיט אים האָט מען גערעדט אויף דער לאטווישער שפראך, מיט אים האָט מען געקענט שפילן אין „דאמקע״ און דוקא שטענדיק פארשפילן, אפילו ווען ער האָט געשפילט איינצייטיק פינף פארטיעס מיטאמאָל. דער עיקר האָבן זיי ליב געהאט יעקבן דערפאר, וואָס אין זיין אומגליק האָבן זיי געזען און אָנגעוויזן די גרויסע עוולות, וואָס די באָלשעוויקעס קענען באגיין לגבי דעם יידישן פאָלק.

יעקבס געשיכטע איז טאקע אן אויסטערלישע און ס׳איז מיר כדאי געווען זיך דערוויסן זי פון אים, יעקבן אליין.

יעקב איז א געבוירענער אין לעטלאנד, אין איר הויפט־שטאָט ריגע. זיינע עלטערן, זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן דאָ געוווינט. אין דער קליינער זעלבסטשטענדיקער לעטלאנד האָט יעקב זיך געלערנט אין שול. אין דער היים האָט מען אים צוגעלערנט דאַוונען, אַביסל חומש מיט רש״י.

מיט גרויס פּאָמפּע האָט מען געפּראַוועט זיין בר־מיצוה. זיינע עלטערן זענען נישט געווען קיין גאָר פרומע יידן, נאָר נאַציאָנאַלע יידן. די יידישע טראַדיציע איז געווען ביי זיי טייער און הייליק. דער פאָטער זיינער האָט געהאַט צוויי זון יעקבן און ברוכן. ער האָט זיי געגעבן אַן יידישע נאַציאָנאַלע דערציונג. מיט זיי פלעגט ער שמועסן וועגן ציון און אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט נאָך דערלעבן צו זען דאָס הייליקע יידישע לאַנד.

ווי נאָר יעקב האָט פאַרענדיקט זיין מיליטער־דינסט אין דער לעטלענדישער אַרמיי, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל פון גאָר א יחוסדיקער משפּחה, שיינע האָט מען זי גערופן. זי האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע און געטרוימט צו לערנען זיך ווייטער אין אוניווערסיטעט פאַר א דאָקטאָר־מעדיצין, נאָר איר חתונה מיט יעקבן האָט צעשטערט אירע פּלענער.

יעקב איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו מאַכן די טייערסטע פּילסענע מענער־הוטן. ער האָט געאַרבעט דערוויַיל ביי יענעם און פאַרדינט זייער שיין, נאָר נאָך דער חתונה האָט ער פּלאַנירט צו מאַכן אַן אייגן פאַבריקל און פאַרדינען נאָך מער.

דאָס באַפרייען לעטלאַנד דורך דער רויטער אַרמיי אין 1940 יאָר האָט אָפּגערוקט זיין פּלאַן צו ווערן אַ בעל הביתל אין אַ זייט. נאָך איידער די נייע מאַכט האָט באַוויזן זיך צו באַפעסטיקן אין לעטלאַנד און איינפירן איר נייע אָרדענונג האָט זיך אָנגעיאָגט די היטלעריסטישע כמאַרע, וואָס איז הענדום־פּענדום געלאָפן און פאַרנומען, פאַרניכטעט שטעט און מענטשן, דאָס יידישע האָב און גוטס. דאָס לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר.

יעקבס עלטערן זענען געווען שוין אַלט און קראַנק. ווי לאָזט מען זיי איבער איינער אליין ? ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער, יעקב, אַוועק־געשיקט זיין שיינען צוזאַמען מיט זיין ברודער ברוכן קיין רוסלאַנד, אָפּגע־שטעלט זיך מיט זיי זיך צו טרעפן אויף א באַשטימט אָרט, ביי ווייטערע קרובים זייערע אין מאָסקווע.

די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט ריגע און נישט נאָר ריגע — די אַלע באַלטישע לענדער און געיאָגט זיך קיין ווייסרוסלאַנד.

עס איז וואונדערלעך, וואָס דוקא איצט, אין דער צייט פון נויט און הונגער, פּיין און דערנידערונג זענען זיינע עלטערן געווען א סך געזונטער ווי פריער.

זיי האָבן דערלעבט די געטאָ, נאָר די געטאָ האָט זיי איבערגעלעבט. יעקבן האָט מען פאַרנומען און אוועקגעטריבן אין א לאַגער. פונדאַנען האָט מען אים מיט נאָך עטלעכע יונגע יידישע בחורים אוועקגעפירט ארבעטן אין אַ דייטשן שפּיטאָל, וווּ עס האָבן געאַרבעט א גרופּע דייטשע פּראָפעסאָרן. זיי האָבן דאָ אדורכגעפירט זייערע עקספּערימענטן אויף מענטשן, אַנשטאָט אויף קראָליקעס אָדער מייז. יעקב איז געווען איינער פון די קרבנות.

נישט איינמאָל האָט מען אים אָנגעשטעקט מיט מיקראָבן פון א געווויסער קרענק. ער איז געוואָרן דער אָביעקט פון זייער כסדרדיקער אָבסערוואַציע, זיינע אוממענטשלעכע ליידן זענען פאַר זיי געווען אינטערעסאַנטע צופאַלן, זיינע קאָנוולסיעס און הויכע היץ — דערויף האָבן זיי אויסגעקוקט.

דערנאָך האָבן זיי אים געגעבן קעגן־מיטלען, כדי אים אָפּצוראַטעווען פון א זיכערן טויט. טאָג און נאַכט איז מען נישט אָפּגעטרעטן פון זיין בעט. יעדער וואָרט זיינס, וואָס ער איז בכוח געווען ארויסצוברענגען, איז פאַר־שריבן געוואָרן. ער האָט געקענט רעדן פליסיק די דייטשע שפּראַך, דעריבער איז ער געווען פאַר זיי פאַסנדיקער פון אנדערע פאַר זייערע צוועקן, זיין אויסדויער, זיין איבערקומען די גרעסטע ווייטיקן און געפאַרן האָט זיי געפרייט. ער אליין, יעקב, האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט און ער איז, ליידער, נישט געקומען.

נאָך דעם ווי ער איז געזונטער געוואָרן פלעגט מען אים קרעפטיקן מיט א גענוגנדיקער מאָס מאכלים, געגעבן אַ פּאָר וואָכן רו. צוזאמען מיט אים האָט אויך באַקומען אַ פּאָר וואָכן רו זיינער אַ שכן פון ריגע, אַ יונגער קרעפטיקער מענטש, וואָס איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט אים. איינער פלעג פאַרן צווייטן זיך אַ אויסרעדן דאָס האַרץ, אפילו טרייסטן, אז אזוי אַרום אפשר וועלן זיי איבערקומען די פאַרשאָלטענע מלחמה. יעקב האָט אפילו געצווייפלט סיי אין דעם, אז ער וועט לעבן בלייבן, סיי אין דער מפלה פון היטלערן.ביידע זענען געווען מענטשן אומגליקלעכע. אויך דעם חברס ווייב מיט א פּיצל קינד אויף דער האנט האָט באוויזן צו אנטלויפן קיין רוסלאַנד.

די פּאָר וואָכן רו האָבן זיך פאַרענדיקט און די צוויי יונגע מענטשן־קראָליקעס זענען ווייטער גענומען געוואָרן אין דער ארבעט. נאָך אמאָל

אויף ווייטיקן אוןליידן, געפּאַר און טויט. בעסער וואָלטן זיי נישט געראַ־טעוועט שוין און געלאָזט אָפּשטאַרבן און שוין! נאָר נישט יעקב, נישט זיין חבר זענען געשטאָרבן. די יונגע אָרגאַניזמען האָבן אַלץ איבערגעקומען. ביז אין א שיינעם פרימאָרגן זענען אריין די רוסן און באפרייט זיי פונעם זיכערן טויט. זיי האָבן דערלעבט דעם נצחון איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע. יעקב איז געווען גרייט צו קושן יעדן איינעם פון די זעלנער, וואָס האָבן געבראַכט דעם נצחון.

יעקבס עלטערן זענען אומגעקומען צוזאמען מיט די טויזנטער אנדערע ריגער יידן. די ווייב זיינע שיינע איז געקומען צוריק קיין ריגע. זי האָט געאַרבעט בשעת דער מלחמה אלס קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל. די פרייד פון דער באַגעגעניש איז געווען גרויס. אויך ברוך, זיין ברודער איז געקומען צוריק אהיים מיט א ווייב און א קליין יינגעלע. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ברוך האָט חתונה געהאַט מיט זיין חברס ווייב, אָט מיט דעם, וואָס האָט אדורכגעמאַכט צוזאמען מיט אים די גרויסע אומגליקן אין שפּיטאָל. איר מיידעלע איז געשטאָרבן, זי איז געבליבן אליין, זי איז געווען זיכער, אַז איר מאַן איז אומגעקומען, האָט זי זיך פאַרשריבן אין „זאַקס" מיט ברוכן אלס מאַן און ווייב און געהאַט מיט אים אַ זון. איצט האָט זי נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיט ברוכן. אברהם, איר מאַן איז געווען בייז אויף ברוכן, מער ווי אויף איר. ער איז געווען גרייט נקמה צו נעמען אין אים און אפילו אין זיין פאַמיליע.

ער האָט אין גיכן חתונה געהאַט מיט אַן אנדערער, נאָר זיין כעס און נקמה פאַרלאַנג איז נישט אנטשוויגן געוואָרן. ווען יעקב איז שוין געווען א טאַטע פון צוויי קינדער האָט ער אין יאָר 1949, אין יאָר ווען די יידישע פרייהייט איז געווען הפקר, געמסרט אויף יעקבן, אַז ער האָט, זייענדיק מיט אים אין שפּיטאָל ביי די דייטשן, פאַרויסגעזאָגט די מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי. מיט דער הילף פון דעם אויספאָרשער, האָט ער עדות געזאָגט אויף נאָך און נאָך אנטיסאָוויעטישע ארויסזאָגונגען פון יעקבן. מען האָט יעקבן אַרעסטירט און פאַרמשפּט פאַר אנטיסאָוויעטישער אַגיטאַציע און פאַר דינען די פאַשיסטן, לויט דעם פּאַראַגראַף 10—58, די ערשטע טייל אויף 10 יאָר.

שוין דאָס פירטע יאָר קומט ער, יעקב, אָפּ זיין שטראָף אין לאַגער.

יואל פערעל

#ביים קאַכעדיקן קעסל

גרישע האָט איינגעאָרדנט יעקבן איז „קיפּיאַטילקע״. דאָ פלעגט ער הייצן דעם גרויסן קעסל און צוגרייטן הייסע וואַסער פאַרן לאַגער. די גרויסע קלעצער, וואָס מען פלעגט אים ברענגען, האָט ער געשפּאָלטן אויף קלענערע שטיקער, כדי זיי זאָלן אַריין אין אויוון אַריין. אין דעם פּיצל חדרל האָט יעקב געמאַכט פאַר זיך אַ געלעגער, אָוועקגעשטעלט אַ קליין טישעלע מיט אַ בענקל און דאָ פלעגט ער פאַרברענגען זיינע טעג און נעכט. יעקב האָט געהאַט זיין באַשטימט אָרט אין באַראַק פון די לעטלענדישע לאַגערניקעס, נאָר זעלטן ווען ער פלעגט דאָרט שלאָפן.

יעקב איז געווען יונג, כאָטש ער איז שטענדיק געווען פאַרוואַקסן מיט אַ שטעכעדיק בלאָנד־בערדל, געדיכטע ברעמען אויף אַ פּאָר שמייכלדיקע אויגן און אַ לולקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין טשמאָקן, אפילו ווען זי האָט נישט גערויכערט.

צו אים אין חדרל פלעגן קומען אָפטע געסט, איבערהויפּט ווינטער־צייט ווען ס׳איז דאָרט געווען וואַרעם, ווי אין אַ באָד. יעקב פלעגט באַקומען פּעקלעך פון זיין ווייב און ברודער: טיי, צוקער, קרישלדיקע קיכעלעך, אַ סלויאיקל איינגעמאַכטס און טיטון. כמעט שטענדיק איז געווען ביי אים פאַרפאַרעט אַ טשייניקל מיט פרישער, שמעקעדיקער טיי. ער האָט נישט געזשאַלעוועט און יעדן אַריינגעקומענעם גאַסט האָט ער מכבד געווען מיט זיסער טיי, אָדער אויף „פּריקוסקע״ — מיט אַ שטיקל האַרטן צוקער. אַ נאָענטערן גאַסט פלעגט ער צוגעבן אַ לעפעלע איינגעמאַכטס און אפילו אַ פּאָר שטיקלעך געבעקס. די געסט פלעגן אים צוהעלפן שפּאַלטן די קלעצער און ווען יעקב האָט באַדאַרפט ערגעץ אַוועקגיין, האָט זיך קיינער נישט אָפּגעזאָגט אים צו פאַרטרעטן. אין די פרייע מינוטן האָט ער ליב געהאַט צו שטודירן די שאַך־ברעט. ער האָט געהאַט אַ ביכל פון שאַך־שפּילן פון די באַרימטע מייסטער און זייער שפּילן האָט ער געשטודירט.

צו אים פלעגט אָפט אַריינקומען אַ גאָר הויכער עלטערער מענטש, אין די פופציקער יאָרן. ער האָט זיך באַדאַרפט איינבויגן ביים אַריינגיין דורך דער

טיר. זיינע אויגן זענען תמיד געווען ערנסט פארטראַכט, די לענגערע וואָנסן האָבן אים צוגעגעבן סאָלידקייט. נאָר זיין לאַגער־אַנטון האָט ווייט נישט געפּאַסט פאר אַזאַ פיגור און געזיכט. יוסטאַס האָט מען אים גערופן. ווען יעקב איז נאָך געווען יונג און געדינט אין דער לעטלענדישער ארמיי, אלס סאָלדאַט, איז ער יוסטוס שוין דאן געווען זיין פּולקאָווניק. כאָטש איצט זענען זיי ביידע גלייך, און ד'עם געוועזענעם פולקאָווניק קומט אויס צו בעטן ביי זיין געוועזענעם סאָלדאט א ביסל טיטון פאַר זיין לולקע און דערצו פאַרשפּילט ער גאַנץ אָפט ביי יעקבן איין פּאַרטיע נאָך דער אנדערער אין „דאמקע" אָדער שאַכמאַט. דאָך באַציט זיך נאָך אלץ יעקב צו יוסטאַסן מיט דרך ארץ, בעט אים זיצן, ווען ער קומט אריין, אויף דעם איינציקן בענקל און אליין זעצט ער זיך אויפן געלעגער, ווייל קיין אָרט אויף נאָך א בענקל איז נישט פאראן. אים, יוסטאַסן, איז יעקב אויך מכבד מיט זיסער טיי און שטעלט פאר אים אוועק אַ פּאָר לעפעלעך איינגעמאַכטס אין אַ שעלעכל. יוסטאַס שפּילט אין שאַכמאַט און טרינקט דערביי מיט געשמאַק די טיי, שלינג נאָך שלינג. דערביי הערט ער נישט אויף צו דערמאָנען:

— דו געדענקסט, יאַקוב, דו געדענקסט!

ער, יוסטאַס, געדענקט גאָרנישט וועגן יעקבן, דערפאר געדענקט יעקב זיין פולקאָווניק, זיין גלאַנץ, זיין שכל, אלץ. פאר יעקבן רעדט יוסטאַס פריי. ער האָט פיינט די סאָוויעטן. ער אליין שטאמט פון אמאָליקן לעטלענדישן אדעל פון די באַראָנען, מיט אייגענע פּאַלאַצן, פילצאָליקע דינערשאַפט, אליין זענען זיי געווען העלדישע ריטער, אויסגעשולטע צו מלחמות און יאַגט.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער וויטער זיך פארפוצט אין זיין מיליטערישן אוניפאָרם און איז גרייט געווען צוזאַמען מיט די דייטשן קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס. ער האָט עס טאַקע געטאָן, כאָטש זיין פרוי און צוויי טעכטער זיינע זענען געווען קעגן דעם. צי האָט ער זיך באַטייליקט אין אומברענגען די יידן, וועגן דעם פארשוויגט ער. ער איז זיך נאָר מודה, אז די יידישע „קאָמיסארן", וואָס זענען אראָפּגעקומען קיין לעטלאנד איינפירן אַ קאָמוניסטישע אָרדנונג — זיי האָט ער פיינט געהאַט און איז גרייט געווען זיי אויפצוהענגען ביז איינעם. א שאָד נאָר, וואָס נישט ער זיי,

נאָר זיי האָבן אים פאַרמשפּט צום טויט און פאַרביטן אויף 25 יאָר אויס־בעסערונג־אַרבעטס לאַגער.

— מילא, מיך? עס איז פאַרשטענדלעך — מיר זענען שונאים, אָבער דיך, יאַקוב, פאַרוואָס האָבן זיי אַריינגעזעצט? האָט ער מיט אַן איראָנישן שמייכל געפרעגט. מיט דעם האָבן זיי זיך אַליין אַרויסגעשטעלט אַ צייגניש פון אידיאָטן און מענטשנפרעסער.

— שאַך! האָט יעקב געענטפערט אויף דער באַמערקונג.

— שאַך און מאַט! האָט יוסטאַס צוגעגעבן און צעוואָרפן די שאַך־פיגורן.

צו יעקב פלעגט אויך אַריינקומען כאַפּן אַ פּאַרטיע שאַכמאַט דער „מוזיק־פּראָפעסאָר" פונם לאַגער. ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רוס, כאָטש ער האָט פאַרמאָגט געוויס שטריכן פון אַ יידן און אַ קאָפּ האָט ער געהאַט זיכער אַ יידישן. אַ מענטש מיט אַ סך טאַלאַנטן. מיכאיל האָט מען אים גערופן. ער האָט אָרגאַניזירט דעם בלאַז־אָרקעסטער אין לאַגער. ער אַליין האָט געשריבן די נאָטן פאַר יעדן אינסטרומענט באַזונדער. ער האָט אויך אָנגעפירט מיטן דראַמאַטישן קרייז, ער אַליין פלעגט מאָלן די דעקאָראַציעס און אַפילו די צענדליקער שילדן־פּלאַקאַטן, וואָס האָבן באַפּוצט דעם גאַנצן לאַגער, האָט ער אַליין געמאָלן.

ער, מיכאיל, האָט צוזאַמען מיט גרישען אויסגעפּועלט, אַז זיינע מוזיקאַנטן און די, וואָס באַטייליקן זיך אין זיין דראַמאַטישן־קרייז זאָלן מעגן פאַרלאָזן זיך די האָר און טראָגן פריזורן — נישט ווי קיין לאַגערניקעס. פאַרענטפערט האָט ער עס דערמיט, וואָס מען האָט שוין זיי פאַרבעטן אויף עטלעכע קאָנצערטן צו די אייזנבאַן־אַרבעטער, אויסער דעם לאַגער. צוליב וואָס דאַרף מען טייטלען אויף זיי מיט די פינגער, אַז זיי זענען לאַגערניקעס?

ווען נישט גרישע וואָלט ער גאָרנישט געפּועלט ביים נאַטשאַלניק, נאָר גרישע — ער איז דאָך, אייגנטלעך, דער אמתר נאַטשאַלניק פונעם לאַגער. דער נאַטשאַלניק אַליין איז קראַנק אויף אַסטמע, האַלט אין איין הוסטן. פאַרלאָזט ער זיך דעריבער אין אַלעמען אויף גרישען.

מיכאיל איז געווען אַ מענטש מיט בילדונג. ער האָט געוווינט פאַר דער מלחמה אין מאָסקווע צוזאַמען מיט זיין ווייב און איין און איינציקן זון.

ער האָט געאַרבעט אַלס לערער פון מוזיק. באַלד אין אָנהייב פון דער מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן אַלס אַן אָפיציר אין גענעראַל וולאַסאָווס אַרמיי. די ערשטע דורכפאַלן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געהאַט, איז ער מיכאַיל איבערגעקומען, ער האָט געקעמפט מיט אַלע זיינע כוחות, ווי אַ געטרייער סאָוויעטישער בירגער. נאָר וולאַסאָוו האָט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער אַרמיי אויך אים מיכאַלן אַריבערגעגעבן אין דייטשער געפענגעניש. ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען — ווייסט ער אַליין נישט. אָן שום קאַמף זענען זיי אַריבער אויף דער דייטשער זייט. די גאַנצע מעשה איז פאַר אים, מיכאַלן, געווען אַ גרויס רעטעניש.

קעגן דער רויטער אַרמיי האָט ער, מיכאַל נישט געקעמפט, דאָך האָט ער געאַרבעט אַלס פּשוטער אַרבעטער אין א דייטשער פאַבריק. ווען די רויטע אַרמיי האָט אים, מיכאַלן, באַפרייט, האָט מען אים, ווי אַ סך אַנדערע געוועזענע אָפיצירן, געמשפּט אין מיליטערישן טריבונאַל פאַר פאַרראַט און גלייך אַוועקגעשיקט אויף 10 יאָר אין לאַגער. „ביי אונדז זענען קיין געפאַנגענע סאָוויעטישע אָפיצירן נישט פאַראַן; ביי אונדז זענען זיי פאַררעטער פון פאָטערלאַנד” האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט סטאַלין. די עטלעכע ווערטער האָבן צענדליקער טויזנטער סאָוויעטישע מענטשן געמאַכט פאַר פאַררעטער און און נישט דערלאָזט זיי, נאָך דער מלחמה, זיך אומצוקערן צו זייערע ווייבער און קינדער און פאַרטריבן זיי אין די ווייטסטע לאַגערן.

די פאַמיליעס זייערע האָבן באַקומען מעלדונגען: „ער איז פאַרפאַלן געוואָרן נישט ווייסנדיק ווו”.

נאָך עטלעכע יאָר אָפּקומען זיין שטראָף אין ווייטן קאַלימאַ האָט מען מיכאַילן אַריבערגעפירט קיין וויטשעגאָדסק. פונדאַנען האָט ער סוף כל סוף זיך פאַרבונדן מיט זיין ווייב און זון. ער האָט זיי אין זיינע בריוו אַ סך איבערגעגעבן וועגן זיינע איבערלעבונגען אין דייטשלאַנד. דורך זייטיקע וועגן פלעגט ער זיי שרייבן בריוו, אויסער דער צענזור, וועגן זיינע אָפּקומע־נישן אין קאַלימאַ, וועגן זיין איצטיקער גוטער לאַגע, אַלס דיריגענט פון אַן אָרקעסטער. ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז גאָר אין גיכן וועט ער זיך אינגאַנצן אומקערן אהיים, צו זיין ווייב און זון. דער זון זיינער איז שוין געווען אַ גרויסער, ער האָט זיך געלערנט אין 10־טן קלאַס.

איינמאָל האָט ער בשעת דער לעקציע פון געשיכטע זיך ארויסגעזאָגט, אז בשעת דער מלחמה זענען באַגאַנגען געוואָרן אַ סך עוולות לגבי אייגענע מענטשן, אמאָל פלעגט מען באַצייכענען אלס העלדן די, וואָס האָבן זיך צופעליק ארויסגערוקט און אנדערע אמתע העלדן האָט מען פארגעסן...

די לערערין האָט זיך געבייזערט אויף אים פאַר אַזעלכע רייד און זיך ארויסגעזאָגט:

— עס רעדט פון דיר ארויס דער טאטע דיינער... אין די לאגערן פארשיקט מען נישט קיין העלדן און אומשולדיקע !...

די פאָלגן פון די רייד זיינען געווען שרעקלעכע. דער זון זיינער איז ארויס אַ צערודערטער פון קלאס. שפּעטער האָט מען אים געפונען אַ געהאָנגענעם אין בית השימוש אויף זיין פּאַסיק...

מען גרייט זיך צום סדר

די ווארעמע פרילינגדיקע זון. דאָס גרינע גרעזעלע וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ערד, דאָס פלאַטערן פון די אָנגעקומענע שוועלבעלעך — דאָס אלץ האָט דערטראָגן צו אונדז די בשורה אַז פּסח קומט. סאשע, דער יונגער סטודענט, אָט דער וואָס האָט געוווינט מיט גרישען אין איין צימער, האָט באקומען אַן אויסטערלישע „פּאָסילקע" פון טאַשקענט. אין פּעקל זענען געווען פינף דינע קיילעכדיקע מצות און אויסגעטרוקנטע פרוכטן. זיינע עלטערן האָבן אים אַזוי אַרום געוואָלט דערמאָנען, אַז ביי יידן גרייט מען זיך צו פּסח. ווען פראווועט מען דעם ערשטן סדר — דאָס האָט זיך פּימע דערוווסט ביי לאריאָנאָוויטשן, דעם „סובאָטניק". ער, לאַריאָנאָוויטש, האָט זיך געמאַכט אַן אייגענעם קאַלענדאר. נאָך אין זאפּאָלאריע, אין יעלעצקער לאגער, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים אָנגעבן די נעמען פון די יידישע חדשים. ער האָט זיי פאַרשריבן, מיט רוסישע אותיות: ניסן, אייר... און ס'איז ביי אים ארויסגעקומען אַ יידישער לוח מיט אַלע שבתים און ימים טובים. פון דער צייט וואָס איך האָב פאראינטערעסירט פּימען מיט דער

געשיכטע פון יידן און אים דערציילט, אַז ביי דעם „סובאָטניק" איז פאַראַן דער תנ״ך אין דער רוסישער שפּראַך, האָט ער מיט מיין מיטהילף געפּויעלט, אַז לאַריאָנאָוויטש זאָל איבערלאָזן זיין עוואַנגעליע אונטערן סיענניק אין בעט, בשעת ער גייט צו דער אַרבעט. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט זיך פימע אַריינכאַפּן אין דעם באַראַק אַריין, ווען דאָרט איז קיינער נישט געווען און גאַנצע שעהן האָט ער געלייענט און שטודירט פון סאַמע אָנהויב, פון „בראשית" איצט האָט ער שוין געהאַלטן ביי „יציאת מצרים".

דער אינטערעס צו דער יידישער געשיכטע, צום יידישן קולטור־אוצר — זיין תנ״ך איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג ביי פימען. פאַר אים איז אַלץ געווען ווי אַן אַנטפּלעקונג, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן צו לעבן אויפדאָסניי. ער האָט דערפילט אַ באָדן אונטער די פיס. איצט ווייסט ער שוין ווער זיינע אבות זענען געווען, זייער געשיכטע. איך פלעג אים נאָך שטאַרקער פאַר־אינטערעסירן און געראָטן אים וואָס שנעלער אַריבערגיין צו „משלי", צו די נביאים — ערשט דאַן וועט ער דערוווערבן כאָטש אַביסל פון דער קולטור ביי יידן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פימע, פלעג איצט אַ סך זעלטענער אַרויסברענגען פון זיין מויל אַ קללה און אין זיין באַנעמונג איז ער געוואָרן אַ סך ערנסטער און סאָלידער...

דער געדאַנק פון פּראַווען אַ סדר איז געווען מיינער. איך האָב אַמאָל געפּראַוועט סדרים ביי מיין טאַטנס טיש. צום סדר פלעג איך ספּעציעל אַראָפּ־קומען קיין לוצק אַזש פון וואַרשע. דער טאַטע מיינער פלעגט פּראַווען דעם סדר, ווי אַן אמתר מלך. זיין גרויע ברייטע באָרד, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַן העלפט כמעט פון זיין פּנים, די טיפע שוואַרצע פאַרדאַגהטע אויגן, אין וועלכע ס'האָט ווי געערוט די שכינה אין דער סדר נאַכט. די הויכע היסב־בעט אויף פינקלדיקע ווייסע קישנס, אויף וועלכע ער איז געזעסן צוזאַמען מיט מיין מאַמען — זיין מלכה, וואָס איז געווען פאַרפאַרעט, דאָך איז זי געזעסן ביים ערשטן טייל פונעם סדר אין איין ריי מיטן טאַטען און געשעפּט גרויס נחת פון אירע צען קינדער, וואָס אַלע ביז איינעם זענען געקומען מיט זייערע ווייבער און מענער, מיט אייניקלעך, אָנגעטאָן אין זייערע יומטובדיקע מלבושים צום סדר. דער „קידוש" אַליין האָט געדויערט לאַנג, ווייל נאָך דעם טאַטן, האָבן געמאַכט קידוש אַלע זיינע פינף זין און דריי איידעמס. איך דער־

מאָן זיך, ווי איך האָב אליין געפּראַוועט אַ סדר, לויט מיין טאַטנס שטייגער, אין 1946 יאָר, ווען איך בין אַראָפּגעקומען פון קיעוו קיין לוצק אויף קבר אבות אויפן גרויסן ברודער־קבר, וווּ מיין מוטער, ברידער און שוועסטער האָבן געפונען זייער רו, צוזאַמען מיט 18 טויזנט לוצקער יידן. צופעליק בין איך אריינגעפאַלן אין אַן יידישער שטוב, צו די געוועזענע אונדזערע שכנים. צו די גאָטמאַנעס. על פי נס זענען פון זייער משפחה פאַרבליבן די מוטער, אַ זון און צוויי טעכטער מיט אַן אייניקל. אריינקומענדיק צו זיי האָב איך דערזען אויפן טיש אַ צוגעגרייטן סדר, מיט מצות און וויין, אפילו מיט כריין און חרוסות. ערשט דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ביי יידן איז פּסח און היינט איז דער ערשטער סדר. מען האָט מיך פאַרבעטן צום טיש. עס האָט מיר אָנגענומען אַזאַ שטאַרקער חשק צו פּראַוועט אַ סדר אַזוי ווי מיין טאַטע ע״ה האָט געפּראַוועט. אויב איך האָב עפּעס פאַרגעסן, וועט מיר די הגדה שוין אַלץ דערמאָנען. איך האָב געמאַכט קידוש פּאַמעלעך, מאַיעסטעטיש, וואָרט ביי וואָרט מיט אַ הויכער קלינגענדיקער שטימע. אפילו דאָס קול מיינס איז איצט אַזוי ענלעך געווען צו מיין טאַטנס קול. צום ערשטן מאָל נאָך אַ סך יאָרן האָב איך זיך דערפילט אַזוי שטאַלץ מיט מיין יידישקייט. מיט אונדזער יידישער טראַדיציע. איך בין געווען גליקלעך וואָס איך בין ממשיך די גאָלדענע קייט פון יידישן קיום, פונעם אייביקן ייד.

איצט אין וויטשעגאָדסקער לאַגער, וווהין איך בין פאַרוואָרפן געוואָרן, אַלס ייד, אַלס אַ קרבן פון מיין מאַרטירער־פאָלק, האָב איך חשק געהאַט צו פּראַוועט אַ סדר מיט אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין לאַגער. גרישע האָט מיך אונטערגעהאַלטן.

די ערשטע פראַגע איז געווען מצות. ווו נעמט מען מצות?

גרישע האָט באַקומען פון ערגעץ, צי פון געוועלב, צי פון דער בעקעריי אַ פינף קילאָ מעל. ווי נאָר די אַרבעטער זענען אוועקגעגאַנגען אויף דער אַרבעט, האָב איך פאַרקנעטן די מעל. אויפן טיש האָבן געוואַלגערט די דינע מצות עטלעכע יידן פונעם לאַגער מיט פלעשער. יעדערער האָט זיך באַמיט, אַז זיין מצה זאָל זיין גאָר דין. אויפן קיכל, אויף וועלכן עס האָט זיך געוואַלגערט די בלינדע פליטע, האָב איך שנעל אַרויפגעלייגט צוויי מצות מיטאַמאָל. די אַרבעט האָט געברענט. דער סטאָס מצות אויפן רייַנעם, ווייסן

ליילעך איז געוואַקסן. אייניקע זענען געווען אַביסל צוגעברענט אין די עקן, נאָר ווען עמען גייט עס אָן — אָבער מצות האָבן מיר. קיינער האָט נישט געוואגט אפילו צו פּאַרזוכן, כאָטש די סלונקע האָט זיך געקווילערט אין מויל.

גרישע האָט גענומען אין קיך אַלע אונדזערע פּאַרציעס צוגעפּרעגלטע פֿיש. כדי זיי צו מאַכן יידישלעך צום סדר, האָב איך זיי נאָכאַמאָל געקאָכט אין אַ גרויסן טאָפּ מיט ציבעלעס און פעפער. סאַשע האָט אוועקגעגעבן אַלע זיינע פּרוכטן אויף אַ גרויסן קאָמפּאָט. גרישע האָט די לעצטע מינוט געבראַכט מיט זיך צוויי פלעשער וויין אויף די ארבע כוסות.

אַלץ איז געווען צוגעגרייט, אפילו אַ וואָרצל כריין אויף מרור האָט עמיצער אויסגעגראָבן. ס׳האָבן נאָר געפעלט אונדזערע ווייבער און קינדער, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבערן סאָוויעטן־לאַנד און זיכער נישט געוווּסט אפילו, אַז היינט איז פּסח, דער ערשטער סדר. ס׳האָבן אויך געפעלט די הגדות, כאָטש נישט אַלע האָבן געקענט אין זיי לייענען.

אַרום 3 אַ זייגער ביי טאָג איז אַלץ געווען פאַרטיק. איינציקווייז זענען זיך צונויפגעקומען ביי מיר אין צימער אַלע יידן פונעם לאַגער, אַ פּופצן פּאַר־שוין, אַלע האָבן דעם טאָג נישט געאַרבעט, אַלע האָבן געגרייט דעם סדר. ביי אייניקע איז דאָס געווען דער ערשטער סדר אין לעבן. אויב עמיצער האָט געהאַט אין סקלאַד עפּעס אַ בעסערן אָנצוג, האָט ער אים ארויסגענומען און פאַרפּוצט זיך, כדי צו באַערן דעם גרויסן יום טוב.

די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, כאָטש קיינער האָט נישט מורא געהאַט פאַר פאָלגן, האָבנדיק גרישען אין דער זייט, דאָך האָט מען זיך געפילט ווי די אנוסים, וואָס האָבן געפּראַוועט זייער סדר, ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם קעלער. די לעצטע מינוט האָט גרישע באַמערקט: — ס׳פעלן נאָך צוויי יידן צום סדר. איך וועל זיי גיין ברענגען!

מיר האָבן בשום אופן נישט פאַרשטאַנען וואָס גרישע האָט געזאָגט. דוכט זיך, אַז אַלע ביז איינעם זיצן שוין ארום דעם טיש.

גרישע איז אוועקגעגאַנגען און אין אַ פּאָר מינוט ארום איז ער געקומען און געבראַכט מיט זיך צוויי. אַלע האָבן מיר זיי געקענט אין לאַגער, נאָר קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז זיי זענען יידן. איינער אַן עלטערער מיט אַ לאַנגער באָרד, דער אינזשיניער, וואָס האָט איינגעאָרדנט און אָנגעפירט

מיטן ראַדיאָ־פּונקט און דער צווייטער אַ בלאָנדער, אַן יונגער, גוסטאַוו האָט מען אים גערופן, וואָס גרישע האָט אים אויף היינט פאַרהאַלטן און נישט געשיקט צו דער אַרבעט אויסערן לאַגער.

— כאָטש זיין טאַטע איז קיין ייד נישט געווען, נאָר זיין מאַמע איז אַן יידישע — האָט אויף אים גרישע געזאָגט.

— איצט זענען מיר אַלע אויפן אָרט. אַלע יידן — קינדער פון דעם מאַרטי־רער־פאָלק. איך בין זיך מודה, אַז פריער האָב איך זיך נישט געהאַלטן פאַר אַ יידן. איך בין געווען אַ קאָמוניסט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. און ווייל איך און איר אַלע ליידן זיכער דערפאַר, וואָס מיר זיינען יידן — וויל איך טאַקע זיין אַ ייד, אַן אמתער ייד, מיט גרויס ליבע צו מיין פאָלק און לאָמיר אַלע צוזאַמען, ווי ברידער, פּראַווען דעם יידישן יום טוב פסח, דעם יום טוב פון באַפרייאונג...

דער סדר

דער סדר־טיש איז געשטאַנען גרייט. פאַר יעדן איינעם זענען געלעגן צו צוויי פרישע מצות. אין זיבצן טעפּעלעך פון אַלומין אָדער ווייס־געשירענע, איז געווען צעגאָסן דער וויין פון די צוויי פלעשער, וואָס גרישע האָט געבראַכט.

אַפילו דער פולער כוס פאַר אליהו הנביא איז געשטאַנען אינמיטן. פימע האָט מיט אַ טשוואָק דורכגעקלאַפּט אין אַ דעקל פון אַ בלעכערנע פּושקע, אין וועלכער טאַשע האָט באַקומען זיינע טרוקענע פּרוכטן, לעכערלעך און געהאַט אַ פּאַרטיקן רייב־אייזן, אויף אָנצורייבן דעם כריין. איצט איז דער אָנגעריבענער כריין געשטאַנען אויפן טיש און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שאַרפן קיצלדיקן ריח. אויך כרפס, אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל איינגעטונקענע אין וואַסער מיט זאַלץ, האָט נישט געפעלט. אַ סדר ווי ביי אַלע יידן. און געפּראַוועט האָבן אים זיבעצן מענער אין וויטשעגאָדסקער לאַגער.

שווערער פון אַלע איז גרישען אָנגעקומען אַראָפּצובּרענגען שמעונען,

דעם בוכהאַלטער פון לאַגער, כאָטש שמעון אליין וואָלט געוואָלט מער פון אלעמען פּראַווען אַ סדר. ער איז געווען אַ טאַטע פון פיר קינדער. זייענדיק אין דער היים, אין מינסק, פלעגט ער יעדן יאָר פּראַווען אַ סדר, נישט אַזוי פאַר פרומקייט ווען, נאָר פאַר די קינדער, זאָלן די קינדער זיינע, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אַ רוסישער שול, וויסן וואָס איז אַזוינס אַ יידישער סדר. דאָ אין לאַגער איז שמעון פון די ציטערדיקע, ווער ווייסט, וואָס אַזאַ סדר קען קאָסטן יעדן יידן, האָט ער ביי זיך געטראַכט. זיינע 10 יאָר האָט ער באַקומען פאַר קלענערע זינד, ווי צו פּראַווען אַן עפנטלעכן סדר.

ווען דער פאַרשאַלטענער דייטש איז אין 1941 יאָר אָנגעפאַלן אויף ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער, שמעון, נישט באַוויזן צו אַנטלויפן מיט זיין ווייב און פיר קינדער. ווען די דייטשע פאַשיסטן האָבן פאַרנומען מינסק איז אים געלונגען אַוועק מיט זייניקע אין די ארומיקע וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. דאָרט איז שמעון גאָר קיין ציטערדיקער נישט געווען, אויב ער האָט יאָ געציטערט איז פאַר די קינדער, נישט פאַר זיך.

על פּי נס זענען זיי אַלע לעבן געבליבן און נאָכן באַפרייען מינסק דורך דער רויטער ארמיי, איז ער צוריקגעקומען קיין מינסק. ער האָט געאַרבעט אלס בוכהאַלטער אין דעם טראַקטאָר־זאַוואָד. די קינדער האָבן זיך ווייטער געלערנט. ער, שמעון, פלעגט אויך אמאָל נאָך דער ארבעט אריינקוקן אין אַ ספר. ער האָט דאָך אמאָל געלערנט אין אַ חדר, אין אַ ישיבה. צו וואָס דאַרף ער אלץ פאַרגעסן? אין דער יידישער קהילה פלעגט מען באַקומען יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד. אממערסטנס האָט שמעונען אינטערעסירט די יידישע צייטונג פון לאָדזש. „דאָס נייע לעבן". אין דער צייטונג איז געווען די רובריק: „מען זוכט קרובים" פלעגט שמעון כאָטש איינמאָל אין וואָך אריבערכאַפּן זיך נאָך דער ארבעט אין דער קהילה און זוכן זיינע קרובים איבער דער גאָרער וועלט. און אפשר זוכט עמיצער אים, האָט ער געטראַכט. ער איז געווען גרייט יעדן איינעם אָנזאָגן די בשורה, אַז ער, זיין ווייב און פיר קינדערלעך זענען לעבן געבליבן. אמאָל האָט ער עמיצן אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, ווען ער האָט זיין נאָמען געטראָפן אין צעטל. פון דאַנען איז טאַקע געקומען זיין גרויסער אומגליק. אין 1949 יאָר האָט

מען אים ארעסטירט און פאַרגעוואָרפן, אז ער האָט פארשפּרייט אנטיסאָוויע־טישע ליטעראַטור צווישן די באַקאַנטע. מען האָט אים אפילו פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט אָרגאַניזירט אַ קרייז פאַר שטודירן תלמוד. אַ סימן, אַז ביי אים אין שטוב האָט מען געפונען א באַנד „בבא מציאה" און אַ תנ"כל.

פון דאמאלס אַן ציטערט ער, שמעון, פאַר אַזעלכע זאכן ווי פראוועַן אַ סדר, נאָר גרישע האָט אים פאָרט באַווירקט. עס האָט אים שמעונען נישט געפּאסט פאר אלע אנדערע יידן.

איצט זיצנדיק ביים טיש איז ער אפילו געווען צופרידן. ווען איך האָב אים שמעונען פארגעלייגט צו מאַכן קידוש, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אין דמיון זעען פאר זיך זיין ווייב אין די קינדער און מיט אַ שוואַך קול אָנגעהויבן „סברי מרנן ורבנן ורבותי". נאָך דער ברכה „בורא פרי הגפן" האָב איך דער ערשטער געענטפערט „אמן" און נאָך מיר האָבן אלע איבער־געחזרט „אמן".

„הא לחמא עניא" מיט די ווערטער האָב איך אָנגעהויבן דערציילן אויף רוסיש, פארוואָס מיר עסן די מצות. פאַרענדיקט האָב איך מיט די ווערטער: השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין". און באלד איבערגעזעצט אויף רוסיש: „היינטיקס יאָר זענען מיר קנעכט, איבעראיאָר וועלן מיר שוין זיין פרייע מענטשן".

ביי די ווערטער האָב איך באמערקט טרערן אין די אויגן ביי אַ סך פון די אָנוועזנדיקע. שמעון האָט פארשטעלט מיט ביידע הענט די אויגן, אנדערע זאָלן נישט זען, ווי ער וויינט. איך האָב פאָרגעלייגט פּימען דערציילן די געשיכטע פון יוספן מיט זיינע ברידער. ער האָט וועגן דעם ערשט יענע וואָך געלייענט אין דער עוואנגעליע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און דער־ציילט אין קורצן וועגן מכירת יוסף, וועגן דער באגעגעניש פון יוספן מיט זיינע ברידער, וועגן דעם אריבערפאָרן פון די יידן מיט יעקבן אין דער שפּיץ קיין מצריים, וועגן די לאנגע יאָרן פון קנעכטשאפט אין מצרים און וועגן משהס פארביסענעם קאמף מיט די מצריים פאר דער באַפרייאונג פון זיין פאָלק...

מען האָט זיך געמוזט צואיילן, ווייל די צייט שטייט נישט און די ארבעטער קענען יעדע מינוט צוריקקערן זיך פון דער ארבעט. ערשטנס, דאַרף זיי גרישע אויפנעמען ביים טויער און צווייטנס — זאָלן זיי אונדז נישט טרעפן אלע יידן ביים סדר־טיש.

דאָס עסן איז דעריבער פאָרגעקומען שנעל, בחיפזון. אלץ האָט געשמעקט מער ווי שטענדיק. די פיש זענען געווען נאָך ווארעם, אַ ביסל איבערגעפּע־פערט, שאַרף, נאָר געשמאַק. פארטרונקען האָט מען מיט וואסער. קיין קוואס האָב איך דאָסמאָל נישט געגעבן צו טרינקען, ווייל ער איז געמאַכט אויף זויער־ברויט. דער קאָמפּאָט אין די טעפּעלעך איז געווען גאָר יומטובדיק. ער האָט באַחנט און באַטעמט די גאַנצע פסחדיקע סעודה.

צעגאנגען איז מען זיך שנעל, איינציקווייז, צוווּנשנדיק איינער דעם צווייטן — די גיכע פרייהייט. שמעון האָט מיר געדאנקט פאַרן סדר און שטיל ארויסגעזאָגט זיין ברכה: „לשנה הבאה בירושלים״.

ווי ביזטו, שמעון, איך זאָל דיר אָפּדאנקען פאַר דיין הארציקער ברכה. זי איז מקוים געוואָרן אין עטלעכע יאָר אַרום. ווער ווייסט ? אפשר דערפאַר, וואָס זי איז ארויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ גוטער שעה און פונעם גאַנצן האַרצן ?

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן דאמאָלס אין וויטשעגאָדסקער לאגער, ביים פארווערטן סדר, אז איך וועל מיט פולער מענטשלעכער ווירדע שפּאַנען מיט געמאָסטענע טריט ארויף אויפן הר־ציון אין ירושלים, צום הייליקן קבר פון מלך דוד און ביים כותל המערבי דערמאָנען דערביי די שווערע איבערגעקומענע ליידן אין די סאָוויעטישע לאגערן, ווי אַ בייזן חלום, דערמאָנען אייך, מיינע טייערע, יעדן באַזונדער מיט דער האָפענונג, אז איך וועל זיך נאָך מיט אייך טרעפן דאָ, אין אונדזער הייליק לאנד...

יואל פּערעל

דער אַרקיעסטער פון פּיעטשאַרע

צום צוזאַמענפאָר פון די סטאַכאַנאָוועצעס פון די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פלייסיקער אַרבעט אויף דער 501 סטראָיקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער חודש פונעם 1953 יאָר, זענען אויך אַראָפּגעקומען די אַרטיסטן און דער אָרקיעסטער פון די פּיעטשאָר־לאַגערן. דער אָרקיעסטער איז באַשטאַנען בלויז פון לאַגערניקעס־מוזיקאַנטן. זיי האָבן געשפּילט אויף בלישטשעדיקע מעשענע בלאָז־אינסטרומענטן. צווישן זיי איז געווען גאָר ווייניק פעיקע מוזיקאַנטן־פּראָפעסיאָנאַליסטן, אויף וועמען ס׳האָט זיך געהאַלטן דער אָרקיעסטער. איינער פון זיי האָט געשפּילט אויף אַ קאָרנעט, דער צווייטער — אויף א באַריטאָן, דער דריטער — אויף אַ קלאַרנעט. די איבעריקע זענען געווען צופעליקע מוזיקאַנטן־ליבהאָבער, וואָס האָבן קוים זיך פונאַנדערגעקליבן אין נאָטן. אייניקע זענען אַמאָל געווען דאָרף־מוזיקאַנטן, וואָס האָבן מער געהילכט, ווי געשפּילט. איבערהויפּט דער פּויקער, וואָס האָט מיט זיינע טאַצן און פּויק געררישט מער פון אַלעמען. אינגאַנצן זענען אַרויסגעטרעטן דאַן דריי מענער אַרטיסטן. צוויי פון זיי גאָר פעיקע. זיי האָבן אָנגעפירט מיטן גאַנצן קאָנצערט, זייערע דיאַלאָגן זענען געווען פריילעכע, מיט אַ ביסל בייסנדיקער סאַטירע, וואָס האָט געקענט האָבן אַן אָרט נאָר אין די לאַגערן, ווו די מורא פאַר דער ענ.קאַ.ווע.דע עקזיסטירט נישט כמעט מער. עס האָט מיך אפילו געוווּנדערט הלמאי די צענזור פון פּעטשאָרער לאַגערן האָט אַדורכגעלאָזט אַזעלכע שאַרפע נומערן מיט אמתער קריטיק איבער די פעלערן, וואָס האָבן אַן אָרט אין ראַטנ־פאַרבאַנד. די אַרטיסטן האָבן געהאַט אַ שטענדיקן פּולמאַן־וואַגאָן, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט זייענדיק אין וועג. צום פּולמאַן־וואַגאָן, איז געווען פאַראייניקט אַ קלענערער פּראַכט־וואַגאָן, אין וועלכן עס איז געווען אַ קיך, אַן אָרט צום וואַשן זיך און דער סקלאַד פון רעקוויזיטן און דעקאָראַציעס. צוויי, אַמאָל דריי מאָל אין וואָך פלעגט מען זיי אַריבערפירן אין אַן אַנדערן לאַגער, ווו זיי האָבן געגעבן אַ קאָנצערט. מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות איז יעדער קאָנצערט געווען פאַר די לאַגערניקעס אַ סענסאַציאָנעלע דער־ שיינונג. עס האָט זיי געפרייט און צערודערט, דערוועקט אַ סך זכרונות פון

גאָר אַן אנדער לעבן. פון קולטור און פּאַרוויילונג, פון עסטעטישן געניס און צופרידנקייט, פון פארשווונדענע צייטן, ווען זיי זענען געווען צוזאמען מיט זייערע ווייבער, געליבטע און באקאנטע.

איך האָב אַמאָל אין די שול־יאָרן געשפּילט אין גימנאַזיע־אָרקיעסטער אויף אַ קלארנעט. ווען דער אָרקעסטער האָט אדורכגעפירט זיין רעפּעטיציע אין יעלעצקער קלוב בין איך דעמאָלס געווען דער ביבליאָטעקאר פון קלוב, האָב איך גענומען ביים קלארנעטיסט זיין קלארנעט און אויפגעשפּילט אויף אים די בארימטע פּאָלקע „דער זיידע"; די פּאָלקע האָב איך אַמאָל געשפּילט סאָלאָ אויף עטלעכע קאָנצערטן פון אונדזער־גימנאַזיע־אָרקעסטער. דעם אָנפירער פונעם אָרקיעסטער איז שטארק געפעלן מיין שפּיל און ער האָט מיר פאָרגעלייגט אריינצוטרעטן אין אָרקיעסטער. ער האָט מיר אפילו צוגע־רעדט דערצו, געשילדערט דאָס פרייע לעבן, פריי פון שווערער ארבעט. די טעג ווען זיי פירן אדורך זייערע קאָנצערטן אין די לאַגערן, ווערן זיי פארערכנט דריי טעג פאר איינעם, דאָס הייסט, אַז אָנשטאָט 10 יאָר. וועל איך קענען אָפּקומען מיין שטראָף במשך פון 5 יאָר.

איך בין אפילו געווען גרייט אריינצוטרעטן אין אָרקיעסטער נאָר ביז איך וועל אדורכפירן די נויטיקע פאָרמאליטעטן, האָב איך געטראכט, וועל איך ארויספאָדערן פון קיעוו מיין אייגענעם קלארנעט, און אביסל זיך צולערנען.

ווען איך האָב אָנגעשריבן וועגן דעם פּלאַן קיין קיעוו, צו מיין ווייב, האָב איך אינגיכן באקומען אַן ענטפער.

— סטייטש, האָט מיר מיין ווייב געשריבן. ווי פאלט דיר איין אַזאַ זאך? איך פארליר נישט די האָפנונג, אַז גאָר אינגיכן וועט מען זיך ארומקוקן אויף דער אומרעכט, וואָס איז לגבי דיר באגאנגען געוואָרן און דו וועסט באפרייט ווערן. ווי נאָר דו טרעטסט אריין אין אָרקיעסטער, וועסטו שוין מוזן אָפּזיצן פון קלונג צו קלונג... אויב דו ווילסט שפּילן פאר זיך, וועל איך דיר שיקן דיין פייפעלע, שפּיל זיך געזונטערהייט, אויב ס'ווילט זיך דיר...

זי, מיין ווייב, איז געווען פולקאָם גערעכט. „אין פּראקטישן לעבן, האָב איך געטראכט, זענען זיי אונדזערע ווייבער, גאָר אָפט אַ סך קלוגער און פּראקטישער פון אונדז".

אין די ערב יום טוב טעג, פּאַרן ערשטן מאי איז דער „אנסאמבל פון

פיעטשאָר־לאגערן אראָפּגעקומען צו אונדז קיין וויטשעגאָדסק אויף אַ קאָנצערט.

איצט האָט מען אים שוין נישט גערופן „דער אָרקיעסטער״, ווי פריער, איצט איז ער שוין געווען אן „אנסאמבל״. אין אים האָבן זיך שוין באטייליקט דריי פרויען, אויך לאגערניצעס. אויך די מענער האָבן גאָר אנדערש אויסגעזען. איצט האָט מען שוין דערלויבט זיי צו האָבן פריזורן, און נישט ארויסטרעטן מיט אָנהאָריקע קעפּ אין אָנטון פון לאגערניקעס. זיי פלעגן אויך אַמאָל ארויסטרעטן אין קאָמי־רעפּובליק פאר דער אָרטיקער באפעלקערונג אויך — זאָלן זיי נישט זעען, אַז זיי זענען לאגערניקעס, קיינער האָט נישט באַדאַרפט וויסן, אַז די צוויי אויך אין ציווילע קליידער זענען באוואָפנטע מיליטער־לייט, וואָס היטן זיי אָפּ טאָג און נאַכט, לויט דער ריי.

נאָך פאַרן קאָנצערט האָב איך זיך געטראָפן מיט איינעם פון די ארטיסטן. מיט אים צוזאַמען בין איך געזעסן אין דער קיעווער איבערשיקונגס־טורמע, מיט אים צוזאַמען אדורכגעמאַכט דעם שווערן דערנער וועג קיין זאפּאָלאריע. גלייך מיט אים האָב איך געזאָלט ארייננטרעטן אין ארקיעסטער, ווען מיר זענען געווען אין יעלעצק. מיט זיין אָנקומען אין אנסאַמבל, זענען זיי בארייכערט געוואָרן מיט אַ גלענצדן פּראָפעסיאָנעלן ארטיסט מיט אַ לירישער באַריטאָן־שטימע. ער אליין איז געווען יונג, הויך און שיין, מיט אַ חנווודיקן שמייכל, מיט טיפע שוואַרצע אויגן. ער שטאמט פון גאַליציע פון סטאניסלאַוואָוו. ער אליין האַלט זיך פאר אַן אוקראינער כאָטש עס איז ווארשיינלעך, אז ער איז אַ פּאָלאק. זיין האַלטן זיך, זיינע זיסע און כיטרע שמייכלעך זאגן עדות דערויף. זיין שיינקייט, זיין דערפאָלג וואָס ער האָט געהאט ביי אלע, אָן אויסנאם ארטיסטינס — פון דעם איז געקומען זיין אומגליק. צו אים איז צוגעפּאסט געווען דער נאָמען — „קאָביעציאזש״. — פרויען ליבהאָבער, כאָטש נישט ער האָט די פרויען ליב געהאט, ווי ער פלעג זיך אויסדרוקן, נאָר זיי אים. ער, מיט יוגנטלעכן ברען און טעמפּעראַמענט האָט געהאַלטן פאר זיין מענערישן חוב אנטקעגנקומען די פרויען אין זייערע באגערן. ווען מען האָט אים אָבער פון דער דירעקציע פון טעאַטער אויפמערקזאם געמאַכט, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין טאַלאַנט און שיינער שטימע, וועט מען אים דערווייטערן פונעם טעאַטער, ווייל די אייפערזיכט פון די יונגע אַרטיסטינס

איינע צו דער אנדערער, שאַפט אַן אומנאָרמאַלע אטמאָספער אין לעבן פון דעם טעאַטער, האָט ער זיך בכלל דערוווייטערט פון אַלע, אַלע. אים האָט באהערשט איינע פון די שטענדיקע באזוכערינס פונם טעאַטער — אַ יונגע בלאָנדע פרוי אַ פראנצויזין, וואָס האָט געאַרבעט אַלס לערערין פון פראנ־צויזיש און ביי זיך אין שטוב איינגעאָרדנט אַ שטיל „שיינהייטס־הויז" פאַר איינצלנע געקליבענע פרויען. צו איר פלעגט ער קומען אָפט נאָך די טעאַטער־פאָרשטעלונגען און פאַרבלייבן ביי איר ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט.

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געטראָפן אַזאַ טעמפּעראַמענט — האָט ער דערציילט.

ווען ער איז צו איר, צו דער פראנצויזין, נישט געקומען עטלעכע־אָוונטן דורכאנאנד, פלעגט זי אים אָפּוואַרטן ביים טעאַטער און נעמען צו זיך אויף כוח.

ער האָט געזען אַז אַזאַ פרוי אין פעיק אויף אלץ פאַר איר ליבע. אים זענען דערעסן די היסטערישע סצענעס אירע, איר חייהשע תאווה — נאָר ארויסדרייען זיך פון איר האָט ער נישט געקאָנט.

אויך די ארטיסטינס האָבן נישט געשוויגן. זיי האָבן אים נאָכגעשפּירט, געפּרוּווט אים אומצוקערן צו זיך, נאָר זעענדיק, אַז עס וועט זיי נישט געלונגען. האָבן זיי באַשלאָסן:

— נישט מיר, נישט דיר — און פאַרטיק.

צוויי פון זיי האָבן וועגן אים געמסרט אין עמ.װע.דע, אַז ער האָט אין זייער געזעלשאַפט ארויסגעזאָגט זיינע סימפּאַטיעס פאַר די באנדע־ראָווצעס, וואָס קעמפן פאַר אַ פרייער אוקראַינע, אַז ער האַלט אין איין לויבן דאָס פוילן פון פּילסודסקין, דעם פריערדיקן פוילישן טעאַטער און אַרט לעבן.

מע האָט אים ארעסטירט. עדות קעגן אים האָבן נישט געפעלט צווישן די פרויען — זיינע פריערדיקע פאַרהערערינס. אפילו די פראנצויזין האָט אויף אים קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט. מען האָט אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר.

איצט אין לאַגער־אַנסאַמבל, האָט ער זיך געפילט פרייער, ווי שטענדיק. קיין נייעם רעפּערטואַר האָט מען פון אים נישט געפאָדערט. ער האָט געזונגען

אלע פריערדיקע לידער. ווי „דניפראָ, דניפראָ״ „דער הייליקער שטיין״ א.א. יעדע ליד, וואָס ער האָט געזונגען האָט ארויסגערופן גרויסן ענטוזיאַזם ביים דאנקבארן פובליקום, זיינע חברים. זייערע הילכיקע געשרייען און אפלאָ־דיסמענטן האָבן נאָך מער דערהויבן זיין שטימונג און חשק צו זונגען פאַר זיי אלץ שענער און בעסער...

דער קאָנצערט

דער גרויסער עס־זאל איז געווען אנגעפראָפט מיט מענער. געזעסן זענען בלויז די, וואָס האָבן באַלד פאַרכאַפּט די ערשטע פינף רייען. מער זענען קיין בענק נישט געווען. הונדערטער אנדערע זענען געשטאנען איינער ביים אנדערן. נאָך איידער די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן איז שוין געווען ענג. שפּעטער איז געוואָרן גאָר ענג, ווי הערינג אין אַ פאַס.

די ארויסגעאָטעמטע לופט צוזאַמען מיט דעם רויך פון דער מאכאָרקע, האָט ווי געשאַפן אַ נעפל איבער אלעמענס קעפּ. דאָך האָבן אלע געוואַרט ביז דער פאָרהאנג וועט זיך פונאנדערגיין און די פאָרשטעלונג וועט זיך אָנהויבן.

אָנגעהויבן האָט דער בלאָז־אָרקיעסטער מיט א הילכיקן מאַרש. אמערסטנס האָבן געהילכט די מעשענע טאַצן און די פויק האָט געלארעמט בים־באָם... באָם ... באָם ...

נאָכדעם האָבן זיי געשפּילט אַ פּאָפּורי — אַ בינטל פון אוקראַאינישע לידער. כמעט אלע, וואָס האָבן געשטאמט פון אוקראַינע, האָבן די לידער געקענט. יעדער האָט אין זיך מיטגעזונגען די אומעטיקע מעלאָדיעס. איצט האָט אממערסטן דער מעשענער קאָרנעט, אַמאָל דער קלארנעט גערעדט צו די הערצער פון די צוהערער. פון דער זייט זענען ארויסגעטרעטן ארומגעאָרעמט דריי פרויען און נאָך זיי דריי מענער. זיי האָבן געזונגען אונטער דער שטילער באגלייטונג פונעם אָרקיעסטער די „אוראלער ריאבינושקא״. די עלטערע פרוי, וואָס איז געגאנגען אין דער מיט, כמעט אינגאנצן אַ גרויע,

האָט מיט איר וויכער, הארציקער סאָפּראַן־שטים געזונגען סאָלאָ, דעם רעפריין האָט געזונגען דער כאָר.

ווי נאָר די דריי פרויען אָנגעטוענע אין לאנגע, דורכזיכטיקע, קאָלירטע קליידער האָבן זיך באוויזן אויף דער סצענע, איז אַ ציטער אַ דורך די פארבענקטע מענערישע הערצער, ווי מען וואָלט זיך האָבן צוגערירט צו אַן עלעקטרישן שטראָם.

כמעט אלע האָבן שוין לאַנג נישט געזען קיין לעבעדיקע פרוי פאר די אויגן. מען האָט געזען פרויען אויפן קינאָ־עקראַן, אָבער לעבעדיקע, זינגענ־דיקע, וואָס שפּאַצירן אויף אייגענע פיס און שמייכלען — אַזעלכע האָבן זיי געזען נאָר אין זייערע טרוימען, אין די חלומות...

ווי נאָר דער נומער האָט זיך פארענדיקט און דער פאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט, האָט זיך דערהערט אַ רעש פון שטורמישע אפּלאָדיסמענטן, אזעלכע ווילדע געשרייען „ביס" האָבן נישט אויפגעהערט צו באטויבן דעם אָרום, ווי די צושויער וואָלטן פון זונען אראָפּ. דריי מאָל האָט מען געמוזט איבערחזרן דאָס ליד. דערנאָך זענען די דריי פרויען אַרויס און אָנגעהויבן טאַנצן אַ „קאָזאטשאָק" די דריי מענער האָבן זיי נאָכגעטאנצט. דאָס מאָל האָט מען נישט אויפגעהערט צו קלאפּן מיט די הענט אין דער לופטן, ווייל אין דער ענגשאַפט איז פאר די הענט פאר זיך קיין אָרט נישט געווען.

פארענדיקט האָט דעם ערשטן טייל וולאדיסלאוו — דער זינגער פון סטאַניסלאוואָוו — מיט די לידער: „אוי דניפּראָ, דניפּראָ" און „דער הייליקער שטיין פון סעוואַסטאָפּאָל".

זיין לויטערע באריטאָן־שטימע, די ריינקייט פון זיין אינטערפּרעטירן די ווערטער — אלץ האָט ווי פארכשופט. ער, וולאדיסלאוו, האָט אָפּגעפילט זיין כוח און זיין באהערשן די מאסן צוהערער. אין דעם מאָמענט האָט ער פאַרגעסן, אַז ער איז אַן ארעסטאנט, צווישן זיינס גלייכן. אויף דער סצענע פון דעם סטאניסלאוואָווער טעאַטער, אונטער דער שיין פון די יופּיטערס, פאר דעם אויסגעפּוצטן עולם האָט ער קיינמאָל נישט געזונגען מיט אַזאַ געפיל אין אַזאַ געהויבערנער שטימונג, ווי איצט פאַר די אומגליקלעכע, וואָס זייער נשמה איז געלייטערט דורך בענקשאַפט און ליידן...

אין צווייטן טייל האָבן די צוויי ארטיסטן געפירט צווישן זיך שמועסן: דער יונגערער, דער בלאָנדער האָט גערעדט אויף אַ ריינעם לענינגראַדער רוסיש און דער צווייטער האָט אָפּגעענטפערט אויף אַ פּאַלטאַווער אוקראַיני־שער שפּראַך. דער רוסישער האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון קריטיק אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער צווייטער איז מיט אים פולקאָם מסכים געווען: „אודאי... אודאי” ווער ווייסט נישט, אַז קריטיק דערהויבט דעם ניווא פון דער געזעלשאַפט, אַז קריטיק איז... ער האָט זיך אַזש פאַר־כליניעט פון דער וויכטיקער ראָל, וואָס די קריטיק שפּילט אין לעבן. ווען ס'איז אָבער געקומען צום שמועס, ווער און פאַרוואָס מען דאַרף קריטיקירן. האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ביידע פאַרשטייען, אַז קריטיקירן דאַרף מען די הויכע פּערזאָנען, וואָס שפּילן די גרויסע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן די דירעקטאָרן, די מיניסטאָרן... נאָר גרייט זענען זיי דערווייל צו קריטיקירן, די סעקרעטאַרקע, דעם נאַכט וועכטער. אויף אנדערע וועט נאָך קומען די צייט. דערווייל מוז מען זיך האַלטן ביים ווערטל: „שווייגן איז גאָלד”!

די עלטערע פרוי די זינגערין האָט געזונגען אייניקע פון די באַוווסטע אַלטע לידער: „די מאַמע”, אַ פּאָר ציגיינערישע לירישע ראָמאַנסן. איר ארטיסטיש אויספירן יעדן נומער האָט באַוויזן איר פּאַכמענערישקייט און מוזיקאַלישע צוגרייטונג, איר טאַלאַנט.

וועגן איר, וועגן נאַדיעזשדאַ סאָלאָוויאָווא, האָט מיר מיין באַקאַנטער וולאַדיסלאַוו דערציילט נאָך דער פאָרשטעלונג, אַז זי איז טאַקע אַ פּראָפע־סיאָנעלע אָפּערן־ארטיסטין, מיט מוזיקאַלישער בילדונג. זי איז זייער אַן איידעלע פרוי, מיט אריסטאָקראַטישע מאַניערן. ס'איז אַ סברא. אַז זי שטאַמט פון דעם רוסישן אדל. נאָך דער אָקטאָבער־ רעוואָלוציע זענען אירע עלטערן ערגעץ פאַרשיקט געוואָרן. זי האָט דערצויגן אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט. אַ דאַנק איר האָט נאַדיאַ פאַרענדיקט די מיטל־שול און אויך די קאָנסערוואַטאָריע. נישט קוקנדיק אויף איר טאַלאַנט און פּרעכטיקער שטים, האָט מען זי נישט צוגעלאָזט זונגען אין לעמבערגער אָפּערע־טעאַטער די וויכטיקע ראָלן. זומער־צייט בשעת די קאַניקולן פלעגט זי ארומפאָרן אויף די דאַטשע־ערטער מיט קאָנצערטן. איינמאָל איז

זי ארויסגעטרעטן אין קריניצע מיט אַ קאָנצערט און געהאַט גרויס דערפאָלג, איבערהויפּט ביי דער יונגט. אייניקע פון אירע פאַרהערער האָבן זי פאַרבעטן אין אַ באַר, נאָכן קאָנצערט, ווו ס'וועט איינגעאָרדנט ווערן לכבוד איר אַ „ביבע". זי איז געגאַנגען מיט זיי. די טאָאַסטן וואָס זיי האָבן געטרונקען, האָבן דערוועקט אין איר חשד, אַז זי געפינט זיך נישט אין קיין פּאַסיקער געזעלשאַפט. עס האָט איר אָבער נישט געפּאַסט אוועקצוגיין, ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און געזונגען מיט ערנסקייט „שטשע נע וומערלא אוקראינא" (ס'איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן אוקראינע) האָט זי זיך אומבאמערקבאַר ארויסגערוקט און נאָך באַוויזן מיטן לעצטן באַן צו פאַרלאָזן קריניצע און אָפּפאָרן קיין לעמבערג. אויפן צווייטן טאָג האָט מען זי אַרעסטירט.

מען האָט איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי האָט מיטגעאַרבעט מיט די באַנדעראָווצעס — אַ סימן, אַז זי האָט געהוליעט צוזאַמען מיט זיי אין קריניצע, אין באַר. קיין שום פאַרענטפערונג האָבן נישט געהאָלפן. פאַרקערט, איר אָפּשטאַמונג האָט געחתמעט איר טרויעריקן גורל. זי איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר אויסבעסערונג־אַרבעטס־לאַגער. איצט איז זי שוין העכער 40 יאָר אַלט און איז שוין אינגאַנצן גרוי. כאָטש איר קול איז נאָך אַלץ יונג און קלינגט ווונדערפול אפילו אין דער צפונדיקער טייגא.

די צווייטע זינגערין רופט מען קאַטיאַ. זי איז אַ געוועזענע לערערין אין אַ אוקראַינישער שול אין דעמבאָווע־קאַרטשמאַ. זי האָט אַ שטימע צום זונגען, נאָר קיין זינגערין איז זי נישט. אָן איר האָט איר לאַגער־חברטע נאַדיע נישט געוואָלט אַריינטרעטן אין אַנסאַמבל, האָט מען זי אויך גענומען. ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דער קאַטיען קען איך שוין פון דער קיעווער איבערשיקונגס־טורמע. דאָס איז די מיידל, מיט די געדיכטע שוואַרצע האָר, וואָס פלעגט שטייען ביים פענצטער און זיי פאַרקעמען, ווען מיר האָבן אַדורכגעשפּאַצירט אויף אונדזער טאָג־טעגלעכן שפּאַציר אין הויף.

— איר ווייסט, וולאַדיסלאַוו, אַז צו איר פלעג איך שרייבן ליבע־בריוו פון איינעם אַ יונגן בחור, קאַליע דעם לאַקאַמאָטיוו־פירער, וואָס האָט זיך

אין איר פֿאַרליבט גאָר ערנסט פֿונעם ערשטן אויגנבליק. ער איז פֿאַרבליבן אין יעלעצק אין דעפּאָ, אַלס מאַשיניסט, האָב איך זיך דערמאָנט.

— יאָ, יאָ! אזוי איז עס, האָט געענטפֿערט וולאַדיסלאַוו מיט אַ שמייכל. עס גייט ביי זיי אָן אַ הייסע פּלאַטאָנישע ליבע ביזן היינטיקן טאָג. זי שיקט אירע בריוו צו קאָליעס מוטער און זי שיקט זיי איבער, אויך קאָליע שיקט צו זיין מוטער פֿאַר קאַטיען און די מוטער שיקט זיי איר איבער. ס'איז ביי זיי אָן ערנסטע ליבע. זי רעדט וועגן קאָליען ווי וועגן אַ חתן אירן. פֿון די 25 יאָר, וואָס זי האָט באַקומען, אַלס כלומרשטע באַנדעראָווקע, האָט מען אַראָפּגענומען 15. די איבערגעבליבענע 10 יאָר קלערט זי איבערקומען אי״ן אַ דריי יאָר אַרום. אויך קאָליע באַקומט דריי טעג פֿאַר יעדן טאָג.

— ווי פֿירט זי זיך אויף צווישן אייך אַרטיסטן? האָב איך נישט ווילנדיק געפֿרעגט.

— זי קאַטיע און נאַדיע היטן אָפּ איינע דער אַנדערער. די באַגלייטער אונדזערע, די וועכטער, היטן זיי אויך אָפּ. דערפֿאַר איז שוין די דריטע, די בלאָנדע, פֿון די געוועזענע גנבטעס. זי מאַכט אַ לעבן... האָט ער פֿאַר־ ענדיקט מיט אַ צווייד‌יטיקן שמייכל.

די גוטע בשורה

— האַלאָ! האַללאָ! הערט אַ וויכטיקע מעלדונג פֿונעם אָרטיקן ראַדיאָ־ פּונקט!

כמעט יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגן מיר הערן די דאָזיקע ווערטער, ווי נאָר מיר זענען אויפֿגעשטאַנען פֿונעם נאַכטיקן שלאָף. אין באַראַק איז אַ טומל. אייניקע כאַפּן אַרויף אויף זיך נאָר די הויזן און לויפֿן צו פֿאַרכאַפּן די ריי צום וואַשן זיך, אייניקע פֿאַרבעטן דאָס בעט און באַמיען זיך צו פֿאַרבעטן גלייך, כדי דער דיזשורנער זאָל נישט דאַרפֿן פֿאַריכטן. וועמען אינטערעסירט זייערע וויכטיקע נייעס?

— די אַרבעטער־בריגאַדע פֿון קוטשערענקאָ זאַמלט זיך ביים טויער

פינקטלעך זיבן אַ זייגער אינדערפרי. נאָך זיי קומט די בריגאַדע פון יאָ־נאַסטאַטן — זיבן מיט צען אינדערפרי, א.א.וו.

— אַ ווייכטיקע מעלדונג — לאַכן אייניקע פון די יונגערע. וואָלסט געקאָנט דאָרט פאַרשטומט ווערן און נישט מעלדן די וויכטיקע מעלדונג דיינע! שילטן זיי דעם אומשולדיקן ספּיקער.

לעצטנס האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט. ווי נאָר מען דערהערט דעם „האַללאָ, האַללאָ" אין סאַמע פרימאָרגן, ווערט אין באַראַק שטיל, ווי אויף אַ בית הקברות. פון אומגעדולד צו הערן די באמת וויכטיקע מעלדונג פאַרהאַלט זיך דער אָטעם, די אויגן פון אַלע זענען געווענדעט צום ווינקל, וווּ עס הענגט דער טונקעלער, קיילעכדיקער הויכהילכער. ביי אייניקע קלאַפּן שטאַרקער די הערצער:

— היינט באַפרייען זיך פון לאַגער און פאָרן אַהיים שעווטשוק איוואַן און פּיליפּענקאָ אַפאַנאַס. זאָלן זיי אַריינקומען אין דער ספּעץ־אָפּטיילונג, כדי צו באַקומען זייערע דאָקומענטן...

אין דעם באַראַק, ווו עס הערן די גוטע בשורה שעווטשוק און פּיליפּענקאָ, דערהערט זיך אַן הילכיקער „הורראָ". די גליקלעכע זענען נאָך צו זיך נישט געקומען פון איבעראַשונג, זיי פליען שוין אין דער לופטן, ווי העלדן, וואָס האָבן אויפגעטאָן גאָר אַ וויכטיקן אויפטו. אין אַנדערע באַראַקן צעגייען זיך אַלע דערשלאָגענע, ווי אַבלים.

איין טרייסט איז פאַרבליבן:

— אפשר מאָרגן וועל איך זיין פון די גליקלעכע! אַבי די גוטע שעה פון באַפרייאונגען איז געקומען, וועט עס שוין גיין...

— פאַרוואָס איז ער געזעסן שעווטשוק? הערן זיך פראַגן.

— פאַר באַנדערן! אַ פינפאונצוואַנציקער. נאָך קיין גאַנצע פינף נישט אָפּגעקומען.

— די איבערגעבליבענע צוואַנציק וועט ער אַוועקשענקען זיין פּראָקוראָר

— וויצלען זיך אַנדערע.

דער עיקר, אַז אַ יאָר צייט נאָך סטאַלינס טויט האָט עס זיך אָנגעהויבן. אַ סימן, אַז מען שלאָפט נישט. מען קוקט איבער די דיעלעס, מען לייענט שוין איבער די אַריינגעפלאָסענע אָנקלאַגעס. ביז איצט איז אַזוינס נישט

געשען אין די לאַגערן. אויף יעדער אָנקלאַגע אָדער קאַסאַציע פלעגט מען באַקומען איין שאַבלאָנישן ענטפער:

— אייער דיעלע איז איבערגעקוקט געוואָרן. איר זענט ריכטיק פאַרמשפּט געוואָרן.

אפילו די פאַרמשפּטע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס, וואָס האָבן שוין געענדיקט זייער „סראָק" — די צייט פון זייער באַשטימטער שטראָף, זענען באַפרייט געוואָרן פונעם לאַגער, נאָר אַרויסגייענדיק פון די טויערן, האָט מען זיי דערלאַנגט אַ נייעם אורטייל פון דער „טרויקע" און באַלד אַוועקגעפירט אין אַ פרישן לאַגער.

ביי אונדז אין לאַגער אין וויטשעגאָרסק, האָב איך געקענט עטלעכע אַזעלכע, וואָס דער ביטערער גורל זייערער האָט אַזוי אַרום אָפּגעחוזקט פון זיי. וועגן איינעם אַזעלכן לאַריאָנאָוויטשן, דעם „סובאָטניק", האָב איך שוין געשריבן פריער.

במשך פון די אַנדערטהאַלבן יאָר, וואָס איך קום אָפּ די אומפאַרדינטע שטראָף, האָב איך, מיין ווייב און מיין זון געהאַלטן אין איין שרייבן אָנקלאַגעס. צו קיין אַדוואָקאַט האָבן מיר נישט באַדאַרפט אָנקומען. יעדערער פון אונדז האָט אַליין געשריבן, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט: צו דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון אוקראַינע, צו דעם העכסטן געריכט פון אוקראַינע, דערנאָך צו דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון סאָוויעטנפאַרבאַנד קיין מאָסקווע.

אויף אַלע אונדזערע אָנקלאַגעס האָבן מיר דערהאַלטן די שאַבלאָנישע תשובה: „פאַרמישפּט ריכטיק". אַלע אָנקלאַגעס זענען איבערגעשיקט געוואָרן אויף איין אַדרעס. צו דעם פּראָקוראָר פון קיעווער קרייז־געריכט, ווו מען האָט מיך פאַרמשפּט. נאָכן פאַרענדיקן די געריכט־פּראָצעדור האָט דער קיעווער קרייז־געריכט אָפּגעשיקט די דיעלע אין אַרכיוו פון דער טראַנספּאָרט־פּראָקוראַטור. קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאַלן אַרויסצופאָדערן די דיעלע און איבערקוקן. אַמלייכסטן איז געווען באַפוילן דער סעקרעטאַרקע אָפּשיקן דעם ענטפער: „פאַרמשפּט ריכטיק". אייער שולד איז דערוויזן געוואָרן דורך די מאַטעריאַלן פון אייער דיעלע". לויט דעם באַרימטן רוסישן ווערטל: „נאַ ניעט — סודא ניעט" (אויף ניין איז קיין משפּט נישט פאַראַן).

וואָס טוט מען ווייטער? האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. ווי אַזוי פּאַראַינטערעסירט מען זיי מיט מיין ענין, זיי זאָלן זיין געצוווּנגען מיין דיעלע נעמען אין דער האַנט און זען, ווי פאַלש די באַשולדיקונגען זענען, ווי אומשולדיק איך בין. איך טאָר נישט פאַרלירן מיין האָפענונג, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועל איך דערהערן די ליכטיקע בשורה:

— היינט ווערט באַפרייט פּ...

נאָך דאַן אין די נעכט, ווען איך האָב אָפּגעהיט דאָס געוועלבל און שיער נישט געפאַלן אַ קרבן פון עמיצנס גנבישע פלענער, איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק אָנצושרייבן אַן אויסטערלישע אָנקלאַגע אין דער פאָרם פון אַ פּיעסע, וווּ דער הויפּטהעלד זאָל איך זיין און די גאַנצע אַקציע זאָל זיין מיין גרויסע טראַגעדיע. אַזעלכע אָנקלאַגעס באַקומען זיי נישט זיכער. דאָס קען מער פאַראינטערעסירן ווי אַ געוועגלעכע אָנקלאַגע.

דערצו וועל איך זי שיקן גלייך צו כרושטשאָוון, מיט אַ צושריפט „אין די אייגענע הענט". ער, אָדער איינער פון זיינע סעקרעטאַרן וועלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם. דאַן וועלן זיי שוין אויפצוווּנגען מען זאָל זיך ערנסטער באַציען צום איבערקוקן פון מיין דיעלע.

דער געדאַנק האָט מיר נישט אויפגעהערט צו מאַטערן. טאָג און נאַכט האָב איך געטראַכט וועגן דעם. אין מיין מוח זענען טאָג־טעגלעך רייף געוואָרן נייע פערזאָנען, סצענעס און סיטואַציעס פון מיין נישט געשריבענער פּיעסע. צו ערנסט איז געווען מיין פּלאַן, איך זאָל אים טראַקטירן לייכט און נישט איבערטראַכטן יעדער דעטאַל באַזונדער, אַלץ מוז ווירקן און איבער־ציינגן. דער אמת קען מיר אַמבעסטן דינען דערצו. נאָך איידער איך האָב זיך גענומען צו דער פּען, האָב איך שוין דעם נישט געבוירענעם קינד אַ נאָמען געגעבן: „דער אמת מוז זיגן". איך האָב מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן און באַראַטן זיך וועגן מיין פּלאַן, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט מיר אָפּרעדן דאָס צו טאָן. עס איז צו אַן ערנסטער און געוואַגטער שריט. איך וועל אים אויספירן, מעג די אחריות זיין ווי גרויס. פאַרן אמת איז כדאי צו קעמפן פאַר יעדן פּרייז. דער אמת מוז זיגן!...

י ו א ל פ ע ר ע ל

דער יידישער קאזאק

פאַנטייליימאָן סאָבקאָ. פונוואַנען קומט צו אַ יידן אַזאַ אויסטערלישער, גאָר נישט קיין יידישער, נאָמען? פאַרוואָס פיגורירט ער אין וויטשע־גאָדסקער לאַגער דוקא אונטער דעם דאָזיקן נאָמען? אמת, לויט זיין ברייטער, צעקעמטער אויף צוויי העלפטן קאָזאַקישער באָרד, וואָס פאַרשטעלט אַן העלפט פון זיין פנים, לויט זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען און צוויי רייען פעסטע, בלאַנקע, אייגענע ציין זעט ער טאַקע אויס ווי אַ קאָזאַק, צו וועמען עס פּאַסט טאַקע דער נאָמען זיינער: פּאַנטייליימאָן סאָבקאָ.

פאַרוואָס זשע האָט אים גרישע געבראַכט צום יידישן סדר? ס׳שווער צו גלויבן, אַז גרישע זאָל אַ טעות האָבן בנוגע אים. ער, פאַנטייליימאָן איז אַן אינזשיניער, ער האָט אַוועקגעשטעלט אין לאַגער דעם אָרטיקן ראַדיאָ־פונקט. ער איז אַליין דער ספּיקער, וואָס מעלדעט יעדן פרימאָרגן די ספּע־ציעלע מעלדונגען. זיין קול איז אונדז אַלעמען באַקאַנט. איבערהויפּט פון דאַן אָן, ווען ער מעלדעט כמעט יעדן פרימאָרגן: „האַללאָ, האַללאָ! היינט ווערן באַפרייט און גייען אַהיים די אָדער יענע פערזאָנען". זיין קול קלינגט דאַן אַזוי הארציק זיס, ווי אַ ניגון.

צווישן די, וואָס זענען געשלאָפן ביי מיר אין צימער איז געווען איינער איוואַן, אַן אוקראַאינער, אַ געוועזענער קאָלכאָזניק. ער האָט געהאַט אַ פּיצל פידעלע, אַ דריי־פירטלדיקס. נאָכן קומען פון דער אַרבעט, אין די אָוונטן, פלעגט ער שפּילן אויפן פידעלע. ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַן הויכער, עס האָט אים נישט קיין סך געפעלט צו די צוויי מעטער אין דער הויך און זיין פידעלע איז געווען אַ קינדערש, גאָר אַ קליינער. געשפּילט האָט ער תמיד איינע און די זעלבע מעלאָדיעס, געוועגלעך, פון אוקראַאינישע פאָלקס־לידער. געשפּילט האָט ער, ווי עס שפּילן מערסטנס די פּויערישע קלעזמער: דעם סמיטשיק האַלטן זיי אין דער מיט, שפּילן סטאַקקאַטאָ, אַקצענטירנדיק יעדן טאָן, דערצו פידלען זיי שנעל, שנעל, ווי זיי וואָלטן געשפּאָלטן יעדער טאָן אויף קלענערע חלקים.

ווען איוואַן פלעגט אַוועקגיין אויף דער אַרבעט פלעג איך אַ נעם טאָן זיין

פידעלע אין די הענט און שפּילן. ביי מיר איז אַרויסגעקומען פּאַרקערט. יעדער ניגון איז געווען צעצויגן, די טענער אומעטיקע. די פינגער אויף די סטרונעס האָבן וויברירט און געציטערט, האָבן אַרומגעטאַנצט איבערן גאַנצן גריף פונעם פידעלע. אַמאָל האָב איך געשפּילט אַביסל אויף אַ פידל, גלאָט אַזוי פאַר זיך, איצט ווען דאָס האַרץ איז פול געווען מיט בענקשאַפט, מיט טיפן טרויער, האָט זיך ביי מיר באַקומען דאָס שפּילן גאָר האַרציק, פול מיט געפילן. קיינער איז אין צימער נישט געווען, פלעג איך אויסגיסן מיין ביטער האַרץ אין טרויעריקע ניגונים אויפן קליינעם פידעלע.

פלוצעם איז אַריינגעקומען אין צימער פּאַנטיילייִמאָן סאָבקאָ. ער איז גאָר שטיל אַריין, איך האָב נישט באַמערקט און געשפּילט ווייטער. ווי לאַנג ער איז געשטאַנען ביי דער טיר און זיך צוגעהערט צו מיין שפּילן — ווייס איך נישט. ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין שפּילן, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איר שפּילט, מאַרקאָוויטש, פיין, גאָר פיין, אייער שפּילן האָב איך דערהערט פונדערווייטנס, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט און אַריינגע־קומען... אפשר וואָלט איר אַרויסגעטרעטן אין אונדזער ראַדיאָ־פּונקט מיט אַ קאָנצערט?

— וואָס רעדט איר? האָב איך ווי פאַרשעמט אים געענטפערט. מיט אַ קאָנצערט? צו בין איך דען אַ פידלער?

— ווּעמען גייט עס אָן צי איר האָט געענדיקט אַ קאָנסערוואַטאָריע, צי נישט, איר שפּילט האַרציק און פיין און אונדזערע לאַגערניקעס וואָלטן זיכער הנאה געהאַט פון אייער שפּילן, האָט ער באַשטעטיקט.

— וועגן דעם וועלן מיר נאָך שמועסן — האָב איך געענטפערט, ווילנדיק אַריבערגיין צו אַן אַנדער טעמע פון אונדזער געשפּרעך — זעצט זיך! וואָס שטייט איר די גאַנצע צייט. לאָמיר טאַקע אַ שמועס טאָן. איך זוך שוין אַזאַ געלעגנהייט פון לאַנג.

פּאַנטיילייִמאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— ערשטנס, וויל איך וויסן, צי זענט איר טאַקע אַ ייד. צי האָט גרישע נישט קיין טעות געהאַט, פאַרבעטנדיק אייך צו אונדזער סדר. אייער אויסזען, אייער נישט יידישער נאָמען — אַלץ איז קעגן דעם.

— אַ ייִד, דער נאָמען איז נישט מײַנער. פּאַנטײַלײמאָן סאָבקאָ איז שוין לאַנג אויפֿן עולם האמת און איך טראָג ביז הײַנטיקן טאָג זײַן נאָמען. ער איז געווען אַ קאָזאַק און איז דערטרונקען געוואָרן נאָך אין דער צײַט פֿון דעם בירגער־קריג אין דאָן צוזאַמען מיט זײַן פֿערד, ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿון די „ווײַסע".

— ווי אַזוי זשע איז געקומען צו אײַך זײַן נאָמען? און געמשפּט האָט מען, הייסט עס, אים, דעם דערטרונקענעם, נישט אײַך, דעם לעבנגעבלי־בענעם? האָב איך אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— אָבער די שטראָף קום איך אָפּ שוין אַכט יאָר. כאָטש מײַן ייִדישער נאָמען איז געווען זינגער מיכאיל איסאַקאָוויטש.

ער פֿלעגט זעלטן ווען דערציילן וועגן זײַן לעבנס־געשיכטע, וועגן זײַן אומגליק. ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו קיין מענטשן. אײן גרישען האָט ער דערציילט און איצט האָט ער אויך מיר פֿאַרטרויט זײַן סוד.

אַליין איז ער נאָך קיין פֿערציק יאָר נישט אַלט, כאָטש זײַן ברייטע באָרד מאַכט אים אַ סך עלטער.

— מיכאיל איסאַקאָוויטש איז אינגאַנצן אַלט 39 יאָר — האָט ער געזאָגט מיט אַן איראָנישן שמייכל. פּאַנטײַלײמאָן סאָבקאָ איז שוין אַ פּופֿציקער. דאָ אין לאַגער גיי איך אַן פֿאַר אַ פּופֿציקיעריקן.

ווי נאָר ער האָט פֿאַרענדיקט אין קיעוו דעם בוי־אינסטיטוט, אַלס בוי־אינזשיניער, האָט ער חתונה געהאַט פֿאַר פֿרידען, פֿאַר זײַן געליבט מיידל. זי האָט געהאַט אין קיעוו עלטערן און געוווינט מיט זיי צוזאַמען. אים ווידער האָט מען אַרויסגעשיקט אַרבעטן, דערווייל אויף דריי יאָר, אויף צפֿון־קאַווקאַז, ערגעץ קיין פּראַכלאַדנאַיע. דאָרט האָט ער געוווינט ביי אַ פֿרוי, וואָס האָט געהאַט אַן 8 יעריקע טאָכטער. זי איז געווען זייער אַן אינטעליגענטע פֿרוי און דערצו אַ טיכטיקע פּאַרטיי־טוערין. געווען איז זי אַ לערערין אין אַ שול, האָט ליב געהאַט איר אַרבעט און די קינדער, נאָר איר פֿאַרדינסט האָט איר נישט געקלעקט פֿאַר זיך און פֿאַרן קינד. זי האָט געהאַט צוויי צימערלעך, איינס גאָר אַ קליינס, אינגאַנצן אַן פֿענצטער. אָט דאָס צימערל האָט זי מיכאילן פֿאַרדונגען.

אין די אָוונטן פֿלעגט זי זיצן און פֿאַריכטן די העפֿטן, אָדער גרייטן זיך

צו די לעקציעס און ער מיכאל פלעגט צוהעלפן נאַדיענקען מאַכן די לעקציעס.

וויעראַ, די באַלעבאָסטע איז געווען עלטער פון אים מיט אַ פינף יאָר. קיינמאָל האָבן זיי נישט גערעדט צווישן זיך וועגן איר פאַרגאַנגענהייט, וועגן איר מאַן, צי זי האָט בכלל געהאַט אַ מאַן אַ געזעצלעכן, דעם פאָטער פון איר טאָכטער, און ווו איז ער?

איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין חודש פלעגט מיכאיל פאָרן קיין קיעוו צו זיין ווייב. זי איז געווען שוואַנגער. פרידע איז געווען יונג און שיין, זי איז געווען אַ פאַרמאַצעווטין און געאַרבעט אין אַ שטאָטישן אַפּטייק. דער זונטיק־דיקער טאָג, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט ביידע צוזאַמען, איז געווען פאַר זיי ביידע דער בעסטער יום טוב. עך, ווען ער וואָלט געקענט פרידען אריבערנעמען צו זיך? האָט ער געטראַכט. נאָר דאָס איז געווען זייער אַ שווערע זאַך. ערשטנס, ווו נעמט מען אַ דירה פאַר ביידן? צווייטנס — פרידע אַרבעט אין אַפּטייק, דריטנס — אין איר איצטיקער לאַגע איז בעסער זי זאָל זיין צוזאַמען מיט די עלטערן. מילא, האָבן זיי געטראַכט, די צייט לויפט, נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל און זיי וועלן וווינען צוזאַמען אין קיעוו.

פרידע האָט געבוירן אַ מיידעלע, קלאַרע האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. איצט האָט שוין מיכאל געבענקט טאָפּלט, נאָך פרידען און נאָך זיין טעכטערל. איצט פלעגט ער זיך באַמיען צו קומען יעדע וואָך, זיך צו זען מיט זיי, ווי שווער ס'איז נישט געווען דאָס פאָרן.

עס איז אָנגעקומען דאָס ביטערע 1941 יאָר. מיכאל איז געוואָרן אַ מיליטער־מאַן און געאַרבעט אויף צפון־קאַווקאַז ביים בויען מיליטערישע פאַרפעסטיקונגען. גאָר אומגעריכט און שנעל האָט זיך דער דייטש אַריינגעריסן קיין צפון־קאַווקאַז און ער מיכאל איז פאַרבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע. אויך וויערא זיין באַלעבאָסטע מיט איר טאָכטער זענען פאַרבליבן. אַ פּאָר חדשים האָט מיכאל זיך אויסבאַהאַלטן אין ויין פינצטערן צימער. וויעראַ האָט אים באַזאָרגט מיט אַ מעטריקע פון איר ברודער פּאַנטייליימאָן סאָבקאָ, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד או אויסגעזען ווי אַ קאָזאַק און אַ סך עלטער פון זייַנע יאָרן. שפּעטער האָט מען אים צוגענומען אין שטאָטישן מאַגיסטראַט צו דער אַרבעט אַלס טעכניקער. ער האָט אויסגעהאַלטן די פאַמיליע: וויערען און

איר טעכטערל. וויערא האָט נישט געוואָלט גיין אַרבעטן אַלס לערערין. זי פלעגט בכלל וויניק זיך ווייזן אין גאַס, ווייל אַלע האָבן זי געקענט און געוווּסט, אַז זי איז געווען אַ טעטיקע קאָמוניסטקע.

איינמאָל, קומענדיק פון דער אַרבעט האָט ער זי נישט געטראָפן אין דער היים. פון די שכנים האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זי פאַרנומען אין געסטאַפּאָ. נאַדיענקע איז דאַן אין דער היים נישט געווען. ער איז באַלד אַוועק צום שטאָט־פּרעזידענט און מיט זיין מיטהילף געפּועלט, מען זאָל זיין „שוועסטער" באַפרייען. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דאָס צווייטע מאָל האָט מען זי פאַרנומען, ווען איר טעכטערל איז געווען אין שטוב, זי האָט געליאַרמט, נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך איר מאַמען. זי איז באַלד אַוועק צום „פעטער" אים דערציילן וועגן דעם. דאָס מאָל האָט מען זיי שוין אַרויסגעגעבן דעם טויטן דערשאָסענעם קערפּער פון וויערען.

מיט איר טאָכטער, נאַדיענקען האָט ער זיך פאַרנומען ווי אַן אייגענער טאַטע. זיי האָבן ליב געהאַט איינער דעם צווייטן, ווי אייגענע.

ווען די סאָוויעטן האָבן אַרויסגעטריבן דעם דייטשן אָקופּאַנט, איז ער מיט נאַדיענקען געפאָרן קיין קיעוו. קיינעם פון זייניקע האָט ער לעבעדיק נישט געטראָפן. דער באַבי־יאַר האָט אויך פאַרשלונגען זיין פרוי און קינד.

נאָך דער מלחמה האָט מען אים אַרעסטירט, מען האָט אים, אַלס פאַנטיי־ליימאַן סאָבקאָ געמשפּט פאַר פאַרראַט, ערשטנס האָט ער געאַרבעט ביי די דייטשן, צווייטנס זאָל ער האָבן אויסגעגעבן וויערען דער געסטאַפּאָ און גורם געווען איר פריצייטיקן טויט. שוין אַכט יאָר קומט ער אָפּ, אַלס פאַנטיילימאָן סאָבקאָ, זיין נישט פאַרדינטע שטראָף.

צוויי וויכטיקע געשעענישן

צוויי געשעענישן זענען פאָרגעקומען אין וויטשעגאָדסקער לאַגער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויף א זייטיקן מענטשן וואָלטן די געשעענישן נישט געווירקט אַזוי שטאַרק, אָבער דער אָפּקלאַנג, וואָס די געשעענישן האָבן געהאַט און די פאָלגן, צו וועלכע זיי האָבן געבראַכט, האָבן באַוויזן ווי וויכטיק די געשעענישן זענען געווען.

דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער איז געווען אַן אינוואַליד פון דער צווייטער פאָטערלענדישער מלחמה. ער האָט געקרענקט אויף אַסטמע, זיין קול איז שטענדיק געווען הייזעריק און זיין הוסטן איז געווען הילכיק און דויערנדיק. דאָך איז זיין לאַגער געווען באַרימט אין פעטשאָרלאַג. די אַרבעט־פּלענער ווערן אויסגעפירט און אפילו איבערגעפּולט. אין לאַגער איז רואיק, אָן שום רוישיקע אינצידענטן, עס ווערט געפירט אַן אינטענסיווע קולטור און ביל־דונגס־אַרבעט: די קורסן פאַר טראַקטאָריסטן ווערן באַזוכט דורך אַ סך יוגנטלעכע, דער אָרקעסטער שפּילט ביי יעדער געלעגנהייט, אפילו די טראַנספּאָרענטן, וואָס זענען צעהאָנגען איבערן לאַגער זענען שיינע און פול מיט אינהאַלט.

דאָס אַלץ איז געשען נישט צוליב דער אָנפירונג פונעם נאַטשאַלניק, נאָר ווייל די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט איז געפירט געוואָרן דורך אנדערע פעיקע מענטשן, צו וועלכע דער נאַטשאַלניק האָט געהאַט דעם פולן צוטרוי.

דער יידישער נאַריאַדטשיק גרישא האָט אָנגעפירט מיט די אַרבעט־פּראַגן, מיכאיל, דער דיריגענט פונעם אָרקיעסטער האָט אָנגעפירט מיט דער קולטור־אַרבעט. נאָר די לויב־געזאַנגען אין דער פעריאָדישער פרעסע „דער אַרבעט־ביולעטין", וואָס פלעגט אָנקומען יעדע וואָך פון פיעטשאָרע זענען געווען געווענדעט אויפן אַדרעס פונם נאַטשאַלניק. דרך אגב, איז די צייטונג געווען געדרוקט אין אַ קליינעם פאָרמאַט. לייענענדיק די צייטונג האָט מען בשום אופן נישט געקענט וויסן, אַז ס'איז אַ צייטונג פון אויסבעסערונג־אַרבעטס־לאַגערן, נאָר ווי אַ צייטונג פון אַ גרויסער פאַבריק פון פרייע אַרבעטער. פאַרשפּרייטן די צייטונג אויסער די לאַגערן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

טרעפט דאָן, אַז דעם נאַטשאַלניק פונעם לאַגער שיקט מען אַוועק אין אַ סאַנאַטאָריע אויף קאַווקאַז צו היילן זיך און אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען אַ נייער, אַ פעסט־געבויטער מענטש אין די פופציקער יאָרן. ער האָט שוין באַוויזן אויפרייצן קעגן זיך די לאַגערניקעס נישט פון איין לאַגער מיט זיין שטרענגקייט, מיט זיינע איינרייסעניש און יד־חזקה. אים איז באַלד נישט געפעלן, הלמאי אין לאַגער שפּילט די ערשטע פידל אַ ייד, דער נאַריאַדטשיק גרישע. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט איינגיין אויף די נייע „פּאָריאַדקעס", וואָס גרישע האָט איינגעפירט. גרישע האָט געפּועלט, אַז נישט נאָר די מוזיקאַנטן זאָלן מעגן טראָגן פריזורן, נאָר אויך די אויס־געצייכנטע אַרבעטער־סטאַכאַנאָווצעס, וואָס פולן אויס מער פון צוויי נאָרמעס, זאָלן מעגן זיך פאַרלאָזן זייערע האָר. אזוי אַרום איז די צאָל פון די בעסערע אַרבעטער געוואַקסן פון וואָך צו וואָך. קיין שום אַנדערע באַלוינונג וואָלט אויף זיי נישט געהאַט אַזאַ ווירקונג, ווי די רעכט צו טראָגן פריזורן.

דער נייער נאטשאַלניק האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער „ווילקיר" און ווען די אַרבעטער האָבן זיך איינמאָל אומגעקערט פון דער אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער. אין צימער פון „דער וואָרטע" האָט ער אַוועקגעשטעלט די צוויי פריזירן, וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער און ער האָט איינעם נאָכן אַנדערן געהייסן אָראָפּשערן די האָר...

יעדער אָפּגעשוירענער איז אַרויסגעגאַנגען מיט בייזע אויגן, מיט פול פאַרדרוס. אייניקע האָבן אפילו געוויזן אַ פויסט און געדראָט מיט נקמה...

דערזעענדיק, ווי צוזאמען מיט די ארבעטער קערט זיך אויך אום פון דער ארבעט זייער באליבטער שווארצער הונט זשוק, האָט אים דאָס אויך פאַרדראָסן.

דאָך האָט ער דאָסמאָל פאַרשוויגן און אדורכגעלאָזט דעם הונט אין לאַגער אריין.

— כ'וועל זיך מיט אים, מיט זייער ליבלינג אויך אַן עצה געבן. מען דאַרף אים אָפּראַמען שטילערהייט — האָט ער אין זיך געטראַכט.

גרישע האָט דער ערשטער געלאָזט זיך אָפּשערן זיינע האָר. ער האָט אויך געוואָלט בעטן דעם נייעם נאַטשאַלניק אים צו באַפרייען פון זיין ארבעט, אלס נאַריאַדטשיק, נאָר ער האָט דערביי אַ טראַכט געטאָן וועגן די פופצן

יידן, וואָס ארבעטן נאָר אין לאגער גופא. דער נייער נאטשאַלניק וועט זיכער אלעמען ארויסטרייבן ארבעטן אויסערן לאגער. וועגן זיך אליין האָט ער ווייניק געטראכט, אים איז אַלץ איינס. אים איז נישט קיין סך צייט געבליבן. אים זענען נאָר אַ שאָד געווען די אַנדערע יידן.

וועגן מיר האָט ער שוין באַוויזן אדורכשמועסן זיך מיטן לאגער־דאָקטאָר, ער זאָל מיך אוועקשיקן אין נאָענטן שפּיטאָל אריין. איך בין געבליבן אָן איין צאָן אין מויל, זייט מען האָט מיר אויפן וועג קיין זאַפּאָלאריע ארויס־געריסן מיט שטריקלעך די לעצטע פיר ציין פון פּאָרנט. איך לייד דעריבער אויפן מאָגן. און דאָרט אין שפּיטאָל ארבעט זיינער אַ באַקאַנטער ציין־דאָקטאָר, אויך אַ לאגערניק, וואָס מאַכט פאַר אַן אָפּצאָל ציין־פּראָטעזן. גרישע האָט אויך געוואָלט מען זאָל מיך אנערקענען פאַר אַן אינוואַליד און נאָר דאַן וועט עס געשען־וועט איך וועל זיך געפונען אַ לענגערע צייט אויף אָבסערוואציע אין שפּיטאָל.

די מעשה מיט אראָפּנעמען די פריזורן האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן לאגער, אייניקע פון די אָפּגעשוירענע האָבן זיך געפילט ווי באליידיקט און אפילו זיך געשעמט צו גיין אין עס־צימער אויף אָונטבריוס. שטילערהייט האָבן זיי געשאָלטן דעם נייעם נאטשאַלניק מיט אזעלכע קללות, וואָס שוין לאנג האָט מען נישט געהערט אין לאגער.

אין גאַנצן לאגער איז געווען אומרואיק. מען האָט זעלטן ווו נאָך געשפּילט אַ „דאָמינאָ" אין אָוונט. דער עולם האָט זיך געלייגט פרי שלאָפן.

אין מיטן דער נאַכט האָבן זיך דערהערט אַ ריי שאָסן פון אַן אויטאָמאָט און באַלד דערנאָך א שוידערלעך פּישטשען פון אַן הונט. אַ סך זענען ארויס־געלאָפן אין דרויסן אין די אונטערוועש.

נאָענט צו דער „פּאַרווערטער זאָנע" האָט מען דערזען ביי דער שיין פון די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט לענג אויס די הויכע ווענט אַרום לאגער, ליגן זשוקן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ער האָט נאָך געזשיפּעט, כאָטש די אויגן זיינע זענען געווען פאַרמאַכט פון ווייטיק. אייניקע האָבן דעם הונט אַ נעם געטאָן אויף די הענט און געטראָגן אין באָד אריין. דעם ליטווישן פעלדשער, וואָס איז אויף דער פריי געווען אַ דאָקטאָר אַ כירורג, האָט מען אויפגעוועקט און געבראַכט אין באָד אריין. די קויל איז אריין אין

לייב אריין אינעווייניק. מען האָט געמוזט זשוקן אָפּערירן. די אָפּעראַציע איז פאָרגעקומען שנעל ביי פּאַרמאַכטע טירן אין באָד. דער עולם איז געשטאַנען אַרום דער באָד און געוואַרט אויף דעם „וויכטיקן ביולעטין" וועגן דער אָפּעראַציע.

ווער ס'האָט זשוקן דערשאָסן האָט מען נישט געקענט וויסן. דער נאַטשאַל־ניק האָט נישט געגעבן קיין סקיקט אין לאַגער, אָבער אלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געשען נאָר צוליב זיין שולד און לויט זיין באַפעל.

ביז די אָפּעראַציע איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן, איז דער עולם זיך נישט צעגאַנגען. איז אַ שעה אַרום האָט מען געמאָלדן, אַז זשוק לעבט, די אָפּעראַציע איז געלונגען, מען האָט ארויסגענומען די קויל פון אינעווייניק...

איינציקווייז האָט מען אריינגעלאָזט אין באָד אריין אַ קוק צו טאָן אויף זשוקן. ער איז געלעגן אויף צוויי צוזאַמענגערוקטע בענק אויף אַ קאָלדרע אין ווייסינקע באַנדאַזשן ארומגעבונדן. מיט זיינע קלוגע און אומעטיקע אויגן האָט ער ארומגעקוקט אלע זיינע פריינט און ווי פאַרשטאַנען, אַז מיט זיי איז ער זיכער, אַז קיין געפאַר דראָט אים מער נישט.

גרישע איז אויך געוועזן דערביי, צוזאַמען מיט אלעמען. אים האָט געעק־בערט אין מוח דער געדאַנק, וואָס וועט זיין ווייטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט וועט די ארבעט אָפּגעשוואַכט ווערן, נישט נאָר ווייל די ארבעטער זענען ווייניק זיך אויסגעשלאָפן אין דער נאַכט, נאָר אנדערע וויכטיקע סיבות זענען גורם דערצו...

ער האָט פאַרט באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון דער ארבעט אלס „נאַריאַד־טשיק". דער נייער נאַטשאַלניק וועט אים באַפרייען, ער האָט נישט ליב קיין יידן.

וואָס וועט זיין מיט זיינע יידן? וואָס ס'וועט זיין מיט אים, וועט אויך זיין מיט זיי. ער אליין וועט זיך בעטן צו דער ארבעט גלייך מיט אלע....

נאָך איידער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער באַוויזן מיך אָפּצושיקן אין שפּיטאָל אריין.

דריטער טייל:

אין דעם שפּיטאָל פאַר פאַרמשפּטע

אין שפּיטאָל

דער שפּיטאָל פון די לאַגערן אין וויטשעגאָדסק געפינט זיך נישט ווייט פון די לאַגערן. חוץ דעם לאַגער פאַר פּאָליטישע איז אויך נאָך פאַראַן אַ באַזונדער לאַגער פאַר נישט פּאָליטישע פאַרברעכערס. דער שפּיטאָל באַדינטביידע לאַגערן פון וויטשעגאָדסק, און אויך אַנדערע נישט גאָר ווייטע לאַגערן, וואָס געהערן צו פּעטשאָרלאַג.

אויסערלעך זעט אויס דער שפּיטאָל ווי אַ לאַגער: אויך דאָ רינגלען אים אַרום הויכע פּאַרקאַנעס מיט „ווישקעס" אין אַלע פיר ווינקלען, אויך דאָ איז דער אַריינגאַנג — אַ ברייטער טויער מיט אַ טירל אין דער זייט, וואָס פירט צו דער „וואַרטע". די איינצלנע קראַנקע, וואָס קומען אָן צופוס, אָדער מען ברענגט זיי צו פירן, גייען פריער אַדורך די געהעריקע פאָרמאַליטעטן אין זייטיקע צימערלעך, וואָס געפינען זיך בשכנות מיט דער וואַרטע. דאָ באַטראַכט זיי פריער דער דיזשורינדיקער דאָקטאָר, וועלכער באַשטימט אין וועלכער אָפּטיילונג מען דאַרף יעדן איינעם פירן. דאָ באַזוכט מען יעדן נישט נאָר זיין קערפּער, נאָר אויך זיין אָנטאָן און זיינע זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך. און ברענגען ברענגט מען אַלץ, וואָס מען פאַרמאָגט, ווייל ביסט נישט זיכער, אַז פון דאַנען וועט מען דיך נישט פאַרשיקן אין אַן אַנדער לאַגער. די זאַכן מיטן פאַרזענלעכן אָנטון, אפילו מיט די אונטער־וועש ווערן איבערגעלאָזט אין סקלאַד. אויפן אָרט באַקומט מען פרישע לאַגער־וועש, פון געל־קרעמען קאָליר מיט בענדלעך אָנשטאָט קנעפּלעך. אין אונטערוועש טרעטסטו אַריבער די שוועל פונעם שפּיטאָל און אין אונטער־וועש גייסטו אַרויס, ווען מען שרייבט שוין אויס פונעם שפּיטאָל. אינעווייניק אויפן שפּיטאָל־שטח זענען פאַראַן אַ סך באַזונדערע איינשטאָקיקע געביידעס, ענלעכע צו די באַראַקן פון לאַגער. יעדע געביידע איז אַ פּאַלאַטע פאַר קראַנקע פון פאַרשידענע מינים: פאַר לונגן־קראַנקע, פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקע, פאַר אַלגעמיינע קראַנקהייטן. די כירורגישע אָפּטיילונג פאַרנעמט אַ באַזונדערן באַראַק.

אין דער מיט שטייט דער באשפייזונג בלאָק: די קיך, דער עס־צימער און דער סקלאַד פאַר פּראָדוקטן. אין דער זייט געפינט זיך די אַלגעמיינע באָד, אַ געוועגלעך קליין־שטעטלדיקע באָד מיט אַ גרויסן טשאַן מיט הייסער וואַסער, מיט אַסך הילצערנע שעפּעלעך. ביי דער באָד איז דער קליינער סקלאַד פון וועש, דאָרט שטייט אַ ניי־מאַשין, אויף וועלכער מען פאַרריכט די וועש. פון איין באַראַק אין צווייטן פירן הילצערנע קליאַדקעס, וואָס ליגן העכער פון דער ערד אויף אַ צענדליק סאַנטימעטער. די שפּאַצירן קומען פאָר אויף די הילצערנע וועגן, אַפילו ווען אין דרויסן איז טרוקן.

מיך האָט מען אַריינגעפירט אין דער פּאַלאַטע פאַר אַלגעמיינע קראַנק. איבער דער גאַנצער לענג פון דער געביידע האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער קאָרידאָר. אין דער רעכטער זייט זענען געווען באַזונדערע צימערן, אין וועלכע ס׳זענען געשטאַנען גאָר ענג אייזערנע בעטן, צווישן וועלכע עס זענען געשטאַנען שמאָלע שאַפקעלעך, יעדע שאַפקעלע פאַר צוויי קראַנקע. אין ווינקל איז געווען אַ קלענערער צימער פאַרן שטענדיקן דאָקטאָר פון דער פּאַלאַטע. ער איז אויך געווען פון די פאַרמשפּטע. אונדזער דאָקטאָר איז געווען אַ יונגער ליטווינער, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן נאָר דריי יאָר אויפן קאַאונאַסער אינסטיטוט. ס׳זענען אים נאָך פאַרבליבן צוויי יאָר צו פאַרענדיקן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, ווען מען האָט אים אַרעסטירט, באַשולדיקנדיק אים אין ליטווישן נאַציאָנאַליזם און שנאה צו דער ראַטנ־מאַכט. דאָ איז ער געוואָרן אַ דאָקטאָר צוויי יאָר פאַר דער צייט. קיין דיפּלאָם איז דאָ נישט נויטיק געווען. ער האָט געאַרבעט אונטער דער השגחה פון דער דיפּלאָמירטער דאָקטאָרין מירא איסאַקאָוונא, וואָס פלעגט צוויי מאָל אין דער וואָך באַזוכן אונדזער פּאַלאַטע און באַטראַכטן די קראַנקע. זי פלעגט אויך אַריינשרייבן וועגן די קראַנקע אין זייערע „קראַנקהייט־קאַרטלעך״. דער ליטווישער דאָקטאָר האָט גערעדט גאָר שוואַך רוסיש, שרייבן האָט ער כמעט ווי נישט געקענט. האָט ער געהאַט אַ געהילף — אַן עלטערן מענטשן, וואָס איז שוין אָפּגעקומען דאָ אין שפּיטאָל כמעט די גאַנצע שטראָף זיינע, כמעט ניין יאָר מיט נאָך אַ ביסל. ער פלעגט יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט מעסטן די טעמפּעראַטור פון די קראַנקע און פאַרשרייבן אויף אַ ספּעציעלן בויגן פּאַפּיר. ער פלעגט אויך אַדורכפירן קליזמעס און אַפילו איינגעבן

רפואות, וועלכע דער דאָקטאָר האָט נישט געטרויט איינצונעמען די קראַנקע אַליין. דער אַלטער איזידאָר פּראָכאָראָוויטש פלעגט אויך אַריינשרייבן אין די אינדיווידועלע קאַרטלעך דאָס, וואָס דער ליטווישער דאָקטאָר האָט אים געהייסן.

איזידאָר פּראָכאָראָוויטש האָט זיך גאָר דערפרייט מיט מיין אָנקומען אין זיין פּאַלאַטע אַריין. דערוויסנדיק זיך אַז איך בין אַ געוועזענער לערער, מיט העכערער בילדונג, דערצו אַ פּאָליטישער, האָט ער זיך געטראַכט: — שוין לאַנג האָב איך געוואַרט אויף אַזעלכן, איך זאָל זיך האָבן פאַר וועמען אויסצורעדן דאָס האַרץ.

איצט ווען ס׳דערגענטערט זיך שוין די צייט פון זיין באַפרייען זיך פון לאַגער, זענען ביי אים אַנטשטאַנען אַ סך פראַגן, וואָס לאָזן אים נישט שלאָפן רואיק אין די נעכט. מען דאַרף זיך מיט עמיצן באַראַטן, בפרט נאָך, אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך שטאַם פון לוצק און די איינציקע פאַרבינדונג, וואָס ער האָט געהאַט במשך פון די ניין יאָר איז מיט דער שטאָט לוצק, ווו ס׳וווינט זיין איינציקע שוועסטער העלענע. איך בין אויך געווען צופרידן, וואָס איך וועל זיך קענען דורך מיין נייעם באַקאַנטן דערוויסן וועגן דעם לעבן אין שפּיטאָל, וועגן די דאָקטוירים, דער עיקר וועגן דעם ציין־דאָקטאָר, וואָס דאַרף מיר מאַכן דעם ציין־פּראָטעז. כאָטש אַלע קראַנקע זענען געלעגן, אָדער אַרומגעשפּאַצירט אין די זעלבע גרעלע ווייסע מיט בענדלעך אָנשטאָט קנעפּלעך, דאָך האָט מען געקענט צווישן זייערע פּנימער אונטערשיידן, ווער זיי זענען. ער, איזידאָר, קען זיי אַלעמען שוין אַ לענגערע צייט, ער וועט מיר שוין קענען אינפאָרמירן וועגן יעדן.

נאָכמיטאָג־צייט האָבן מיר ביידע אָנגעטאָן די שפּיטאָל־כאַלאַטן, די איינצלנע צוויי שטיק, וואָס זענען געווען אין אונדזער פּאַלאַטע און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן שטח פונעם שפּיטאָל. געגאַנגען זענען מיר לאַנגזאַם, טריט ביי טריט און געשמועסט. אויסער אונדז האָבן געשפּאַצירט נאָך אַנדערע, אַלע אין איין ריכטונג. צווישן אַלע האָבן מיר זיך ביידע אויסגעטיילט, ווייל מיר האָבן געטראָגן די שפּיטאָל־כאַלאַטן, כמעט אַלע זענען געווען אין די אונטערוועש.

די ערשטע פראַגע מיינע איז געווען:

— צו איז רואיק דאָ אין שפּיטאָל? צי קומען נישט פאָר קיין אינצידענטן?

— פאַרהעלטניסמעסיק רואיק, האָט פראַכאַראָוויטש געענטפערט געלאסן. ווען מיר זענען פונקט אדורכגעגאַנגען דורך דער כירורגיע־אָפּטיילונג, האָט ער גאָר שטיל צוגעגעבן:

— אין אפריל חודש האָט מען אהערגעבראַכט איינעם א יונגן מענטשן, אַן אַ רעכטער האנט אין אַ גוססדיקן צושטאַנד. פריער האָט ער באַקומען העכער אַ צענדליק מעסערשניטן אין דעם נאָענטן לאגער. מען האָט אים געבראכט אהער און דאָ האָט מען אים צוגעענדיקט, צוגעגעבנדיק אים נאָך אַ פּאָר מעסער־שטעכן...

— אָן דער רעכטער האנט איז ער געווען? האָב איך זיך נאָכגעפרעגט. איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער נאַכט־שומר, די „סוקע" וואָס דער „אָפּער" מיעדוויעדעוו האָט אים ארייַנגערוקט אין אונדזער באראק „פאַר גרינגערע ארבעטן". אויך אים האָט מען געפירט מיט אונדז צוזאַמען פון זאַפּאָלאריע. אויפן וועג האָט מען אים געוואָלט איבערלאָזן אין איינעם פון די לאגערן, האָט ער זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט ארויפגיין. אין וויטשעגאָדסק האָט מען אים אויך נישט געזען, ס'ווייזט אויס, אַז מען האָט אים אוועקגעפירט אין צווייטן לאגער, צו די „ביטאָוויקעס".

— יאָ, ס'ווייזט אויס, אַז דאָס איז ער געווען. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן „הונט מיט אויערן", געקומען פון זאַפּאָלאַריע. אויף אים האָבן די „זאַקאָניקעס" שוין לאַנג ארויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל.

— זאַקאָניקעס? האָב איך איבערגעפרעגט. ווער זענען זיי?

— איך וועל אייך אַן אנדערש מאָל דערציילן, איצט איז נישט די צייט. אָט דאָרטן זעט איר, דאָרט שפּאַצירט ארום זייער אַטאַמאַן. מישא רופן זיי אים. ער איז אַ סך עלטער פון מיר, אפשר שוין פינף און זיבעציק יאָר אלט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער זייט, ווו ער איז געגאַנגען איינער אליין מיט געמאָסטענע טריט. אַן אלטער הויכער מענטש, אַ ביסעלע סטולעוואטע. אַ גרויע שיטערע באָרד, וואָס איז געווען פאראייניקט מיט די געדיכטע וואָנסעס. אַ ברייטע נאָז מיט אַן האָרביקל אין דער מיט, געדיכטע ווייסע ברעמען, וואָס פאַרדעקן כמעט אויף דער העלפט די קליינע אויגן.

אָט דאָס איז מישא, דער אַטאַמאַן פֿון די „זאַקאָניקעס״ — האָב איך געטראַכט. ער זעט גאָר אויס ווי אַ ייד. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ ייד אין די זיבעציקער יאָרן זאָל גאָר זיין אַן אַטאַמאַן און אַ מערדער דערצו? עס האָט מיר שטאַרק אינטערעסירט. איך מוז זיך דערוויסן וועגן אים גענויער און אפילו באַקענען זיך מיט אים, אויב ס׳וועט מעגלעך זיין...

צוליב די קינדער

איזידאָר פּראָכאָראָוויטש פּוליאַנסקי האָט געשטאַמט פֿון די ספֿערן אויף וועלכע מען פֿלעגט זאָגן, אַז אין זיי טריפֿט בלוי בלוט, פֿון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע. זיינע זיידעס זענען אַמאָל געווען רייך, זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַ סך ערד און אַ גרעסערע צאָל „קעפּ״, וואָס האָבן זיי באַאַרבעט. געוווינט האָבן זיי אין פּאַלאַצן און גענאָסן פֿון גרויס ווױלטאָג. דער פֿאָטער זיינער איז שוין אַ סך אָרעמער געווען נאָר איזידאָר פּראָכאָראָוויטש און זיין שוועס־טער העלענאַ זענען דערצויגן געוואָרן אין אַריסטאָקראַטישן גייסט, זיי האָבן זיך געלערנט או געענדיקט מיטל־שולן. די רעוואָלוציע אין 1917 יאָר האָט זיי נאָך אָרעמער געמאַכט. זיי זענען געוואָרן אויס באַלעבאַטים פֿון זייערע מאַיאָנטקעס. געבליבן זענען זיי ביי זייערע שיינע האַנטשריפֿטן און מיטעלער בילדונג, וואָס האָט אים איזידאָר פּראָכאָראָוויטשן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרדינען זיין חיונה.

געלעבט האָט ער זיך רואיק אין אַ קליין שטעטל, געאַרבעט אין פּאָסט, אַלס אָנגעשטעלטער. צוזאַמען מיט אים האָט אויך געוווינט זיין שוועסטער העלענע, וואָס האָט איר גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט איינע אַליין, אָן אַ מאַן, פֿאַרנומען זיך מיט באַלעבאַטישקייט און מיט אויסנייען און באַפּוצן די וועש מיט פּילקאָלירטע ציילעמלעך — מאָלערייען.

צוליב איר האָט איזידאָר גאָר שפּעט חתונה געהאַט. זיין ווייב האָט אים געבוירן צוויי טעכטער. טעכטער שיינע, געראָטענע, זיי זענען אויסגעוואַקסן הויך און שיין, זיי האָבן זיך גוט געלערנט. די מומע זייערע, העלענע, האָט

זיי ליב געהאַט ווי אייגענע קינדער. זי האָט זיך צו זיי אָפּגעגעבן מיטן לייב און לעבן.

די צווייטע מלחמה מיט די דייטשן האָט צערודערט און צעשטערט איזידאָרס רואיק לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפּחה. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען אים באַשטימט אַלס פּאַרוואַלטער פון דער פּאָסט, אַזוי אַרום אים געמאַכט פאַר אַ כלל־טוער. מען האָט אים אפילו געראָטן, ער זאָל פאָדערן, מען זאָל אים אומקערן די קאָנפיסקירטע מאַיאָנטקעס דורך דער ראַטן־מאַכט. ער אליין האָט זיך פון דעם כמעט אָפּגעזאָגט. ער איז געווען אַ באַשיידענער רואיקער מענטש, וואָס איז געווען צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

דאָס האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. ווען די רויטע ארמיי האָט ארויס־געטריבן די דייטשן פון זיין שטעטל, האָט מען פון אָנהייב זיך גענומען צו די, וואָס האָט געהאָלפן די דייטשן אין קאַמף קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, אויך צו די, וואָס האָבן אומגעבראַכט די יידן און די קאָמוניסטן. שפּעטער האָט מען זיך גענומען אויך צו אים. פאַר מיטאַרבעטן מיטן שונא האָט מען אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר.

זיין ווייב איז בכלל געווען אַ שוואַכע פרוי, זי האָט געליטן אויפן האַרצן, נאָך זיין אַרעסט איז זי נאָך מער קראַנק געוואָרן, זיך אָפּגעמאַטערט העכער אַ יאָר צייט ביז זי איז געשטאָרבן.

די צוויי טעכטער זיינע האָט מען אריינגענומען אין אַ „קינדער־הויז״. די שוועסטער זיינע העלענע איז אַריבערגעפאָרן קיין לוצק. מיט איר פלעגט ער זיך דורכשרייבן פון צייט צו צייט. זי פלעגט אים שרייבן וועגן זיינע טעכטער. זיי זענען אָנגעגאַנגען אין „קינדער־הויז״ אַלס קיילעכדיקע יתומות, זיי האָבן זיך גוט געלערנט אין שול און געגרייט זיך צו ווערן לערערינס.

העלענא האָט אים אפילו נישט געשריבן ווו עס געפונען זיך די טעכטער, פאַר אים איז דאָס אויך גוט געווען, ווען זי האָט אים געשריבן, אַז די עלטערע האָט שוין חתונה געהאַט און אַרבעט אַלס לערערין און די יונגערע האָט שוין אַ חתן און ווי נאָר זי וועט ענדיקן דעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום און אָנהויבן אַרבעטן, וועט זי אויך חתונה האָבן.

— וואָס טוט מען, מאַרקאָוויטש, וואָס טוט מען? האָט ער געבראָכן זיינע הענט און געפּרעגט מיט טרערן אין די אויגן.

איך האָב אים געפּרוּווט טרייסטן, אַז די צייטן זענען שוין איצט אַנדערע, אַז נאָך סטאַלינס טויט קוקט מען שוין אַנדערש אויף די „פּאָליטישע”.

— איך בין זיכער, אַז די טעכטער אייערע וועלן זיך פילן גליקלעך, ווען זיי וועלן זיך זען מיט זייער טאַטן. איר אַליין וועט נאָך אָנטישן זיך מיט אייערע קינדער און אייניקלעך. — שפּעטער האָט ער מיר אנדעקט אַ סוד זיינעם, אַז ער האָט „אָפּגעשפּאָרט” פאַר זיך אַ גרעסערע צאָל פּראָשקעס צום שלאָפן און שוין אפילו געטראַכט צו באַגיין זעלבסמאָרד.

— אַזאַ נאַרישקייט האָב איך שיער נישט אָפּגעטאָן — האָב איך אים דערציילט. צום גליק האָט מען מיר נישט דערלאָזט דאָס צו טאָן!

אין צוויי וואָכן אַרום האָט ער צום ערשטן מאָל נאָך 8 יאָר אָפּזיין אין שפּיטאָל זיך פאַרפּוצט אין דעם ציווילן קאָסטיום, וואָס זיין שוועסטער האָט אים צוגעשיקט, ער האָט זיך מיט האַרץ־קלעמעניש געזעגנט מיט זיינע טערמאָמעטרן, מיט די דאָקטוירים, און אָפּגעפאָרן קיין לוצק.

חוץ מיטן אַלטן האָב איך אין מיינע פּאַלאַטע נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. לינקס פון מיר איז געלעגן אַ יונגער בחור, אַ דאָרפישער איך האָב געפּרוּווט אַמאָל מיט אים אַ שמועס טאָן. האָט ער זיך אָפּגעקערט אין דער צווייטער זייט און אַ ברום געטאָן: — איך קען נישט ליידן קיין יידן, ווייל זיי באַנוצן קריסטלעך בלוט צו זייער פּאַסכאַ.

פון דער רעכטער זייט איז געלעגן אַ גריך, טונקל ברוינע הויט, טיפע שוואַרצע אויגן, אַ דינע שפּיציקע נאָז און קלוגע אויגן. ער האָט געהערט וואָס דער שכן מיינער פון לינקס האָט מיר אַרויסגעזאָגט, האָט ער אים אָפּגעענטפערט:

— אידיאָט איינער, אָט דאָס האָט מען דיך אויסגעלערנט אין דעם סאָוועטישן קאָלכאָז, אַ בראָך איז צו דיין קאָפּ!

דער שכן מיינער, דער גריך איז געווען איינער פון די „זאַקאָניקעס”. צווישן אַלע אונטערוועלטניקעס האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר די מיוחסים. מיט קיין קליינע גנבהלעך האָבן זיי זיך נישט פאַרנומען. די קעשענע־גנבים

האָבן זיי פיינט געהאַט, ווי קריכעדיקע וואַנצן. אויב שוין גנבנען איז אין דער גרויסער מאָס: אויפברעכן קאַסעס, אונטערגראָבן זיך אונטער אַ באַנק. אַוודאי איז געזונטער, אַז מען קומט אויס ביי דער ארבעט אָן בלוט־פאַרגיסן, אָבער, ווען די אַרבעט פאָדערט, שטעלט מען זיך אויך נישט אָפּ צוליב דעם. אמת, דאָס לעבן שטעלט מען דערביי איין, נישט נאָר די פריי, אָבער אַז עס געלינגט, לוינט עס...

זיין לעבנס־קאַריערע האָט ער, דער גריך, אָנגעהויבן גאָר יונג, נאָך צוריק מיט צוואַנציק יאָר. ער האָט דאַן אַרומגעוואַנדערט איבער די גרויסע שטעט אין רוסלאַנד און געפונען אומעטום שותפים צו אַ באַשותפותדיקן „משא ומתן". נאָכן ערשטן דורכפאַל האָט ער באַקומען פינף יאָר. אַרויס איז ער שוין אַ „זאַקאָניק", וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אַ שול, וואָס קען אים צונוץ קומען אין זיין ווייטערדיקער טעטיקייט. ער האָט שוין געוווּסט ווו צו טרעפן אַנדערע, אַזעלכע ווי ער „זאַקאָניקעס" אויף דער פריי, ער האָט שוין געהאַט „מלונעס" ווו אָפּצושטופּן די סחורות און ווו מען קען איבערקומען אַ שטיקל צייט. מיטן איינעם וואָרט, ער איז שוין געוואָרן אַ „פּאַרטיקער". נאָכדעם איז ער געווען גאַנצע צוויי יאָר אויף דער פריי. פון די געלונגענע אָפּעראַציעס, האָט ער שוין געהאַט אַ סך געלט און מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ „לעב". דאָס מאָל האָט ער שוין באַקומען זעקס יאָר. עס איז אים אין לאַגער אויך נישט שלעכט געווען. אַנדערע פון די „פּאָליטישע" האָבן פאַר אים געאַרבעט און ער האָט זייער פאַרדינסט גענומען. פון די פּעקלעך וואָס אַנדערע האָבן באַקומען פלעגט ער מער געניסן פון זיי, די באַלעבאַטים.

לויט דער אַמנעסטיע פונעם 29־טן מערץ 1953 יאָר איז ער באַפרייט געוואָרן. ער איז אַרויס ריין, פונקט ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען פאַרמשפּט. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע, געפונען אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַן אייגן צימער, ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און גענומען זוכן אַרבעט. ס׳איז אים אָנגעקומען גאָר שווער. ווען ער האָט מיט דער הילף פון דעם סעקרעטאַר פון דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט באַקומען אַרבעט אין אַ פאַבריק, פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז די אַרבעטער מיידן אים אויס, קיינער וויל זיך נישט חברן מיט אים. עס איז אים סוף כל סוף נמאס געוואָרן דאָס אָרנטלעכע לעבן. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו זיינע פּעטע

ריזיקאַלישע פארברעכנס, צו די „אמתע" חברים. און ער האָט זיי געפונען. ביי דער ערשטער „אָפּעראַציע" איז ער דורכגעפאלן. דאָס איז געשען נאָך דערפאר, ווייל ער האָט זיך געוואקלט און געווען צופיל פאַרזיכטיק. ביים אנטלויפן האָט מען אים נאכגעשאָסן און געטראָפן אין פוס אריין.

איצט היילט מען אים דעם פוס. ער וויל גאָרנישט, מע זאָל אים וואָס גיכער אויסהיילן, ווייל זייט מען האָט זיי אָפּגעטיילט פון די „פּאָליטישע" איז גאָר ביטער געוואָרן. נישטאָ ביי וועמען א פּאַפּיראָס צו באקומען. דאָ, אין שפּיטאָל, איז א סך בעסער, ווי אין לאגער...

רב משה — דער אטאמאַן

יעדער צוגעשיקט פּעקל, וואָס איך פלעג פון צייט צו צייט באקומען פון מיין ווייב און זון אין לאגער, פלעגט מיר פארשאפן איינצייטיק גרויס פרייד און נאָך גרעסערן עגמת נפש. פרייד — ווייל דאָס היימישע געבעקס, וואָס מיין ווייב האָט מיט אירע הענט געבאקן. די קרישלדיקע קיכעלעך, די געלע מיט ציבעלעס אין דער מיט, האָבן געהאט טויזנט טעמים, דורך זיי האָב איך ווי באקומען אַ גרוס און די הארציקייט פון מיין ווייב צו מיר. דערפאר האָבן די פּושקעס קאָנסערוון און וווּרשטן מיר פארשאַפן עגמת נפש, ווייל איך האָב פארשטאַנען מיט וועלכע שוועריקייטן זיי קומען איר אָן, ביי אירע באשרענקטע מאטעריעלע מעגלעכקייטן. דערצו איז איין פּעקל, וואָס איז געווען אדרעסירט קיין זאפּאָלאריע, אינגאַנצן פארפאַלן געוואָרן. אין דעם פּעקל האָט זי מיר פונקט געשיקט מיין חליל, דאָס כישוף־פייפעלע, פון רויטן האָלץ געמאכט, וואָס זיינע קלאנגען האָט מען געהערט פון אַ ווייטן מהלך, בשעת איך האָב אויף אים געשפּילט.

ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, בשעת כ'האָב אזוי אומגעריכט באקומען דאָס פּעקל אין שפּיטאָל. אלץ איז אין פּעקל געווען אין אָרדנונג, נאָר די ציבעלעס און די קנאָבל, איינגעפּאקטע אין וואַטע זענען געווען פארפרוירן און פארפוילט. זיי האָבן מיר דערמאנט אין די צפונדיקע קעלטן, אייביקע

שנייען און פרעסט. מיט ציטערדיקע הענט האָב איך באַלד אַריינגעכאַפּט דאָס פּייפל אין מויל אַריין און אויפגעשפּילט. אַרום מיר האָט זיך באַלד געשאַפן אַ קרייז פון קראַנקע אין די אונטערוועש, וואָס זענען געווען להוט נאָך אַ ביסל מוזיק. אין פּעקל איז אויך געווען אַ בלעכערנע באַנקע מיט האָניק און אַ ביסל מאָסקווער טרוקענער ווורשט.

דאָס פּייפל האָט מיר פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגן און נישט מיר אַליין. די דאָקטאָרין מירא איסאַקאָוונא האָט מיך געבעטן אַלע פאַרנאַכט אַרויסגיין אין הויף פונעם שפּיטאָל און שפּילן אויפן פּייפל. — זאָלן די קראַנקע אַ הנאה האָבן! האָט זי מיך געבעטן.

איך האָב געפאָלגט און כמעט יעדן פאַרנאַכט־צו פלעגט מען עפענען די פענצטער פון אַלע פּאַלאַטעס. איך האָב געשפּילט הויך און מיט געפיל, אַ פאָלקס־לידל אַריינגעפלאָכטן. אַלץ איז געפעלן געוואָרן און „מאַרקאָוויטש מיט פּייפעלע" איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן אין שפּיטאָל.

אפילו מישא דער אַלטער אַטאַמאַן פון די „זאַקאָניקעס" האָט זיך פאַר־אינטערעסירט מיט מיר און איז געקומען צו מיר אין פּאַלאַטע מיט מיר זיך פּערזענלעך צו באַקאָנען.

אַלע האָבן עס געהאַלטן פאַרן גרעסטן כבוד פאַר מיר.

פאַר מיר האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פּשוט אויף יידיש: משה, נישט מישא. אים משהן איז שטאַרק געפעלן דאָס אַלטע יידישע לידעלע, וואָס איך האָב געשפּילט:

אויפן פּריפּיטשאָק ברענט א פייערל...

ער האָט דאָס לידל מיטגעזינגען ווען איך האָב געשפּילט. ער האָט זיך אפילו דערמאָנט די ווערטער פונעם לידל, האָט ער מיר דערציילט ביים באַקענען זיך.

מיין באַקענען זיך מיט רב משהן, ווי איך האָב אים גערופן, האָט געהאַט פאַר מיר אַ גרויסע באַדייטונג, קיינער ווען שוין מיך איצט נישט אָנרירן מיט קיין פינגער. די פּראָדוקטן פון מיין פּעקל וועל איך שוין קענען אַליין אויפעסן, אָדער מכבד זיין וועמען איך וויל. אַלע האָבן געוווסט, אַז מיט מישען שפּילט מען זיך נישט. כאָטש ער אַליין איז נישט געווען ביי זיך

גאָר גרויס, פּשוט, האַרציק און גוט ווי אַן אמתר זיידע צו זיינע קינדער און אייניקלעך, נאָר מישעס אַ ווונק איז געגנוג געווען, אַז זייניקע — די „זאַקאָניקעס" זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט יעדן איינעם, אפילו מען זאָל באַדאַרפן זיך באַנוצן מיט דער „פינקע".

פאַר מישען שיקט דער קוכער אריין אַ טעלער מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל, אמאָל אפילו וואַרעניקעס מיט שוואַרצער קאַשע. מישע איז שוין אין שפּיטאָל אַ תּושב. פון קיין שום אַקטירונגען און אַמנעסטיעס קען ער שוין נישט געניסן, ווייל ער האָט שוין אויף זיך עטלעכע טויט־שטראָפן, וועלכע ווערן פאַרביטן אויף 25 יאָר. די אַלע אורטיילן זענען אויף אים אַרויסגעגעבן געוואָרן, כאָטש ס'איז קיין איינמאָל נישט באַוויזן געוואָרן, אַז ער האָט אויסגעפירט אַ מאָרד.

פאַר דער הויפּט־דאָקטאָרין פון שפּיטאָל, די טאָטערין ליובאָוו דעניסאָוונאַ איז מישע אַ נויטיקער פאַרשוין. מישעס ווירקונג איז גרעסער, ווי פון די באַוואָפנטע היטער פון לאַגער.

אין דער אָנפירונג פון פּיעטשאָרלאַג האַלט מען ליובאָוו דעניסאָוונען פאַר דער ענערגישטער פרוי, וואָס קען אָנפירן מיטן שפּיטאָל, ווו עס געפינען זיך פאַרברעכערס פון אַלע מינים. אפילו דאַן ווען מען האָט דער „סוקע" אָן דער האַנט דאָ אין שפּיטאָל צוגעענדיקט, ווען מען האָט אים געבראַכט אַ צעשטאָכענעם פונעם לאַגער, האָט מען וועגן דעם פאַרשוויגן און אין דעם צונויפגעשטעלטן אַקט האָט מען פאַרשריבן, אַז ער איז אויסגעגאַנגען נאָך איידער מען האָט אים אַריינגעבראַכט אין שפּיטאָל אריין, זי, די הויפּט דאָקטאָרין ווייסט, אַז דעם אַטאַמאַנס וואָרט איז הייליק, דערום נוצט זי אים אויס אַלס מיטהעלפער ביים אויספירן איר אַרבעט אין שפּיטאָל.

ווען איך האָב אמאָל אין אַ פאַרנאַכט אַרומגעשפּאַצירט מיט מישען איבער די קליאַטקעס פונעם שפּיטאָל, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אָדעסער מאָלדאַוואַנקע. ער האָט אמאָל געהערט צו מישע יאַפּאָנטשיקס באַנדעס. ער האָט זיך געגרויסט דערמיט. ער האָט צוזאַמען מיט מישען יאַפּאָנטשיק אָנטיילגענומען, נאָך דער רעוואָלוציע, אין די קאַמפן מיט די פּעטלוראָוצעס, וואָס האָבן אדורכגעפירט פּאָגראָמען איבער די יידן.

איינמאָל האָב איך זיך אפילו איינגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— זייט מיר מוחל, רב משה. איך וויל אייך עפּעס פרעגן. ווי פּאסט עס גאָר פאר א יידן צו זיין דער פירער פון...

איך האָב נישט פארענדיקט. רב משה האָט אויף מיר א בייזן קוק געטאָן, דאָך האָט ער שטיל אָפּגעענטפערט:

— וואָס פארשטייט איר אין אזעלכע זאכן? מיר זאקאָניקעס, בעוולען קיינעם נישט. מיר ראמען נאָר אָפּ דאָס שלעכטע פון דער וועלט, אויף וויפיל מיר קענען. „סוקעס", פּראָוואָקאטאָרן זענען די מיאוסטע בריאים אויף דער וועלט — מוז מען זיי אָפּראַמען, ווי שטעכעלקעס, ווי מיסט...

— מיר שטעלן דערביי אין דאָס אייגענע לעבן. אלץ ווערט ביי אונדז אדורכגעפירט איינשטימיק. ווען דער באַשלוס ווערט שוין אָנגענומען, ווערט געוואָרפן אַ גורל ווער עס דאַרף אים אויספירן. אַ שאָד, וואָס די יאטן לאָזן מיך נישט צו, צוליב מיין עלטער, צו דער אויספירונג, אָבער איך טראָג די אחריות, גלייך מיט אלע...

דערביי האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט שוין צופיל דערציילט פאר א זייטיקן, האָט ער איבערגעריסן און אָנגעהויבן מיר צו שטעלן פראגן:

— צי האָט אייך, מארקאָוויטש, נישט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער ענקאוועדע קיין פּראָוואָקאטאָר?

— יאָ, אַ פּראָוואָקאטאָר און אַ ייד דערצו, האָט איך געענטפערט. גרופּין אראָן סאמאָילאָוויטש — רופט מען אים.

— נו, זאָגט דעם אמת, צי וואָלט איר נישט געוואָלט מען זאָל אים אָפּרוימען, ער זאָל מער נישט פארסמן די ארומיקע לופט?

אין מוח האָט אויפגעפלייצט דער געדאנק: נקמה! אבער דערהרגענען מענטשן, אַ יידן?... און איך האָב מער נישט געוואָלט שמועסן וועגן דעם מיט רב משהן.

— ווי פילט איר זיך אין געזונט, רב משה? האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— נשקשה, האָט ער מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט, דאָ אין שפּיטאָל קען מען לעבן און לעבן... מע היט מיך אָפּ, ווי אַ בכבודיקן פּאַרשוין. מירע, די דאָקטאָרין פרעגט זיך נאָך יעדן טאָג וואָס איך מאך. און ווער מען ווילט זיך נישט לעבן וואָס לענגער, מארקאָוויטש?!

— איר ווייסט, מארקאָוויטש, אַז די דאָקטאָרין מירא איז אויך אַן יידישע. זי איז שוין דאָ אַ סך יאָרן, זיבן יאָר איז זי אָפּגעקומען איר שטראָף „פּאָ דיעלו גאָרקאָוואָ״ — לויט גאָרקיס דיעלע. זי האָט פאַר די אויגן גאָרקין נישט געזען, כאָטש סיי זי און איר מאַן, אויך אַ דאָקטאָר, האָט מען פאַר־משפּט אין יעזשאָוס־צייטן. דער מאַן אירער לעבט שוין נישט. זי האָט שוין אַן עלטערן זון אַ סטודענט. זי האַלט אים אויס. איר מעגט זיך, מאַרקאָוויטש, מיט איר באַקאָנען. זי איז אַ געליטענע פרוי. זי איז גאָט די נשמה שולדיק!

— איך האָב אין זאַפּאָליאַריע זיך באַקאַנט מיט אַן יידישן דאָקטאָר, ער איז אויך אַ קרבן „פּאָ דיעלו גאָרקאָוואָ״ — האָב איך ארויסגעזאָגט, כדי צו ווייזן, אַז איך ווייס וואָס דאָס איז.

— אין יעדן לאגער וועט איר זיי טרעפן, נישט נאָר יידן...

רב משה, דער אטאַמאַן, איז געווען אַ ליבהאָבער פון טאטויראָווקעס. אויף זיין גאַנצן אלטן גוף האָט ער געהאַט טאטויראָווקעס. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן ספּעציאַליסטן אים צוגעגעבן נאָך איינע:

אויף די ביידע ברוסטן האָט ער געהאט די ביידע פּאָרטרעטן פון לעניגען מיט סטאלינען, אויף דער לינקער האנט — אַ האַרץ מיט אַן אויפשריפט: „מאמע דיר שענק איך מיין הארץ״. אויף דער פלייצע האָבן געטאנצט נאקעטע מיידלעך־רוסאלקעס אין אַ קאראהאָד. אפילו יעדער פינגער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די שפּיצן פון מאָסקווער קרעמל. נאָר דער שטערן־פול מיט קנייטשן, די איינגעפאַלענע באַקן און די שפּיציקע האָרביקע נאָז — זענען געבליבן אומבארירט. די טאטויראָווקעס פלעגט ער געדרן ווייזן, ווי אַ קונסט־אויסשטעלונג. מיט דער צאָל און מיט דער אויסטערלישער אויס־פירונג פון די טאטויראָווקעס האָט ער זיך זיכער אויסגעטיילט פון אלע — ער רב משה — דער אטאַמאַן...

יואל פערעל

ביי צײן־דאָקטאָר

מיט אלעקסאַנדר ניעטשיפּאָרוק, דעם צײן־דאָקטאָר פונם שפּיטאָל פאַר די פאַרמשפּטע האָב איך זיך באַקאַנט ערשט אויפן דריטן טאָג. איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון גרישען און אַזוי ארום געמאַכט מיין ערשטע באַקאַנט־שאַפט מיט אים. ער — אַן יונגער מענטש אין די פירציקער יאָרן, פון מיטעלן וווּקס, פון די מאָגערע, מיט אַ גלאַט־געראַזירט פּנים, נאָר נידריק־האָריקע וואָנסעלעך שפּראָצן ארויס אונטער דער נאָז. די אויגן שוואַרצע, קלוגע, נאָר אַ בייסנדיקער בליק קוקט פון זיי ארויס. — דער סימן פון גאווה.

דעם גרוס האָט ער אויפגענומען גאָר חבריש:

— אַ דאַנק, אַדאַנק! כ׳האָב אים שוין לאַנג נישט געזען גרישען. וואָס מאַכט ער — דער יידישער נאַריאַדשיק! האָט ער געפרעגט. למאַי האָט ער אונטערגעשטראָכן „יידישער״ — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס געפעלט אים נישט אין גרישען.

— איך צווייפל, צי איז ער נאָך פאַרבליבן „נאַריאַדשיק״. מיטן נייעם נאַטשאַלניק איז אים נישט לייכט מיטצואַרבעטן. ער האָט צערודערט אלע פאַרמשפּטע.

— מיט וואָס?

— ער האָט ביי אלעמען אַראָפּגעשוירן די פריזורן, אפילו ביי גרישען, אויך זשוקן האָבן זיי דערשאָסן.

— אויף טויט? — האָט דער דאָקטאָר ווי אויסגעשריען.

— מען האָט אים אָפּערירט, די קויל ארויסגעצויגן, צי לעבט ער — ווייס איך נישט. מיך האָט געוווּנדערט, וואָס אויך דעם דאָקטאָר האָט געריִרט דער פאָרפאַל מיט זשוקן.

ווען איך האָב דעם דאָקטאָר דערציילט, אַז איך בין פון קיעוו, איז ער אינגאַנצן ווי פאַרכמורעט געוואָרן, ווי איך וואָלט אים אָנגערירט אויף אַן אָנגעווייטיקט אָרט.

— קיעוו — מיין געבורט־שטאָט. שוין זיבן יאָר האָט איך מיין קיעוו נישט געזען — האָט ער מיט קלעמעניש געזאָגט.

— ווען מען האָט מיך ארעסטירט איז די שטאָט געלעגן אין חורבות,

כאַטש די טאָפּאָלן האָבן אַלץ געגרינט און קיעוו איז פאַרבליבן חנוודיק, ווי אַ פאַרוויינטע כלה.

— ווען איר זעט איצט קיעוו, וואָלט איר זי נישט דערקענט. זי איז אַ סך שענער געוואָרן, ווי געווען. די גאַסן אַסך ברייטער. די טאָפּאָלן צעצווייגטער. נישט ווייניק גאַסן זענען שוין צוריק אויפגעבויט. אפילו דעם קרעשטשאַטיק...

ביי די רייד האָט דער דאָקטאָר ווי אויפגעלעבט און פריילעכער געוואָרן, זיינע אויגן האָבן פאַרלוירן זייער ביטערן שמייכל, געוואָרן מילדער און קינדערישער, מער טרוימעריש.

— איר האָט נאָך געזען, ווי מען האָט די דרייצן דייטשישע גענעראַלער אויפגעהאָנגען אויפן קרעשטשאַטיק? אַרום און אַרום חורבות, אויף זיי הונדערטער טויזנטער באַפרייטע, וואָס שטילן זייערע נקמה־געפילן אין דעם שוידערלעכן בילד פון אומקום...

— אויך איך האָב דאָס געזען און געיובלט גלייך מיט אַלע, נישט טראַכטנדיק, אַז זייער גורל קען אויך מיין גורל זיין — האָט ער מיט אַ טיפן זיפץ פאַרענדיקט.

קיין פראַגן האָב איך נישט באַדאַרפט אים שטעלן, ער זאָל דערציילן פאַרוואָס מען האָט אים מיט געוואַלט פאַרטריבן פון זיין געבוירט־שטאָט, ער האָט אַליין געפונען אַ געלעגנהייט אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ און האָט דערציילט:

דעם פאָטער זיינעם געדענקט ער קוים. אין די צוואַנציקער יאָרן, בעתן בירגער־קריג איז ער אומגעקומען. די מוטער איז געווען גאָר אַ יונגע, ווען זי איז געבליבן אַן אַלמנה מיט אַ פּיצל קינד. זי האָט שווער געאַרבעט פאַר זיך און פאַר איר זון. זי איז אַזוי גוט געווען צו אים. די גאַנצע פרייע צייט האָט זי געווידמעט אים: שפּאַצירן, שפּילן, דערציילן, אַלץ, אַלץ.

ער, אַלעקסאַנדער האָט ליב געהאַט זיין מוטער, בלויז „פינפער" פלעגט ער איר ברענגען פון דער שול.

זיי האָבן געוווינט אויף פּושקין־גאַס אין איין צימער מיט פּשוטע מעבל, אָבער שטענדיק איז געווען אַזוי ריין און שיין. גאָר זעלטן פלעגט די מוטער זיך פאַרען אין דער קוך, די שכנים פלעגט זי די ערשטע אונטערטראָגן איר „גוט מאָרגן".

וועגן אירע עלטערן און אייגענע פלעגט זי אויסמיידן מיט אים צו רעדן.
„אַ יתומה בין איך געווען פון די יונגסטע יאָרן — קיינעם האָב איך נישט".
— פלעגט זי זיך פאַרענטפערן. דערפאַר פלעגט זי אסך דערציילן וועגן זיין פאָטער, וועגן זייער גרויסער ליבע און זיין העלדישן טויט.

ווען ער האָט פאַרענדיקט די שול און אריין אויפן סטאָמאטאָלאָגישן אינסטיטוט, פלעגט ער שוין באַקומען אַ סטיפּענדיע. פאַרענדיקט און פאַר־בליבן ארבעטן אלס אסיסטענט ביי זיין פּראָפעסאָר. די מוטער איז געווען גליקלעך, וואָס איר זון שטייגט אלץ העכער, זי אליין איז אָבער געוואָרן שוואכער, שוין ארויס אויף פּענסיע און געטרוימט צו דערלעבן חתונה מאכן איר בן־יחיד.

מיט אים צוזאמען האָט געארבעט אַן אסיסטענטין, אַ שיינע בלאָנדע מיידל מיט הימל־בלויע אויגן און לאנגע צעפּ. ער האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר זיין מוטער, אלס זיין כלה.

די מלחמה אין 1941 יאָר האָט צעשטערט אַלע פּלענער. ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער ארמיי און אוועק אויפן פראָנט. די ערשטע מפּלות זענען געקומען אומדערווארט. דער דייטש האָט געיאָגט, געיאָגט און די רוסן זענען געלאָפן. אין דארניצע, אונטער קיעוו, האָבן די דייטשע באָמבאר־דירער באַשיט זייער דיוויזיע מיט באָמבעס, ווי מיט אַן האָגל. ער איז קוים ארויס אַ לעבעדיקער און באוויזן זיך אריינצוכאַפּן קיין קיעוו צו זיין מוטער. ער האָט זי אָבער אין דער היים נישט געטראָפן. איינע פון זייערע שכנים, מיט שיקלדיקע אויגן און בייזע בליקן, האָט זיך אָפּגערופן: — נישטאָ אייער פייגעלע — אנטלאָפן, אלע „זשידעס" זענען אנטלאָפן. דער קאָרשון קומט, דער דייטש — מאכן זיי אַ ויברח!

ער אליין האָט שוין נישט באַוויזן צו אנטלויפן. איצט זענען אים אסך זאַכן קלאָרער געוואָרן: זיין מוטער האָט אויסבאַהאַלטן פאר אים איר יידישקייט. פארוואָס? צי איז דען אין ראטנפארבאנד פאראן אַן אונטערשייד צווישן נאַציעס? צי האָט נישט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויסגעגלייכט אלע נאציעס? ניין! די סאַרקאַסטישע רייד פון דער שכנה האָבן אים דערוויזן, אז דער אנטיסעמיטיזם האָט געטליעט ווי א פייער אונטערן אש, ביז אַ צייט...

אין אקופּירטן קיעוו

אלעקסאנדר ניעטשיפּאָרוק איז פארבליבן אין קיעוו, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן בליץ־שנעל פארכאַפּט די הויפּט־שטאָט פון אוקראינע. גלייך ווי אסך אנדערע פון זיינע חברים, האָט ער זיך אויך צוגעשטעלט צו דער ארבעט אין סטאָמאטאָלאָגישן אינסטיטוט. איצט האָט ער זיך פארנומען מיט מער פּראַקטישער ארבעט, ער האָט געהיילט די ציין פון ציווילע אוקראינישע פּאַציענטן. די ארבעט האָט פארשלונגען זיין גאַנצע פרייע צייט. און בעסער אזוי: נישטאָ ווען צו טראַכטן, נישטאָ ווען צו ווייטיקן פון דעם אלעמען, וואָס קומט פאָר ארום אים. פּאַציענטן האָבן נישט געפעלט. די נערוון זענען ביי די מענטשן געווען אָנגעשטרענגט, פלעגן זיי דעריבער זייער ציין־ווייטיק אָפּפילן שטארקער. דער געררויש פונם בויערן־מאַשין האָט פארקרומט די פּנימער, יעדער פרעמדער געשריי, וואָס פלעגט זיך דערטראָגן פונם דער־בייאיקן קאבינעט פלעגט שאַרף אָפּהילכן אין זייערע אייגענע מוחות.

צווישן איין פּאַציענט און צווייטן פלעגט אלעקסאַנדר אויפכאַפּן באַזונדערע באאומרואיקנדיקע קלאנגען פונם ווארטע־צימער:

— דערשאָסן!

— געהאָנגען!

— אוועקגעפירט אַ מאַסע יידן קיין באבי־יאר!

ער איז זיך מודה, אַז ביז ער האָט זיך דערוווּסט, אז זיין מאמע איז אַ יידישע, איז ער געווען גלייכגילטיק צו יידן, קיין איין יידישן חבר נישט געהאט, ער האָט אפילו ליב געהאט צו אויסהערן אן אנעקדאָט, וואָס חוזקט אָפּ פון א יידן, אָבער איצט ווייטיקט אים דאָס הארץ, ווען עס דערטראָגן זיך צו אים די שוידערלעכע ידיעות וועגן דעם, ווי די דייטשן און זייערע געהילפן די אוקראינישע פּאָליציסטן פּלאָגן די יידן, רודפן זיי און פאַרניכטן זיי מאסנווייז. אין געוויסע מאָמענטן פלעגט אים פארדרוסן אויף זיין געליבטער מוטער, הלמאי זי האָט פאר אים פארהוילן דעם אמת, אז זי איז אַ יידישע. אין הארצן האָט ער זיך איצט געפילט מער אלס ייד, ווי אלס אוקראינער.

מיט פרייד פלעגט ער אויפנעמען די נייעסן וועגן די אופטועו פון די פּאַרטיזאנער־גרופּן אויף אוקראַינע:

— אויפן קרעשטשאַטיק האָבן זיי אויפגעריסן אַ קלוב פון דייטשישע אָפיצירן און באַגראָבן הונדערטער פון זיי אונטער די חורבות!

— אונטער אומאַן איז אויפגעריסן געוואָרן אַ גאַנצער מיליטערישער צוג מיט געווער, מיליטער און אויפרייס־מאַטעריאַלן!...

ער איז מקנא געווען די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען זיך נוקם אין די פאַשיסטן, פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, פאַר אוקראַינע... פאַר די יידן... ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, ווי אַזוי פאַרבינדט מען זיך מיט זיי, מיט די פּאַרטיזאַנער.

איינמאָל איז אַריינגעקומען צו אים איינער פון די פּאַציענטן. ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שאַליק. ווען ער האָט אויפגעבונדן זיך האָט ער פאַר זיך דערזען אַ יונג פּנים מיט אַ קאָלטענאָוואַטער באָרד. ווי גרויס איז געווען זיין פאַרווּנדערונג. ווען ער האָט ביי אים אין מויל קיין איין קראַנקן צאָן נישט געפונען. דאָס פּנים איז אים געווען שטאַרק באַקאַנט. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער פּאַציענט איז נישט קיין געוויינלעכער. האָט ער אַלעקסאַנדר זיך גוט צוגעקוקט צו אים און דערקענט אין אים דעם טויערמאַן פון דער פוטבאָל־קאָמאַנדע „באָלשעוויק". ער פלעגט זייער אָפט באַזוכן די פוטבאָל־פאַרמעסטונגען און געקענט די אָנגעזעענסטע שפּילער אין פוטבאָל.

— איר זענט קלינקאָ פון „באָלשעוויק" נישט אמת? האָט ער געפרעגט.

— יאָ, איר האָט געטראָפן. דאָס באַווייזט, אַז אפילו מיין באָרד קען מיך נישט פאַרמאַסקירן פאַר אַ ליבהאָבער פון פוטבאָל־שפּיל — האָט ער געענטפערט.

— איר האָט נישט קיין קראַנקע ציין, פאַרוואָס זשע זענט איר צו מיר געקומען? — האָט אַלעקסאַנדער מיט נייגעריקייט געפרעגט.

— מיר נויטיקן זיך אין מעדיקאַמענטן און איר קענט אונדז העלפן זיי צו באַקומען. אייניקע פון אונדזערע ליידן אויף ציין־ווייטיק. מען דאַרף זיי אַרויסרייסן די קראַנקע ציין. איך מיין, אַז איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן זיי צו העלפן.

— איך העלף יעדן, וואָס קומט אַהער...

— אהער קענען זיי נישט קומען. ס'איז ריזיקאַליש. דערצו האָבן זיי קיין צייט נישט. איך וועל אייך אוועקפירן איין מאָל אין דער וואָך אויף אַ זיכער אָרט אונטער קיעוו. און דאָרטן...

— איך פרעג אייך נישט ווער איר זענט... איך פאַרשטיי אליין. איר האָט גוט געטראָפן. איך בין גרייט אויף אַלעמען. איך האָב זיך שוין פון לאַנג געוואָלט פאַרבונדן מיט אייך — האָט אַלעקסאַנדער שטיל אַרויסגעזאָגט מיט ברען... אזוי אַרום האָט ער אַלעקסאַנדער זיך פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער, שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער איבערגעגעבן פאַר זיי אַ ביסל וויכטיקע מעדיקאַמענטן און דאָס גאַנצע געלט, וויפל ער האָט געהאַט ביי זיך. ער האָט צוגעזאָגט צו געבן אַסך מער מעדיקאַמענטן און ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו פאָרן וווהין מען דאַרף...

מער איז דער חברה־מאַן צו אים נישט געקומען. פאַרוואָס ? צי האָט מען אים געכאַפּט ? צי איז ער גאָר אַן אונטערגעשיקטער פּראָוואָקאַטאָר ? וועגן דעם האָט ער, אַלעקסאַנדער, נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. ער האָט אָנגעהויבן אין יעדן פרישן פּאַציענט זען אַ פּאַרטיזאַנער, אָדער גאָר אַ פּראָוואָקאַטאָר. ער איז געוואָרן שטאַרק אומרויק. ער האָט מורא באַקומען, אַז אויך זיין יידישע אָפּשטאַמונג זאָל נישט אַנטדעקט ווערן. אויסער מיט זיין אַרבעט פלעגט ער זיך מיט גאָרנישט אינטערעסירן.

די צייט פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע האָט זיך געשלעפּט ווי אַ פּגר. די עקאָנאָמישע נויט האָט וויניקער געפּייניקט, ווי די מאָראַלישע ליידן. קיינמאָל האָט מען נישט אָפּגעפילט די דזשונגל־רעכט, ווען אַ מענטש איז אַ וואָלף פאַר אַ צווייטן מענטשן, ווי אין יענע צייטן. אַלץ איז געוועז הפקר — דאָס לעבן אפילו. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך די פרייד פון אַלעמען, ווען די העלדישע רויטע אַרמיי האָט אַרויסגעטריבן די פאַשיסטישע האָרדעס פון אוקראַינע און פון קיעוו. זאָל זיין די פאַרפּייניקטע, די חרובע שטאָט, אָבער אונדזער קיעוו. אַלץ איז טייער, אפילו דער באַבי־יאַר, ווייל דאָרטן זענען די הונדערטער טויזנטער קידושים, צו וועלכע מענטשן אַזעלכע ווי אַלעקסאַנדער פילן אַ נאָענטע שייכות, ווי צו אייגענע.

לאַנג איז אים, אַלעקסאַנדערן, נישט אויסגעקומען זיך צו פרייען. מען האָט אים אַרעסטירט און אים געמשפּט אַלס פאַררעטער פונם פאָטערלאַנד :

ערשטנס, פארן אנטלויפן פון דער רויטער ארמיי, צווייטנס פאר מיטארבעטן מיטן שונא און דריטנס פאר ארויסגעבן אין די הענט פון דער דייטשער „געסטאַפּאָ״ סאָוויעטישע פּאטריאָטן־פּארטיזאנער, ווי קלימקאָ און אנדערע... דער אורטייל איז געווען טויט־שטראָף, מיט פארבייטן אויף 25 יאָר אויס־בעסערונג־ארבעטס לאַגער.

ניין יאָר קומט ער שוין אָפּ די שטראָף. ווו זיין מוטער איז אַהינגעקומען ווייסט ער נישט. מעגלעך, אז זי איז גאָר נישט דערלאָפן און אומגעקומען צוזאמען מיט אירע יידישע שוועסטער און ברידער.

ער, אלעקסאנדער, דער ציין־דאָקטאָר אין לאַגער־שפּיטאָל לײדט, אממער־סטנס, דערפאר וואָס מען האָט אים באשולדיקט אין איבערגעבן דער געסטאַפּאָ דעם פּאַרטיזאנער. ער שרייבט נאָך ביז איצט קאסאציעס און אַנקלאגעס און האָפט נאָך אלץ, אז דער מיאוסער טעות וועט אויסגעבעסערט ווערן...

דער מצורע

ס׳איז שרעקלעך צו קוקן אויף א קראַנקן — דעם מצורע, וואָס לײדט אויף דער קרעציקער קרענק. איבערהויפּט ווען דאָס פּנים איז נאָך גאָר יונג און עס איז באדעקט מיט ווונדן, וואָס היילן זיך נישט אויס און יאטערן זיך אלץ מער און מער. אַ געמיש פון עקל און רחמנות נעמט דיך ארום קוקנדיק אויף דעם אומגליקלעכן קראַנקן. אזא איז ביי אונדז אין לאגערנעם שפּיטאָל געווען יאָשע. ביי דער באָד האָט ער געהאט א באזונדער צימערל. אין דעם איז געשטאנען אַן אייזערנע בעט און אַ ניי־מאַשין. יאָשע פלעגט פארריכטן די וועש פון דעם שפּיטאָל. ער האָט אויסגעזען אסאך עלטער פון זיינע אמתע יאָרן. די ווונדן אויף זיין פּנים און לייב האָבן צוגערויבט ביי אים זיין יוגנטלעכן אויסזען, ברען און חשק צו לעבן. איינמאָל, ארויסגייענדיק פון דער באָד, האָט יאָשע מיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ יונגער קלינגענדיקער שטום ארופגעטאָן:

— מאַרקאָוויטש, כאַפּט זיך אריין צו מיר. איך וויל אייך עפּעס ווייזן! זיין בעטנדיקע שטים און איידעלע אינטאָנאַציע האָבן מיר געלאָזט אויף א מינוט פאַרגעסן אין זיין שווידערלעכן אויסזען און איך בין אריין צו אים אין צימער.

— מען רופט מיך דאָ טאַקע מאַרקאָוויטש, אָבער פון וואַנען ווייסט איר דאָס? האָב איך אים געפרעגט.

— ווער קען נישט דאָ מארקאָוויטשן מיטן פייפל. דאָ איז נאָר איין מאַר־קאָוויטש פאַראַן. נו, לאָמיר זיין באַקאַנט. מיך רופט מען יאַשע, א ייד און אַ ווארעמער ייד דערצו. קיין האַנט גיב איך אייך נישט, כאָטש מיין קרענק איז נישט קיין אַנשטעקנדיקע, אזוי באַהויפּטן די דאָקטוירים. ס׳איז אַן עקזעמע פון דער הויט. איך האָב זי שוין העכער צוויי יאָר. איך וואָלט שוין געקענט פון לאַנג פון איר פּטור ווערן, נאָר ס׳לוינט מיר נישט. אין שפּיטאָל איז מיר נישט שלעכט, בעסער ווי אין לאַגער ביי דער קאַטאָרזשנער אַרבעט צווישן די אמתע פאַרברעכערס. צוליב דער קרענק — האָט מען מיך שוין אַקטירט און אינגיכן, מיין איך, וועט מען מיך באַפרייען.

— איר זענט שוין לאַנג פון דער היים? האָב איך געפרעגט.

— פונם 1949, דאָס הייסט, כמעט 5 יאָר, דאָ, אין שפּיטאָל בין איך שוין צוויי יאָר.

— איר זענט אַ פּאָליטישער? בין איך נייגעריק געווען צו וויסן.

— ניין! מיין סטאַטיי איז נישט קיין פּאָליטישע. א סימן האָט איר, אַז מיין שטראָף איז בלויז 20 יאָר, נישט קיין 25 — האָט יאַשע אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט ווי שיין וואָלט אויסגעזען זיין שמייכל אויף זיין יונגן, חנוודיקן פּנים, ווען נישט די פרישטשעס וואָס פאַרשפּעטן אים זיין אויסזען. יאַשע האָט ארויסגעצויגן פונם קויש, וואָס איז כמעט פול געווען מיט וועש צום פאַרריכטן אַ טיולענע דעק און אויסגעשפּרייט זי אויף דעם אייזערנעם בעטל. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פּרעכטיקע אַרבעט פון אַ קינסטלער. אַזעלכע איידעלע בלימען, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אויסגעוואַקסן, זענען געווען אויסגענייט אויף דער דעק. ארום און ארום זענען געווען ארויסגעצויגן פעדים, האָט זיך באַקומען ווי די בלומען וואָלטן

געווען אין אַ ראַם. די דאָזיקע דעק וואָלט געפּאַסט פאַר אַ קעניגלעך בעט, אָדער גאָר אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג.

יאַשע איז געשטאַנען אין אַ זייט און געשוויגן. ער האָט געזען מיין פאַרוואונדערונג און האָט צוגעגעבן:

— שוין העכער אַ יאָר ארבעט איך ביי דער דעק. דאָס גרייט איך אַ מתנה פאַר מיין ווייב.

איך האָב זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף דעם קינסטלער, עס זאָל, חלילה, נישט פאַרמינערט ווערן אין מיינע אויגן די גרויסקייט פון זיין ווערק. נאָר אַ מענטש מיט אַ זויבערער נשמה און מיט גאָלדענע הענט קען אין די באַדינגונגען פון לאַגער, צווישן איין לאַטע און דער צווייטער אויף דעם לאַגער־וועש, אויסהעפטן אזא וואונדערבאַר ווערק.

— צי האָט איר זיך מיט דער ארבעט פאַרנומען אויך פריער, אין דער היים? האָט מיך אינטערעסירט צו וויסן.

— מיין מאַמע האָט ליב געהאַט צו העפטן, אויך מיין פרוי. איך האָב זיך נאָר צוגעקוקט. דאָ, אין שפּיטאָל, האָב איך געוואָלט זיך איינקויפן אין יחוס ביי דעם הויפּט־דאָקטאָר, האָב איך אויסגעהאָפטן פאָרהאַנגען פאַר אַלע פאַלאַטעס. פאַר דער קאַזאַכקע, דער פאַרוואַלטערין, האָב איך געמאַכט אַ דעק. אָבער אין דער ארבעט ליגט מיין נשמה. דאָס איז פאַר מיין ווייב. האָט ער ארויסגעזאָגט מיט שטאָלץ, — מיין ווייב איז ביי מיר אַ געפונענע, פון יענער וועלט צוריקגעקומען! עס קומט איר אַזאַ מתנה!

דער קנויל האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוויקלען. יאַשע האָט אים נישט געקענט איינהאַלטן און צוליב וואָס? וועמען גלוסט זיך נישט אויסרעדן דאָס האַרץ? געשען איז דאָס אין 1949 יאָר אין לעמבערג. ער האָט געלעבט אַ גליקלעך לעבן מיט חנהלען זיין ווייב און מיט זיינע צוויי קינדערלעך. פּרנסה האָט ער געהאַט גענוג. עס זענען געווען ווייניק ספּעציאַליסטן ווי ער ביי פוטער־אויסארבעטונגען. ער האָט געאַרבעט אין אַן ארטעל, געמאַכט די שענסטע פוטערס, קאָלנערס, פון פּיצלעך שטיקלעך פוטער ווערט גרויס געלט. איינמאָל איז חנהלע געגאַנגען שפּאַצירן מיט ביידע קינדערלעך. אומגעריכט איז ארויף אויפן טראָטואַר אַ לאַסט־אויטאָ און צעטרעטן זייער זונדל אויף טויט און גאָר שווער פאַרוואונדעט זיין ווייב, דאָס טעכטערל האָט

געכאַפּט אַ קלאַפּ, אָבער נישט קיין געפּערלעכן. חנה׳לע איז געלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע חדשים און אַפּילו נישט געוווּסט וועגן דעם, אַז איר זון איז דערהרגעט געוואָרן. יאָשעס מוטער איז געקומען פֿון קישענעוו און פֿאַרנומען צו זיך זייער טעכטערל, האָט ער חנהלען געזאָגט, אַז ביידע קינדער זענען ביי דער באָבען. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז נאָך דעם גרויסן אומגליק וועט קומען נאָך אַן אומגליק.

צו זיי אין ארטעל איז אָנגעקומען אַ פֿרישע פּאַרטיע פּוטער. האָט מען אים יאָשען פֿאַרבעטן אריינגיין אין דער קאָמיסיע פֿון די אָפּנעמער, אלס ספּעציאַליסט, ווייל דער פֿאַרוואַלטער איז פּונקט דאַמאָלס ארויסגעפֿאָרן. נישט מיט קיין חשק האָט ער גענומען אויף זיך אָט די פֿאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט. זיין קאָפּ איז אים געווען גאָר דאָן אין שפּיטאָל, ביי זיין ווייב. נו, האָט ער פֿאַרזען און ס׳האָט געפֿעלט אַן היפּש פֿעקל פּוטער. ס׳איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל. די צושטעלער האָבן געבראַכט מיליץ און מען האָט געפֿונען דאָס פֿאַרלוירענע פֿעקל פּוטער ערגעץ פֿאַרוואָרפֿן, נאָענט צו זיין ארבעט־וואַרשטאַט.

פֿאַרשטענדלעך, אַז אים האָט מען באַשולדיקט אין דער גנבה, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף אַ גרעסערער סומע געלט.

דער סוף איז געווען אַ ביטערער. מען האָט אים פֿאַרמשפּט אויף צוואַנציק יאָר אויסבעסערונג־ארבעטס לאַגער. ער האָט אפילו נישט באַוויזן זיך צו זען מיט זיין ווייב, וואָס איז שפּעטער ארויס פֿון שפּיטאָל, אַ שוואַכע און אַ קראַנקע, אָבער אַ לעבעדיקע. פֿאַר איר אומשולדיק אומגעקומענעם זון און פֿאַר זיך האָט זי אויסגעקעמפֿט אנטשיידיקונג און שוין 5 יאָר פֿירט אַן אַדוואָקאַט דעם קאַמף פֿאַר זיין באַפֿרייהונג.

פֿון דער אַמנעסטיע האָט ער אויך נישט גענאָסן, ווייל דעם שאָדן האָט מען אָפּגעשאַצט העכער 50 טויזנט.

איצט האָט מען אים אין שפּיטאָל אַקטירט. ער וואַרט, אַז דער געריכט, וואָס דאַרף קומען פֿון ארכאַנגעלסק, וועט אים באַפֿרייען. דעריבער גרייט ער שוין מתנות פֿאַר זיין ווייב און טעכטערל.

יואל פערעל

דער גלגול פון מארקסן

איינמאָל אין צען טעג פלעגט קומען אין שפּיטאָל אריין אַ פריזירער. אין לאנגן פאָדערהויז פון דער פּאלאטע האָט ער איינגעאָרדנט זיין ארבעט־אָרט ביים סאַמע פענצטער. ער איז געווען אַ יונגער בחור פון די „ביטאָווי־קעס", ער האָט פארמאָגט בלויז אַ שער־מאשינקע און אַ ראזיר־מעסער און אַ ליידערנעם פאסיק אויף „אָפּצוציען" דאָס ראזיר־מעסער. געארבעט האָט ער פלינק, כאָטש זיין ראזיר־מעסער איז געווען גענוג טעמפּ און נישט איינער פלעגט זיך בשקשהדיק פארקרומען פון ווייטיק, ווען דאָס מעסער האָט געקעמפט מיט זיין הארטער, געדיכטער באָרד. אין דער לענג פונם פאָדער־הויז איז געשטאַנען אַ ריי פון קראַנקע אין די אונטערוועש און געווארט אויף זייער ריי, דערביי פלעגן זיי זיך פארוויילן מיט אַ געזאלצענעם אנעקדאָט, אָדער גלאט אַ וויץ וועגן אַ יידן.

ווען איך בין געזעסן אויף דער שטול און דער פריזירער האָט געשקראָבעט מיט זיין ראזיר־מעסער מיין באָרד האָט עמיצער פון דער ריי אַ זאָג געטאָן: מארקאָוויטש, דיין פּייפּל איז הייזעריק געוואָרן, מען דאַרף אים מאַכן אַ גאָגל־מאָגל... זיינע חברים איז דער וויץ געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אין דער צייט האָט דער פריזירער פאר־ענדיקט מיך אָפּצוראזירן, ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן פונם אָרט, האָט זיך דערהערט אַ שאַלנדיקער געלעכטער.

— פארוואָס לאכן זיי? — האָב איך זיך געטראכט.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דעם יונגן פריזירער האָט זיך פארגלוסט א וויץ טאָן פאר אלעמען, ווי אזוי איך וועל אויסזען מיט אַ באָרד. ער האָט אָפּגעראזירט נאָר ביי די זייטן און איבערגעלאָזן אן היפּש צען־טאָגיק בערדל מיט וואָנסן. און דאָס האָט ארויסגערופן ביי אלעמען אַ געלעכטער.

זייט נישט ברוגז — האָט זיך דער פריזירער פארענטפערט. אָט ראזיר איך אייך באלד אָפּ ביזן סוף.

איך בין געווען בייז אויף אים, פארוואָס ער האָט פון מיר חוזק געמאכט און אוועק צו זיך אין צימער אריין. דאָרט האָב איך אקוק געטאָן אין מיין טאשן־שפּיגעלע און... עס מיר דוקא געפעלן געוואָרן מיין יונג בערדל.

וואָס מער אַ טאָג איז עס געוואָרן גרעסער און שענער. איך האָב באַקומען אַ מער סאָלידן אויסזען.

— נישקשה, דאָ אין לאַגער קען מיר די באָרד צונוצקומען. צו מיינע פּופציק יאָר מעג איך זיך אַזוינס פאַרגינען. די באָרד וועט מיר העלפן צו באַקומען אינוואַלידשאַפט, צום אַקטירן קען זי אויך נישט שאַטן — האָב איך געטראַכט. צום פריזירער בין איך שוין מער נישט געגאַנגען און די באָרד מיינע איז געוואַקסן...

עזריאל מוטשניק האָט אויך געטראָגן אַ באָרד, כאָטש ער איז מיט אַ יאָר יונגער געווען פון מיר. צוליב זיין באָרד האָט מען אים גערופן „קאַרל מאַרקס". ער איז טאַקע גאָר ענלעך געווען צום שעפער פון דעם סאָציאַליזם נישט נאָר מיט דער באָרד, נאָר אויך מיט זיין וואוקס, אפילו מיטן בייכל און מיט די ראָזע בעקלעך, וואָס האָבן זיך קוים ארויסגעזען, צוליב דער באָרד. אפילו זיינע טיפע אויגן מיט די געדיכטע ברעמען זענען געווען ווי ביי מאַרקסן. ווי קומט אָבער דער גלגול פונם גרויסן פירער אין סאָוויעטישן לאַגער און פאַר וועלכע זינד? — אָט דאָס איז באמת טשעקאַווע צו וויסן:

ער זיצט שוין אין לאַגער פון 1951 יאָר, אינגיכן וועט ער האָבן אַ סטאַזש פון גאַנצע פיר יאָר. דאָס הייסט, אַ פינפטל פון זיין שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען. ער איז נישט פון די פּאָליטישע, ער איז פון די „ביטאָוויקעס" ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון פּאָליטיק, ער האָט מער געהאַלטן פון ווייבער.

— מיינע שונאים זאָלן פאַרמאָגן נאָר איין העמד און איין ווייב! — פלעגט ער זיך וויצלען. האָט ער טאַקע פאַרמאָגט אין זיין לעבן אַזש דריי ווייבער. די ערשטע האָט ער געהאַט פאַר דער גרויסער מלחמה אין קיעוו. אין אָנהויב פון דער מלחמה איז זי ערגעץ אַנטלאָפן מיט איר טעכטערל טיפער קיין רוסלאַנד, ווען האָט מען אים מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער ארמיי.

נאָך צוויי מאָל זיין פאַרוווּנדעט און דערצו שווער, האָט מען אים עזריאלן אריבערגעשיקט אין דער ארבעטס־ארמיי צו די אייזנבאַנער.

נישט וויסנדיק גאָרנישט וועגן זיין ווייב און טעכטערל, האָט ער זיך

דערווייל פארשריבן אין „זאַגס״, דאָס הייסט ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער און געהאַט מיט איר אַ זון. נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעפאָרן קיין קיעוו מיט אַ דריטער — אַן אלמנה מיט אַ זון, איבערלאָזנדיק די צווייטע ווייב מיטן זון ערגעץ אין אוזבעקיסטאַן.

קיין באַשטימטע פּראָפעסיע האָט ער נישט געהאַט, איז ער אוועק ארבעטן אין „פלאָדאָאָוואָשטש״ — א קאָאָפּעראטיוו־געשעפט, וואָס באזאָרגט מיט פרוכטן און גרינסן, מיט קאָנסערווירטע פּראָדוקטן און אויך מיט קראָכמאַל. דעם קראָכמאַל, וואָס איז אין יענע צייטן געווען איינע פון די דעפיציטע פּראָדוקטן, האָט מען ארויסבאקומען פון די פארפוילטע קארטאָפל, וואָס האָבן איבערגעווינטערט אונטער דער ערד. ס׳איז דעריבער פארשטענדלעך, אַז דער פּראָצענט קראָכמאַל, וואָס מען האָט ארויסבאקומען פון דעם שלעכטן רוי־שטאָף איז געווען אַ מינימאַלער.

עזריאל מוטשניק האָט געארבעט אין סקלאַד פונם קראָכמאַל. אָפּארבעטנדיק נאָר 5 חדשים, איז ער אוועק פון דער ארבעט, זעענדיק, אַז קיין גליקן ווארטן נישט אויף אים. די פארדינסטן זענען קליינע און די אפּאַר און צוואנציק יידן, וואָס האָבן באַדאַרפט לעבן מיט זייערע משפחות פון דעם געשעפט, זענען געווען פון די נעמערס, נישט פון די געבערס. זיין פאָטער איז אמאָל געווען אַן היטל־מאכער, איז ער אוועק ארבעטן אין אַן ארטעל פון קיעווער פּראָמקאָמבינאַט און האָט געארבעט ביי מאכן היטלען.

אין 1950 יאָר האָט געררישט אין קיעוו מיטן פּראָצעס, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרקומען איבער אַ פּאָר און צוואנציק יידן פון „פלאָדאָאָוואָטש״ פון פּאָדאָל. זיי האָט מען באשולדיקט אין ווירשאַפטלעכע מאכינאַציעס און קאָמבינאַציעס און, ווי געוועגלעך, איז דער שאָדן, וואָס זיי אלע צוזאמען זאָלן האָבן געבראַכט דער מלוכה, דערגאַנגען ביז דריי מילאָנען רובל.

אים, עזריאלן האָט דער אויספאָרשער אויך צוגעצויגן פאר אַן עדות קעגן די יידן, וועלכע מען האָט באַדאַרפט משפטן. ער איז געקומען. אַ ברירה האָט ער געהאַט? נאָר ער האָט קיין איין שלעכט וואָרט אויף קיינעם פון די יידן נישט געזאָגט. און וואָס האָט ער געהאַט צו זאָגן, ווען ער האָט סך הכול געארבעט צוריק מיט פינף יאָר נאָר אַ פּאָר חודשים. דער אויספאָר־שער האָט אים געדראָט און אויפגעפּאָדערט צו באַשטעטיקן די אונטער־

גערוקטע „פאַקטן". ער האָט אָבער זיך נישט געלאָזט אַריינצושלעפּן אין דער בלאָטע.

דערפאַר האָבן אָבער די אומגליקלעכע יידן געגלויבט דעם אויספאָרשער, אַז עזריאל מוטשניק האָט זיי פאַרשיט און אליין זיך מודה געווען אין פאַרברעכנס, וואָס ער זאָל האָבן באַגאַנגען מיט זיי צוזאַמען.

אַזוי אַרום איז געלונגען די אויספאָרשער אויפרייצן אייניקע פון די באַשולדיקטע יידן אויף מוטשניקן. זיי האָבן אים, צוליב נקמה, אויך אַריינגעשלעפּט אין קאָן אַריין, געקרויינט אים מיטן טיטול: „דער קאַסירער פון דער שוואַרצער קאַסע", זיי האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער פלעגט פאַר־קויפן קראָכמאַל אויפן „שוואַרצן מאַרק".

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען, האָט מען עזריאלן אין טאָג פונעם סענסאַציאָנעלן משפּט, כאָטש ער האָט, אַלס עדות, קיין איין שלעכט וואָרט אויף קיינעם נישט געזאָגט, אַרעסטירט אויפן אָרט און אויפן סמך פון די אומגעלומפּערטע מסירות פון אייניקע, וואָס האָב אפילו געפּרוווט זיך אָפּזאָגן פון זיי אויפן געריכט, איבערצייגנדיק זיך, אַז דער מענטש איז „גאָט די נשמה שולדיק", אַז זיי זענען פאַרפירט געוואָרן דורך די אויס־פאָרשער. ס'האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן. „וואָס ס'איז שוין אָנגעשריבן און אונטערגעשריבן מיט דער פען, קען מען נישט אויסהאַקן מיט קיין האַק". מען האָט באַרעכנט, אַז ער האָט בכיוון פאַרקלענערט די פּראָדוקציע פונעם קראָכמאַל אויף 80 פּראָצענט, אַזוי אַרום האָט ער פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק אַזש פיר טאָן קראָכמאַל אַ טאָג און געברענגט שאָדן דער מלוכה אַרום זיבן טויזנט רובל און איז פאַראַנטוואָרטלעך צוזאַמען מיט אַלע פאַר דער גלאָבאַלער סומע פון דריי מיליאָן רובל און ווייל ער איז זיך נישט מודה געווען אין די באַגאַנגענע פאַרברעכנס, איז זיין שטראָף געווען איינע פון די האַרבסטע — 20 יאָר אַרבעטס־לאַגער מיט קאָנפיסקירן זיין פאַרמעגן.

קיינע קאַסאַציעס האָבן נישט געהאָלפן. זיין ווייב האָט אפילו איבער־געגעבן אַן אַדוואָקאַט צו פירן זיין „דיעלאָ". צוויי מאָל האָבן שוין די העכערע אינסטאַנצן אָנערקענט דעם אורטייל פאַר ריכטיק. לויט דער אַמנעסטיע פונעם 29 מערץ 1953 יאָר, האָט מען זיין שטראָף באַדאַרפט

פאַרקלענערן אויף אַן העלפט, נאָר ווייל די גלאָבאַלע סומע באַטרעפט אַרום דריי מיליאָן רובל קען ער פון דער אַמנעסטיע נישט געניסן.

איצט ליידט ער אויף „אַנגינא פעקטאָריס", ער האָט שוין געהאַט אַ שווערן האַרץ־אַטאַק. דעריבער איז ער אין שפּיטאָל. עס איז אַ סברא, אַז אויך אים האָט די קאָמיסיע שוין אַקטירט, ווייל זיי האַלטן, אַז ער וועט סיי ווי לאַנג נישט אָנציען. זאָל ער שטאַרבן אין דער היים, נישט אין לאַגער. ער וואַרט אויף דעם געריכט פון אַרכאַנגעלסק, מען זאָל אים אָפּלאָזן אַהיים. אויב שטאַרבן — איז גלייכער אין דער היים, צווישן יידן און נישט באַגראָבן ווערן ערגעץ ווי אַ הונט מיט אַ צוגעבונדענעם נומער פון זיין „דיעלא" צו די פיס...

קראַנקע נשמות

דאָס לעבן פון די לאַגערניקעס אין שפּיטאָל איז גאָר אַנדערש פון דעם לעבן אין געוויינלעכע שפּיטעלער. דאָרטן זענען פאַראַן אומגליקלעכע קראַנקע, וואָס זייער קרענק האָט זיי אָפּגעריסן פון זייערע אייגענע און נאָענטע, זיי בענקען נאָך זיי און ווילן זיך וואָס גיכער אויסהיילן, כדי זיך אומצוקערן אַהיים, צו דער וואַרעמער, היימישער סביבה, צו דער אַרבעט. זייערע ליידן רופן אַרויס ביי אַלעמען מיטלייד. אַלע ווונטשן זיי: „ווערט וואָס שנעלער געזונט און קערט זיך אום אַהיים!" אַנדערש איז די לאַגע אין דער לאַגערנעם שפּיטאָל. די קראַנקע אַליין זענען צופרידן מיט זייערע קרענק. אדרבא, זאָלן זיי וואָס לענגער דויערן! זיי בענקען נישט נאָך די לאַגערן, פונוואַנען מען האָט זיי אַהער געבראַכט. קיין גוטס וואַרט זיי דאָרטן נישט, חוץ דער שווערער, קאַטאָרזשנער אַרבעט. דאָס ווערטל: „דער זעלנער שלאָפט און זיין מיליטער־דינסט גייט" איז אויך געזאָגט געוואָרן אויף די פאַרמשפּטע, וואָס געפונען זיך אין שפּיטאָל. דאָס עסן איז וויניקער אין דער מאָס, אָבער געשמאַקער. מען דאַרף קיין סך נישט עסן, ווען מען ליגט אין בעט.

אָט האָט מען די טעג געבראַכט אַ פרישע פּאַרטיע קראַנקע. פּירצן בחורים, ווי די ליכט, מיט צופרידענע, שמייכלדיקע פּנימער. זיי האָט מען געפירט אונטער אַ שטרענגער וואַך, אַלע אין געלע אונטערוועש, גלייך צו אונדז אין באַראַק אַריין פאַר אַלגעמיינע קרענק. דאָס האָט מען פאַר זיי אָפּגע־רייניקט דעם לעצטן גרויסן צימער אין סאַמע סוף פונעם קאָרידאָר. אַלע פּירצן בחורים, אין עלטער פון 17 ביז 30 יאָר האָט מען אַהין אַריינגעפירט. ביי דער טיר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ באַוואָפנטן וועכטער, דריי אַזעלכע וועכטער פלעגן זיך בייטן במשך פון מעת לעת. אויף די דריי פענצטער האָט מען נאָך פאַר זייער אָנקומען אַרויפגעקלאַפּט אײַזערנע שטאַנגען, ווי אין אַ טורמע. פאַר זיי איז געמאַכט געוואָרן אַ באַזונדערער בית השימוש אין דרויסן און יעדערער פון זיי איז געגאַנגען אַהין אונטער דער באַגלייטונג פונעם וועכטער.

די אויסטערלישע לאַגע פון די נייע קראַנקע האָט ביי אונדז אַלעמען אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. סטייטש, למאַי קומט זיי אַזוינס? ווי קען מען אַזוי מערדעריש זיך באַציען צו קראַנקע?

אינגיכן האָבן מיר זיך דערוווּסט אָט וואָס: אָט די אַלע פּירצן קראַנקע זענען קראַנק אויף אַ ווענערישער קרענק, און אויף וועלכער קרענק — אויף סיפיליס.

דער נאָמען פון דער געפערלעכער קרענק פלעגט אַמאָל ביי מיר אַרויסרופן אַ ציטער. עס איז ביי מיר געווען פאַרבונדן מיט אָפּגעפוילטע נעז, מיט אַ פּנים אַ צעהאַקטן מיט ווונדן, מיט אָפּשטאַרבנדיקע איברים און מיט אַן אומפאַרמיידלעכן טויט... ווי אַזוי קענען זיי נאָך לאַכן? ווי אַזוי קענען זיי זונגען, אַז זייערע געזאַנגען זאָלן זיך צעגיסן גאָר ווייט. און ווי אַזוי האָבן געקענט מענער און פון די לאַגערן קראַנק ווערן אויף אַזאַ מיאוסער קרענק?

דער יונגער ליטווינער, דער דאָקטאָר פון אונדזער פּאַלאַטע, האָט אונדז שפּעטער אויפגעקלערט די אויבנדערמאָנטע פראַגן.

— אַ דאַנק דער נייער מעדיצין איז סיפיליס גאָר נישט קיין געפערלעכע קרענק: זי איז אויסהיילבאַר, פופצן טעג דורכאַנאַנד וועלן די קראַנקע באַקומען איינשטעכונגען און דאַן וועט מען זיי שוין אַרויסלאָזן פון דער איזאָלאַציע, ווייל זייער קרענק איז שוין נישט אָנשטעקנד, די צווייטע

פופצן איינשטעכונגען וועלן זיי באַקומען — און שוין. מען וועט זיי שוין אומקערן אין לאַגער צו דער אַרבעט. אין אַ געוויסער צייט אַרום וועט מען זיי נאָכאַמאָל ברענגען אַהער און דאַן וועלן זיי אינגאַנצן אויסגעהיילט ווערן...

— דער צייַן־דאָקטאָר אַלעקסאַנדער ניעטשיפּאָרוק, ביי וועלכן איך האָב געראַמט זיין צייַן־קאַבינעט יעדן פרימאָרגן פרייוויליק, כדי ער זאָל מיר וואָס שנעלער אויספּארטיקן מיין צייַן־פּראָטעז, האָט מיר אויך געגעבן אַ תשובה אויף אַנדערע פראַגן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די סיפיליטיקער. די צוויי יונגסטע פון זיי, דער דאַרינקער, וואָס איז נאָך קיין גאַנצע 18 יאָר נישט אַלט און דער צווייטער דער גראָבעטשקער, פעטער קאַזאַכישער בחור — זיי זענען די „זעקסער" פון די אַלע צוועלף בחורים. זיי האָבן אין לאַגער באַדינט אַלע. זיי זענען ביי זיי אַנשטאָט דינסטן און אויך אַנשטאָט פרויען... זיי זענען, צי זיי ווילן, צי נישט — זייערע „פּיפּלס".

איינער פון זיי, דער עלטערער פון אַלע, וואָס איז שוין אָפּגעזעסן כמעט צוויי דריטל פון זיין שטראָף, פלעגט שוין גיין צו דער אַרבעט איינער אַליין מיט אַ „פּראָפּוסק". נו, האָט ער גייענדיק פאַרבלאָנדזשעט צו איינער פון „יענע פרויען". פון איר האָט ער געבראַכט אין לאַגער אַריין די קרענק. ער האָט אָנגעשטעקט איינעם פון די „פּיפּלס" דעם גראָבעטשקן קאַזאַך און פון אים האָט זיך די קרענק פאַרשפרייט צווישן אַלע פון זייער צימער. זיי אַרט עס גאָרנישט. די קרענק גיט זיי אַ מעגלעכקייט אַ „לעב צו טאָן" במשך פון אַ חודש. זיי דאַרפן נישט גיין צו דער אַרבעט, זיי קענען שפּילן גאַנצע טעג אין קאָרטן פון זייער אייגענער פּראָדוקציע. די „זעקסער" באַדינען זיי אויך דאָ, ברענגען זיי אַריין דאָס עסן. און די צווייטע פופצן טעג זענען זיי גאָר פרייע פויגלען. זיי פּראַווען קאָנצערטן, צווישן זיי זענען פאַראַן טאַלאַנטפולע מענטשן. איינער פון זיי „מישאַ דער ציגיינער" צעשיידט זיך נישט מיט זיין גיטאַרע. זיינע ראָמאַנסן מעג מען הערן. פאַר דער חברה איז דער שפּיטאָל אַ רו־אָרט, אַ פאַרווייַלונג. דאָס לעבן זייערס איז סיי ווי הפקר. און צרות רבים — חצי נחמה.

די טעג האָט מען געבראַכט אין דער פּאַלאַטע פון דער דאָקטאָרין מיראַ איסאַקאָוונא אַ יונגן בחור פון אַ 24 יאָר, אַ געפּערלעך קראַנקן. ער האָט

שוין נישט געקענט גיין אויף זיינע אייגענע פיס. מען האָט אים אַריינגעלייגט צווישן די קראַנקע, וואָס ליידן אויפן האַרצן. דאָס האַרץ איז ביי אים אַ סך ברייטער, ווי געווענלעך. ער האָט געאָטעמט מיט זויער־שטאָף. אָפט פלעגט מען אים ארויסטראָגן מיט זיין בעט אין דרויסן, ס׳זאָל אים זיין לייכטער צו אָטעמען. דורכשפּאַצירנדיק האָב איך אים באַטראַכט: אַן אַטלעטישער געבוי פונעם קערפּער, אַ בלאָנדער מיט יונגע בלויע אויגן, אַזוי ענלעכע צום קאָליר פונעם הימל, אויף וועלכן ער האָט אַרויפגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט הילף פון דאָרטן. עטלעכע מעת לעתן דורכאַנאַנד איז די דאָקטאָרין מירא נישט אָפּגעטרעטן פון אים און געטאָן אַלץ, כדי אים צו ראַטעווען. אויפן פינפטן טאָג איז ער געשטאָרבן. אין „טויטן־חדר״ האָבן אַלע דאָקטוירים אים געפּלמסט, אַרויסגענומען זיין האַרץ און געשטור־דירט די סיבה פון זיין שנעלן טויט. שפּעטער האָט מען אונדז אַריינגעלאָזט אין „טויטן־חדר״. די דאָקטאָרין מירא האָט מיט ווייטיק דערציילט, אַז דער אומגליק פון דעם בחור, וואָס האָט געקענט לעבן נאָך לאַנגע יאָרן, איז געקומען פונעם טרינקען „טשעפּיר״, דאָס איז אַ שוואַרצער געטראַנק פון אויפגעקאָכטער טיי, אַ גאַנץ פּעקל טיי אויף אַ הונדערט גראַם וואַסער, וואָס ווירקט ווי אַ נאַרקאָז, ווי אַ סם, וואָס צעשפּרייט דאָס האַרץ. נישט איינמאָל פלעג איך זען ווי די „זאַקאָניקעס״ פּראַוועןן די צערעמאָניע פון טרינקען דעם „טשעפּיר״. פיר פּאַרשוין שטייען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן מיט ערנסטע פּנימער. אין דער מיט שטייט אַ גלעזערנע באַנקע מיט דער שוואַרצער פליסיקייט. לויט דער ריי גיט יעדערער אַ זשלאָקע און שטעלט צוריק אַוועק די באַנקע. נאָך אים קומט אַ צווייטער און אַ דריטער... די אויגן גלאַנצן ביי זיי, ווי זיי וואָלטן געווען באַגאָסן מיט אַ גלאַנציקער פליסיקייט. די טעטיקייט פון מוח דרימלט איין. זיי דערזען אויסטערלישע האַלוצינאַציעס, וואָס לאָזן זיי פאַרגעסן אין אַלץ, די וואָר איז בלאָס און נישטיק אַנטקעגן דעם רייצנדיקן און פּרעכטיקן חלום, וואָס זיי זעען... — אַזוי זאָגן זיי. אפילו דער טויט פון זייער יונגן חבר שרעקט זיי נישט אָפּ, און זיי פירן אויס ווייטער זייער לעבנס־געפערלעכע פּראַקטיק...

יואל פערעל

דער יונגער לונגן־קראַנקער

די דאָקטוירים אין דעם לאַגערנעם שפּיטאָל זענען געווען פון צוויי סאָרטן: די, וואָס זענען אַליין געווען פאַרמשפּטע און אָפּגעקומען זייער שטראָף, אַרבעטנדיק אַלס דאָקטוירים, אָדער די, וואָס האָבן שוין אָפּגעקומען זייער שטראָף און זיי זענען געווען געצווונגען צו בלייבן ווייטער אַרבעטן אין לאַגער — זיי האָבן פאַרשטאַנען די פּסיכיק פונעם קראַנקן, זיי האָבן אים מיטגעפילט און ווי ווייט מעגלעך אים געהאָלפן. דער קראַנקער וויל עס זאָלן אין זיין „געזונט־קאַרטע" פאַרצייכנט ווערן אַלע זיינע קרענק. פאַרוואָס טאַקע נישט? עס פעלן אים נישט קיין קרענק, נאָכדעם ווי ער איז איבער־געקומען די שבעה מדורי־גהנום אין דער אויספאָרשונג, דערנאָך אין די טורמעס, שפּעטער אין די פאַרשידענע לאַגערן. די צוואַנג־אַרבעט, די שווערע עקאָנאָמישע און שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען, די בענקשאַפט נאָך דער פאַמיליע, נאָך דער פרוי און קינדער — דאָס אַלץ איז מסוגל מאַכן דעם מענטשן קראַנקער, נישט געזונטער. היינט די מאָראַלישע ליידן, וואָס מערסטנס פון זיי טראָגן איבער, ווייסנדיק, אַז לגבי זיי איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה — דאָס אַלץ ווירקט אויף זייער פּסיכיק. מיט אַלע מיטלען קעמפן זיי פאַר זייער קיום, פאַרן אויסדויער און פאַר דער באַפרייאונג אויך אין די באַדינגונגען פון שפּיטאָל.

דער צווייטער מין דאָקטוירים זענען די גאַסטראָליאָרן, די דאָקטוירים פון דער צענטראַלער אָפּטיילונג אין פּיעטשאָרע: דער כירורג, וואָס קומט נאָר אַדורכצופירן אָפּעראַציעס, אָדער דער אויגן־דאָקטאָר — זיי גייען די קראַנקע נישט אָן. אפילו די פאַרוואַלטערין פונעם שפּיטאָל, די געזונטע, יונגע קאַזאַכקע, וואָס האָט בשעת דער מלחמה געאַרבעט אין די פראָנט־שפּיטעלער, אויך אויף איר זאָגט מען, אַז זי איז נישט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ פעלדשערין, וואָס האָט בשעת דער מלחמה אַדורכגעמאַכט אַ מעדיצינישן קורס. דערפאַר פאַרמאָגט זי אַ רויט פאַרטיי־ביכל מיט אַן אָרדן „דער רויטער שטערן". איר, זאָגט מען, אינטערעסירן מער שיינע, יונגע בחורים. זי גייט אַריין אין דער קאָמיסיע, וואָס אַקטירט די אומאויסהיילבאַרע קראַנקע, וואָס דאַרפן באַפרייט ווערן פונעם לאַגער.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין דער אָפּטיילונג פון די לונגען־קראַנקע ליגט אַ יידישער יונגער בחור, ער אָטעמט נאָר מיט איין לונג, קוים, קוים וואָס ער זשיפּעט און זי, די קאַזאַכין, דערלאָזט נישט מען זאָל אים אָקטירן. זי איז ברוגז אויף אים, הלמאי ער האָט זי בשעת אַ קאָנסיליום אָנגערופן „סוקאַ". צווישן זיי ביידע, זאָגט מען, קומט פאַר אַ שטילער און אַ נישט גלייכער קאַמף.

— איך וועל זי, די סוקע, מיטשלעפּן אין קבר אַריין! זאָגט דער הילפלאָזער בחור. אויף איר ווידער, האָט מען געזאָגט, אַז זי היט זיך פאַר אים, גייט נישט אַריין אין דער פּאַלאַטע פאַר לונגען־קראַנקע און זי איז אפילו גרייט אַ ווונק צו טאָן צו איינעם פון אירע יונגע פאַרהערער, מען זאָל אים שטילערהייט „פּריקאָנטשען".

אין איינעם פון די פאַרנאַכטן האָב איך געשפּילט אויף מיין כשוף־פייפל ביי דער פּאַלאַטע פון די לונגען־קראַנקע. צווישן אַלע מיינע צוהערער האָב איך אויך דערזען דעם יונגן יידישן בחור דורכן אָפענעם פענצטער. ווען איך האָב געענדיקט מיין שפּיל, האָט ער מיך געבעטן צוגיין נעענטער צום פענצטער.

איך האָב פאַר זיך דערזען אַ יונג פּנים מיט אַן אַלטן אויסזען. אַ בלאַס, אָנבלוטיק געזיכט, טיף־איינגעגראָבענע אויגן און העכער פונעם שטערן אַ טיפער שראַם אין קאָפּ. ער האָט געאָטעמט האַסטיק און אָפּט זיך צעהוסט.

— אַ דאַנק אייך, מאַרקאָוויטש, פאַרן שפּילן. — האָט ער שנעל אַרויסגעזאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך נישט צעהוסטן אין דער מיט.

ער האָט מיך געבעטן איך זאָל פאַר אים אָנשרייבן אין געזונטהייטס־מיניסטעריום אַן אָנקלאַגע, הלמאי מען אַקטירט אים נישט.

איך האָב אים צוגעזאָגט צו שרייבן, נאָר איידער איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן, האָב איך זיך דערוווסט איינצלהייטן וועגן אים. במשך פון עטלעכע טעג פלעג איך צוקומען צום פענצטער און ער האָט מיט גרויס מי און מאַטערניש מיר איבערגעגעבן פּרטים וועגן זיך:

ער הייסט נאַטאַן בעריאָזאַ, שטאַמט פון אוקראַינע, פון זשיטאָמיר. ער איז נאָך קיין גאַנצע 25 יאָר נישט אַלט. ער האָט אַ מאַמע מיט אַ שוועסטער אין זשיטאָמיר. דער טאַטע זיינער איז אומגעקומען אויף די פראָנטן. די

מאַמע מיט דער שוועסטער זענען אַנטלאָפן טיפער קיין רוסלאַנד און לעבן געבליבן. ווען ער איז אַלט געוואָרן 17 יאָר איז ער אַוועק פרייוויליק אין דער רויטער אַרמיי. אויך אים האָט וולאַסאָוו איבערגעגעבן צוזאַמען מיט גאַנצע פּאָלקן צו די דייטשן. די יידישע געפאַנגענע האָט מען כמעט אַלע דערשאָסן, אים האָט מען נישט דערקענט פאַר אַ יידן. דורך הונגער און פּיין האָט מען אים צוזאַמען מיט אַנדערע יונגע בחורים געצוווּנגען זיך צו לערנען אַלס דעסאַנטניקעס. איינער פון זיינע לערער איז געווען אַ געפאַנגענער סאָוויעטישער אָפיציר. ער לעבט און איז אין וויטשעגאָדסקער לאַגער, איוואַן קאַליסטראַטאָוויטש רופט מען אים. ער האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון פינף „דעסאַנטניקעס", וואָס זענען צוזאַמען אַנטלאָפן צו די פּוילישע פּאַרטי־זאַנער. מיט זיי צוזאַמען האָבן זיי געקעמפט קעגן די פאַשיסטן. ווען די רויטע אַרמיי האָט געטריבן די פאַשיסטן אין זייער נאָרע אַריין, איז ער אַריבער אין דער רויטער אַרמיי, געווען שווער פאַרוווּנדעט, נאָר לעבן געבליבן. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים צו זיין מוטער. ער איז אָבער לאַנג נישט געווען אויף דער פריי. כאָטש ער האָט אַליין דערציילט אין מ. ג. ב. וועגן אַלץ, וואָס איז מיט אים געשען אין דייטשלאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן שוין זיין אַנקעטע פון דער דייטשער דעסאַנטן־שול. נאָר ווייל ער האָט אַליין וועגן דעם געמאָלדן, האָט אים דער מיליטערישער טריבונאַל פאַרמשפט נאָר אויף 10 יאָר אויסבעסערונג־אַרבעטס לאַגער.

נאָך 8 יאָר אָפּזיין אין די לאַגערן איז ער שוין אינגאַנצן חרוב. ער אָטעמט נאָר מיט איין לונג. ער וויל שטאַרק זיך זען מיט זיין מוטער איידער ער גייט פון דער וועלט. די קאַזאַכישע דאָקטאָרין, די פאַרוואַלטערין, דער־לאָזט נישט מען זאָל אים אַקטירן. דעריבער בעט ער מיך אַנצושרייבן וועגן דעם אין געזונטהייטס־מיניסטעריום און שיקן אַ קאָפּיע אין דער צענטראַלע פון די לאַגערן אין פּיעטשאָרע.

די טראַגעדיע פון דעם אומגליקלעכן בחור האָט מיך גערירט. איך בין אַוועק אין מיין פּאַלאַטע און צוגעטרעטן שרייבן זיין אַנקלאַגע. איך האָב געשריבן מיט האַרץ, באַשריבן זיין גאַנצע געשיכטע פון זיין קורצן לעבנס־

וועג און געבעטן געבן אים אַ מעגלעכקייט פאַרן טויט זיך צו זען מיט זיין מוטער.

ווען איך האָב פאַר אים אויפן צווייטן טאָג איבערגעלייענט די אָנקלאַגע, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט און זיך אַזוי שטאַרק צעהוסט, אַז מען האָט אים געמוזט מונטערן מיט אַ קישעלע זויער־שטאָף. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט און זיינע טרוקענע ליפּן האָבן געזויגן דעם זויער־שטאָף פונעם קישעלע, ווי אַ קינד פון זיין מוטערס ברוסט.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס'איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל אַריין אַ טעלעגראַמע, מען זאָל אים באַפרייען פונעם לאַגער. אין זייער אַ שווערן צושטאַנד האָט אים אַ ספּעציעל געדונגענע קראַנקן־שוועסטער געפירט אַהיים צו זיין מוטער. צי זי האָט אים דערפירט אַ לעבעדיקן — ווייס איך נישט.

דער אויסטערלישער קאָנצערט

במשך פון די פופצן טעג, וואָס די „סיפּיליטיקער" זענען געווען איזאָלירט אין דער לינקער טייל פון אונדזער פּאַלאַטע, האָבן מיר קיין רו בייטאָג נישט געהאַט. דער אויפזעער, וואָס איז געשטאַנען ביי זייער טיר פלעגט זיי אָפט אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דאָ איז אַ שפּיטאָל, נישט קיין טעאַטער און באַפוילן זיך אויפפירן רואיקער, ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט אויפטאָן. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו זונגען און צו שפּילן. דאָס האָבן זיי זיך געגרייט צום קאָנצערט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען גלייך ווי זייערע „איזאָלאַציע־טעג" וועלן זיך ענדיקן. און אָט זענען אַריבער די פופצן טעג. די פאַרשפּאַר־טע האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין דרויסן, ווי די לייבן אין צירק פון דער פאַרמאַכטער שטייג. די אייגציקע, וואָס זענען אַרויס די לעצטע, זענען געווען די אומגליקלעכע „זעקסער", וואָס זענען געגאַנגען מיט צעקראַטשעטע פיס, מיט דערשלאָגענע געמיטער און אומעטיקע אויגן. חוץ די איינשטעכונגען האָט מען זיי געהיילט די אָנגעוויטיקטע אונטנס. זיי האָבן געליטן פון

ווייטיק און פון דעם אָפּחוזקן און אויסנוצן זיי מצד זייערע „באַלעבאַטים״, וואָס זיי האָבן געמוזט זיי באַראָמען און אַריינטראָגן דאָס עסן דריי מאָל אין טאָג. אָממערסטנס האָב איך רחמנות געהאַט אויפֿן יונגן דאַריטשקן בחורל, וואָס דער גורל זיינער האָט אים אַזוי אומבררחמנותדיק באַוואָלט, ווען ער איז נאָך קיין גאַנצע 18 יאָר נישט אַלט געווען.

דער ערשטער קאָנצערט פֿון דער חברה האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען פֿאַרנאַכט אויפֿן פרייעם פּלאַץ, נישט ווייט פֿון אונדזער פּאַלאַטע. קיין אָפּישן האָט מען נישט באַדאַרפֿט, בליץ שנעל האָט זיך די ידיעה וועגן קאָנצערט פֿאַרשפּרייט איבער אַלע פּאַלאַטעס און די קראַנקע, וואָס האָבן נאָר געקענט טרעטן מיט די אייגענע פֿיס, אַפֿילו מיט דער מיטהילף פֿון זייערע חברים, האָבן זיך געגרייט צו דער אימפּרעזע. נאָר צוויי אָנטיילנעמער, נישט פֿון זייעריקע, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿאַרבעטן אָנטייל צונעמען אין זייער קאָנצערט: איינעם אַ יונגן בחור פֿון אַ יאָר 20 פֿון די „ביטאָוויקעס״, וואָס האָט באַדאַרפֿט זינגען סאָוויעטישע לידער און מיך מיט מיין כשוף־פֿייפֿעלע. איך האָב קיין חשק נישט געהאַט אָנטיילצונעמען אין דעם קאָנצערט, נאָר איך האָב נישט געוואָגט זיי אָפּצוזאָגן.

אַ פֿיבערהאַפֿטע שטימונג האָט געהערשט דעם טאָג אין לאַגערנעם שפּיטאָל. כאָטש רב משה דער אַטאַמאַן מיט זיין חברה „זאַקאָניקעס״ האָבן גענומען אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער אָרדנונג, דאָך איז, ווייזט אויס, די אַדמיניסטראַציע פֿונעם שפּיטאָל און די דאָקטוירים נישט געווען פֿולקאָם רואיק. ווער קען וויסן, מיט וואָס די ברוּיזנדיקע געמיטער קענען אַרויסשפּרונגען? פֿאַרווערן האָט די קאַזאַכקע, די הויפּט־דאָקטאָרין נישט געקענט, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט אַרויסרופֿן אַ בונט, אָמווייניקסטנס אַן אומצופֿרידנהייט פֿון די קראַנקע.

פֿאַרנאַכטצו האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען מאַסן קראַנקע צום קאָנצערט־פּלאַץ. די שטאַרקערע האָבן געפֿירט אונטער די אָרעמס די שוואַכערע. אייניקע האָבן מיטגעטראָגן פֿאַר זיך שטולן און בענקלעך צום זיצן. כמעט אַלע זענען געווען אין די אונטערוועש, די אַרטיסטן זענען געווען אין פּאַלאַטע ביי זיך און געוואַרט אויפֿן סיגנאַל אָנצוהויבן. מערסטנס פֿונעם עולם זענען געזעסן אויף די קלאַדקעס אָדער אויפֿן גראָז. אַ געמיש פֿון

הילכיקע געלעכטערס און ווייטיקלעכע „אוי"ן האָבן זיך דערטראָגן פון אַלע זייטן. דורך דעם הויכן שטעכלדיקן פּאַרקן האָבן אַריינגעקוקט יאַטן פון אַרום, ווייזט אויס, קינדער פון די אָנגעשטעלטע און וועכטערס. אויך די וועכטערס אויף די „ווישקעס" זענען היינט אָנגעשטרענגט געווען, זיי האָבן דעזשורירט צו צוויי. די דאָקטוירים זענען געזעסן אַלע ביי דער קאַזאַכקע אין קאַבינעט, אָנגעטאָן אין ווייסע כאַלאַטן. זיי זענען מאָביליזירט און גרייט עפּעס אויפצוטאָן, טאָמער טרעפט זיך עפּעס. איינער באַרואיקט דעם צווייטן. דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן.

ש... שאַ... דערטראָגט זיך פון אַלע זייטן.

עס לויפט אַרויס דער קאָנפערענס. אַ יונגער בלאָנדער בחור מיט בלויע אויגן, קיין העמד טראָגט ער נישט. זיין לייב איז קלאָר, כמעט נישט באַוואָקסן, די מוסקולעס שטייפע, אויף דער ברוסט א טאַטויראָווקע פון אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל, ווי ער וואָלט זיך אַ ריס געטאָן אין דער לופטן מיט אַן האַסטיקן הויב. די אויגן ביים בחור שמייכלען, ער איז זיכער אין זיין שיינקייט און דערפאַלג.

ער באַגרוסט דעם עולם און דאַנקט פאַרן קומען אויפן קאָנצערט און דרוקט אויס די האָפנונג, אַז דער קאָנצערט וועט אַלעמען געפעלן, ווייל ער וועט זיין פריילעך, פעפערדיק און צוגעזאַלצן. עס וועלן געוויזן ווערן סצענקעס, מוזיק און טענץ, אפילו זאָגט ער, דער „שיינער מין" וועט אויך נישט פעלן... עס שפּילט מישע דער ציגיינער אויף זיין גיטאַרע, ער שפּילט און זינגט זיך צו געמיטלעך ציגיינערישע ראָמאַנסן. קיין שיין קול האָט ער נישט, נאָר ער זינגט האַרציק, פּשוט מיט דייטלעכע ווערטער, זיין אַקאָמפּאַניעמענט איז א סך שענער פונעם געזאַנג. די זיבן סטרונעס רעדן פאַר אים.

ער קוקט אַראָפּ אויף די סטרונעס און ווי ער וואָלט גערעדט צו זיי:

אַ ווייב האָב איך געהאַט,\
זי האָט מיך פאַראַטן.\
נישט איינמאָל, נישט צען —\
אַ רוח אין איר טאַטן...\
עד, אַ מאָל, און נאָך אַמאָל...

דער עולם אַפּלאָדירט מיט אַ פּאַטשעריי און געשריי. ביס... ביס... האָבן זיך דערהערט געשרייען.

ער האָט געזונגען ווייטער:

עך, אַנטאָשקע, שנייד, גאַרמאָשקע...
שטאַרק, שטאַרק, שטאַרק...

נאָך אים האָט איינער אַ געלער מיט רויטע ליפּן און אַ רויטער נאָז און ברייטע קאָלירטע הויזן געטאַנצט אַ קאָמישן טאַנץ. ער האָט געקרומט דאָס פּנים און געדרייט די גאַנצע פיגור ווי אַ שרויף.

איך האָב געשפּילט דערביי אויפן פייפל די אוקראַינישע מעלאָדיע:

„או סוסידא כאַטאַ בילא״... אין אַ שנעלן טעמפּ.

דערנאָך האָב איך אויפגעשפּילט אַ פּאָפּורי פון אוקראַינישע מעלאָדיעס. אייניקע לידער האָב איך געשפּילט צוזאַמען מיט מישען דעם ציגיינער. דאָס הייסט, ער האָט אונטערגעהאַלטן מיין סאָלאָ שפּילן מיט זיין אַקאָמפּאַניעמענט.

דער יונגער בחור פון די ביטאָוויקעס האָט געזונגען מיט אַ ריינער טענאָר־שטימע סאָוועטישע לידער: „דער שטיין פון סעוואַסטאָפּאָל״; סאָלאָוויאָוו—סעדאָיס לידער: „זאַקוריל בי, טשטאָ לי״... און אַנדערע. די סצענקע איז געווען פון אַ מציל ביים טייך, וואָס קלינגט אין טעלעפאָן און וואַרט אויף אַ באַפעל צו ראַטעווען דעם, וואָס טרונקט זיך... ביז ער באַקומט אַן ענטפער איז שוין יענער אַרונטער אונטערן וואַסער... דער געלער האָט ביים סוף געטאַנצט אַן אַפּאַשן־טאַנץ מיט נאָך איינעם, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קלייד פון אַ פרוי. דער עיקר די ברוסטן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט צום טאַקט פון דער מוזיק.

דער קאָנצערט האָט געמאַכט אַ רושם. אפילו ביי די האַרץ־ליידנדיקע און לונגן־קראַנקע מיט די בלאַסע פּנימער, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן האָט ער אַרויסגערופן מאָמענטנווייז אַ שיין פון אַ שמייכל...

אַ פאַרדרוסלעכער פאַרפאַל איז געשען ביים סוף פונעם קאָנצערט. איינער, וועמען כ׳האָב געהאַלטן פאַר אַ פּסיכיש־קראַנקן האָט אַרויסגעכאַפּט פון מיין האַנט מיין פייפל און אַנטלאָפן. איך בין אים נאָכגעלאָפן, נאָר נישט געקענט דעריאָגן. פאַרקערט, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוויזן מיר, אַז ער וועט

וואונדעטער, אַן האַלב פאַרשיטער מיט דער פאַרבלוטיקטער ערד. די דייטשן האָבן אים געפונען. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אין שפּיטאָל. פון די שמועסן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו הערן פון אַנדערע קראַנקע, פון די רוסישע געפאַנגענע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיי וואַרט אַ פּיינלעכער טויט אין די קרעמאַטאָריומס, אָדער בלייבן לעבן אַלס פאַררעטער אין וולאַסאָווס אַרמיי. מיט אים צוזאַמען איז אויך געלעגן דער יידישער יונגער בחור.

— בעסער דער טויט, איידער צו ווערן אַ פאַררעטער — האָט וואַסיע געטענעט.

— בעסער בלייבן לעבן, אויסדויערן און דערלעבן דעם נצחון — האָט קאַליסטראַטאָוויטש אים געלערנט.

ביידע זענען אַריין אין דעסאַנטן־שול און צוזאַמען מיט אנדערע יונגע יאַטן, סאָוויעטישע געפאַנגענע, האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין דער חרובער שטאָט וואַרשע.

ער קאַליסטראַטאָוויטש איז געוואָרן דער לערער פון טאָפּאָגראַפיע און בכלל אַן אויפזעער איבער די דעסאַנטניקעס.

אין דער אַנוועזנהייט פון די דייטשע באַלעבאַטים איז ער געווען גאָר שטרענג, אפילו איבער דער מאָס, צו זיינע תלמידים, וואַסיען איז געלונגען צו שאַפן אַ גרופּע פון פינף דעסאַנטניקעס, מיט זיי איז קאַליסטראַטאָוויטש געווען „וואַס־וואַס" ווען זיי זענען געווען ווייט פון אנדערע און שטרענגער ווי צו אַלעמען, אין דער אַנוועזנהייט פון די דייטשן. וואַסיע האָט געציטערט מער פון אַלע, מען זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז ער איז אַ ייד.

— אין איינעם פון די זונטיקן האָב איך מיט מיינע פינף יאַטן, ביי דער באַגלייטונג פון אַן ס.ס.ניק אַ שומר געשפּאַצירט פון מאַרימאָנט דורך מיאָדאָווע גאַס. דערווייל האָט ער דער דייטש זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ גאַסן־פרוי און מיר זענען געגאַנגען ביזן קאָשציאַל אויף קראָקאָווער פאָר־שטאָט. מיר זענען, ווי געוועגלעך, געווען אין די דייטשע מונדירן. ווען מיר זענען אַריין אין קאָשציאָל, האָבן אַלע געקניעט, דאָך האָבן מיר דערזען ווי אַ יונגער יאַט פאַרשפּרייט „ליסטאָווקעס" צווישן עולם. מיר זענען אַרויס צוריק, כדי זיי נישט צו שטערן. דאָך איז זיך דער עולם אַ דער־שראָקענער צעגאַנגען שנעל אין אַלע זייטן.

אונדזער פּאַלאַטע. ער האָט אים געגעבן דריי פּאַפּיראָסן צו רויכערן דערפאַר און ער איז שטאַרק זשעדנע נאָך אַ פּאַפּיראָס. איך האָב אים מוחל געווען.

נאָך אים איז צוגעקומען צו מיר דער, וואָס האָט אים צוגערעדט דאָס צו טאָן. אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר 40 מיט שוואַרצע קורצע וואָנסעלעך און כיטרע שוואַרצע אויגן.

— נו, זייט נישט בייז, מאַרקאָוויטש, האָט ער גוטברודעריש זיך געבעטן. מיר האָבן געמאַכט אַ שפּאַס. באַליידיקן האָב איך אייך נישט געוואָלט — מיר זענען דאָך ברידער.

איך האָב אַ שאַרפן בליק געטאָן אויף אים. איך האָב געוואָלט פאַרשטיין, וואָס מיינט ער דערמיט צו זאָגן.

— מיר זענען דאָך ביידע יידן, — האָט ער צוגעגעבן. אמת, איך בין אַ „גאָרסקי־יעווריי”, אַ באַרג־ייד פון מאַכאַטש־קאַלאַ און איר זענט אַ רוסישער ייד.

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב אויך אים מוחל געווען. דערביי האָב איך זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן מערער וועגן דעם נייעם יידן, דעם באַרג־ייד. אויסגעזען האָט ער ווי אַ גרוזין, גערעדט אַ פּליסיקן רוסיש מיט אַן אַזער־ביידזשאַנער אַקצענט.

— צי זענען אין מאַכאַטש־קאַלאַ פאַראַן אַ סך באַרג־יידן, — האָב איך אים געפרעגט.

— פאַראַן, אָבער נישט קיין סך. די שפּראַך איז אַזערביידזשאַניש, אייניקע רעדן גרוזיניש, נאָר אין יידישן גאָט גלויבן מיר און מיר דאַווענען צו אים.

דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן עפּעס פונעם דאַווענען „ברוך אתה ה׳...” איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט, נאָר עס האָט זיך ביי אים אַרויסבאַקומען אַנדערש, נישט בנוסח אשכנז און נישט ספרדיש. די יידן וווינען אין קאַוו־קאַזער געגנט שוין טויזנטער יאָרן. זיי היטן אָפּ יידישע מנהגים, האָבן זייערע „חכמים”, ברית־מילה פירן זיי אַדורך און היטן אָפּ דעם שבת, אפילו אין די סאָוויעטישע צייטן. ער אַליין האָט צוויי ווייבער, מיט יעדערער פון זיי האָט ער 2 קינדער. זיי וווינען אין איין דירה אין צוויי צימערן. צווישן זיך לעבן זיי בשלום. ביידע אַרבעטן זיי אין דערווירטשאַפט פון אינדערפרי

ביז שפּעט ביינאַכט. דעם מאַן זענען זיי געטריי. ווען ער קומט פון דער אַרבעט וואַשן זיי אים די פיס, באַזאָרגן אים מיט די בעסטע מאַכלים.

פריער איז ער געווען אַ גאַסן־פאַרקויפער פון גאַלאַנטעריע־סחורות, אין די סאָוויעטישע צייטן איז ער געוואָרן אַ פאַרקויפער אין אַ מלוכה־מאַגאַזין, שפּעטער אפילו אַ פאַרוואַלטער פון אַ מאַגאַזין. פון די 400 רובל אַ חודש האָט ער נישט געקענט אַדורכלעבן מיט זיינע ווייבער און קינדער, נו, האָט ער זיך געזוכט זייטיקע פּאַרדינסטן. די בעסערע און גאַנגבאַרע סחורות האָט ער פאַרקויפט נאָר היימישע מענטשן פאַר אַן העכערן פּרייז. אין דעם צענטראַלן סקלאַד פלעגט ער באַקומען מער בעסערע סחורות פון אַנדערע, ווייל די ארויסגעבער זענען אויך מענטשן, וואָס ווילן לעבן און פאַרדינען. פון קנאה האָט אים איינער אַן אַזערביידזשאַנער געמסרט. ער און נאָך פיר מיט אים האָבן באַקומען אַן הונדערטער, יעדערן האָט מען געגעבן גלייך צו 20 יאָר אויסבעסערונג־אַרבעטס לאַגער. פיר יאָר איז ער שוין אָפּגעקומען, לויט דער אַמנעסטיע, האָט מען אים אַראָפּגענומען 10 יאָר.

— נו און די ווייבער? ווי אַזוי לעבן זיי? צי האָבן זיי נישט קיין אַנדערע מענער? האָב איך אים געפרעגט.

— מיט דעם בין איך זיכער, אַז נישט. איינע קוקט אויף דער צווייטער, דערהרגעט וואָלט איינע דער צווייטער ווען זי איז זי חושד אין פאַראַט. איך האָב זיי איבערגעלאָזט גענוג צירונג. זיי האָבן וואָס צו פאַרקויפן...

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין וויטשעגאָדסקער לאַגער וואָרט מען אויף דער אַקטירונגס קאָמיסיע. איך מוז וואָס גיכער פאַרענדיקן מיטן שפּיטאָל און אַריבער צוריק אין לאַגער. מיין צייט־פּראָטעז האָב איך שוין פאַרטיק, נאָר איך האָב באַשלאָסן אים נישט אָנצוטאָן, אפשר וועט דאָס פעלן פון אַלע הויבערשטע צייט מיר העלפן צו דער אַקטירונג, דערצו קען איך זיך קלאָגן אויף בויך־ווייטיקן, מיין שפּיטאָל קאַרטע איז שוין פול מיט פאַרשידענע קרענק, וואָס איך פאַרמאָג, דער בלוט־דרוק איז נאָך אַלץ אַן הויכער. איך בין צופרידן פון מיין זיין אין שפּיטאָל. דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אַ גרעסערן ראָמאַן א. נ. „מיין גרויסע ליבע". איך האָב געשריבן אויף דער

רוסישער שפּראַך און באַוויזן אָנצושרייבן העכער 200 זייטלעך. דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט א סך נייע טיפּן פון מענטשן, וואָס געפונען זיך אונטער די פארריגלטע טויערן, שולדיקע און אומשולדיקע, נישט נאָר פּאַר פּאָלי־טישע, נאָר אויך אַנדערע פּאַרברעכנס.

אַרויסשרייבן זיך פונעם שפּיטאָל איז גרינגער ווי אַריין אין אים. במשך פון אַ טאָג זענען דערליידיקט געוואָרן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן און איך בין אויפן צווייטן טאָג איבערגעשיקט געוואָרן צוריק אין וויטשעגאָסקער לאַגער פאַר פּאָליטישע...

פירטער טייל:

דער אמת כוז זיגן

צוריק אין לאגער

מיין צוריקקערן זיך אין וויטשעגאָדסקער לאַגער פאַר פּאָליטישע האָט דערפרייט מיינע חברים — די יידן. דער ערשטער האָט מיר אויפגענומען אויף דער וואַכטעביים טויער גרישע — דער נאַריאַדשיק.

— זעט נאָר, זעט נאָר, מאַרקאָוויטש, איר האָט זיך גאָר פאַרלאָזן אַ באָרד. און ווי זי איז ביי אייך זיך צעוואַקסן במשך פון אַ קורצער צייט! האָט גרישע אַרויסגעזאָגט מיט זיין וואַרעמען טאָן. זייער גלייך האָט איר געטאָן, מאַרקאָוויטש! זי וועט אייך איצט צונוצקומען.

נאָכן דערליידיקן די געהעריקע פאָרמאַליטעטן האָט ער מיך אַדורכגעפירט דורכן טויער און מיטגעגאנגען מיט מיר.

— איך האָב אַ גרוס פאַר אייך, גרישע, פונעם ציין־דאָקטאָר.

— אַ, אַ דאַנק אייך, מאַרקאָוויטש. כ'האָב אים שוין לאַנג נישט געזען. איר ווייסט, אַז ער איז אויך, פּונקט ווי איך, אַ געפּונענער ייד.

— ער האָט מיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט זיין יידישער מאַמע — האָב איך זיך אָנגערופן.

— ער וואַרט נאָך אַלץ אויף ניסים, האַ? ווען מען וואָלט אים אַראָפּ־גענומען אַן העלפט פון זיין שטראָף, וואָלט ער שוין געקענט באַפרייט ווערן. לויטן נייעם אוקאַז וועט מען באַפרייען אַלע, וואָס האָבן שוין אַדורכגעמאַכט צוויי דריטל פון זייער שטראָף.

— באמת? אויב אַזוי וועט מען אייך שוין באַפרייען, גרישע?! האָב איך אויסגערופן מיט פרייד.

— ווי נאָר ס'וועט קומען דער קרייז־געריכט פון אַרכאַנגעלסק. און מיר וואַרטן אויף אים פון טאָג אויף טאָג, וועלן אַ סך פון אונדז באַפרייט ווערן, און איך, מיין איך, מיט זיי צוזאַמען. און אויך אייך, מאַרקאָוויטש, מוז מען זיך באַמיען, מען זאָל אייך אַקטירן.

גרישע האָט באַמערקט, אַז איך בין נאָך אַלץ אָן ציין.

— נו, און דעם צײַן־פּראָטעז האָט מען אײַך געמאַכט דאָרט אין שפּיטאָל? האָט גרישע געפֿרעגט.

— געמאַכט און דוקא געלונגען. נאָר... נאָר, איך וויל אים נישט טראָגן.

— גלײַכער אַזוי, מאַרקאָוויטש, נאָכן אַקטירן וועט איר אים שוין קענען טראָגן. הײַנט וועל איך איבערשמועסן וועגן אײַך מיט אונדזער לאַגערנעם דאָקטאָר, דעם דײַטש. ער וועט אַרויספֿאָדערן אײַער געזונט־קאַרטע פֿונעם שפּיטאָל און... מעגלעך, אַז ער וועט אײַך צושטעלן צו דער אַקטירונגס־קאָמיסיע.

— אַ דאַנק אײַך, גרישע! מיט דעם האָבן מיר פֿאַרענדיקט אונדזער ערשטע באַגעגעניש.

די צווייטע באַגעגעניש האָב איך געהאַט מיט יעקבן פֿון דער קיפּיאַטילניע. אַרײַנקומענדיק צו אים אין זײַן קלײנעם קעמערל, וואָס דרײַ פֿירטל פֿון אים האָט פֿאַרנומען דער גרויסער קעסל, וווּ ס'האָט שטענדיק געזאָטן די וואַסער און אַרויסגעאָטעמט מיט אַ געדיכטע פּאַרע. יעקב האָט פּונקט אונטערגערוקט אַ גרויסע שטיק האָלץ אין אויוון אַרײַן.

— אָ, מאַרקאָוויטש מיט אַ באָרד! ס'פּאַסט אײַך! פֿריִער זענט איר געווען בלויז אַ לערער, איצט זעט איר אויס ווי אַ פּראָפֿעסאָר — האָט יעקב שנעל אַרויסגעזאָגט.

— ס'איז נישט וויכטיק! זאָגט מיר בעסער, יעקב, צי האָט איר באַקומען אַ תשובה אויף דער אָנקלאָגע, וואָס איך האָב געשריבן?

— נישט נאָר איר האָט געשריבן. מײַן ווײַב האָט געפֿונען אין מאָסקווע אַ ווײַטן קרוב אונדזערן, אַן אַדוואָקאַט. זי שרײַבט, אַז ער רײַסט אײַן וועלטן. ער איז געגאַנגען פּערזענלעך צום גענעראַל־פּראָקוראָר וועגן מיר. זי איז אַזוי אָפּטימיסטיש געשטימט מײַן ווײַב, אַזוי, אַז איך בין שוין אויך אָנגעשטעקט מיט אָפּטימיזם. דערווײַל, מאַרקאָוויטש, מוזט איר פֿאַרזוכן מײַן ווײַבס אײַנגעמאַכטס פֿון פּאָמידאָרן. טרינקט אַ גלעזל טיי און פֿאַרבײַסט מיט אײַנגעמאַכטס.

טרינקענדיק די טיי, האָב איך געבעטן יעקבן צו דערציילן וועגן אַלץ און וועגן אַלע ייִדן פֿונעם לאַגער. אַ סך נײַעס האָב איך זיך פֿון אים דערוווּסט. נאָכן אַראָפּנעמען די פּריזורן בײַ די בעסערע אַרבעטער, האָט מען, ווי בײַ

שמשון הגבור, צוגענומען ביי זיי די קראַפֿט. די אַרבעט־פּראָדוקטיוויקייט איז געפֿאַלן אויף אַ העלפֿט, נאָכדעם ווי גרישע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין דער „נאַריאַדשיק" און געגאַנגען אַרבעטן גלייך מיט אַלע, איז ער נאָך ליבער געוואָרן ביי אַלעמען, כאָטש דער נייער נאַטשאַלניק האָט אים געדראָט מיט אַ משפּט פֿאַר סאַבאָטאַזש. דעם באַליבטן הונט זשוקן האָט מען צום צווייטן מאָל געשאָסן און טאַקע דערשאָסן אויף טויט. עס איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע פֿון פּעטשאָרלאַג און אַלץ אויסגעפֿאָרשט. צום סוף האָט מען דעם נייעם נאַטשאַלניק צוריקגערופֿן. דעם פֿריערדיקן דעם אַסטמאַ־קראַנקן האָט מען צוריקגערופֿן פֿונעם קוראָרט, ער האָט גרישען צוריק געמאַכט פֿאַרן „נאַריאַדשיק" און... מיטאַמאָל האָט זיך די פּראָדוקטיוויקייט פֿון דער אַרבעט געהויבן. צוזאַמען מיט די וואַקסנדיקע האָר אויף די קעפּ פֿון די לאַגערניקעס זענען אויך געוואַקסן זייערע אויפֿטוען.

ווען פּימע, וואָס האָט געאַרבעט אַלס שוסטער אין דעם שוסטער־וואַר־שטאַט, האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין שוין צוריקגעקומען, איז ער אַוועק אינמיטן דער אַרבעט און געקומען צו יעקבן אין קיפּיאַטילניע מיט מיר זיך צו זען.

פּימע איז געווען זער גוט געשטימט. מען האָט אים אופּסניי אַראָפּגענומען פֿון זיין שטראָף 15 יאָר און געלאָזן נאָר 10 יאָר.

ס'איז ביי פּימען געשען, ווי ביי יענעם קבצן מיט דעם צענדליק קינדער. ער איז געקומען צו רבין און געבעטן הילף: רבי, האָט ער געשריען, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. איך, מיין ווייב און צען קינדער אין איין חדר. גיט אַן עצה! דער רבי האָט אים געעצהט אַריינצונעמען אין שטיב אַריין אויך די ציג און די הינער. ער האָט געפֿאָלגט. ס'איז אָבער געוואָרן נאָך ענגער, איז ער געלאָפֿן צום רבין. דער רבי האָט אים געראַטן אַרויסנעמען פֿריער די ציג, דערנאָך די הינער. — אוי, רבי, געזונט זאָלט איר זיין, ס'איז דאָך טאַקע גרינגער געוואָרן!

אַזוי איז געשען מיט פּימען. דער בערלינער מיליטערישער טריבונאַל האָט אים פֿאַרמישפּט אויף צען יאָר, אָן רעכט צו אַפּעלירן אויפֿן אורטייל, ווען ער האָט דאָך אַפּעלירט, האָט ער באַקומען גאַנצע 25 יאָר. איצט האָט מען אים אַראָפּגענומען 15 יאָר — איז ער שוין צופֿרידן. ער וועט שוין

איינגיכן באַפרייט ווערן. דערווייל שטודירט ער מיט יידישן ברען די עוואַנגעליע אויף רוסיש, דאָס הייסט דעם אַלטן טעסטאַמענט. דעם חומש קען ער שוין, איצט לייענט ער וועגן שלמה המלך. עס איז אים אַן אַנטפּלעקונג. ער האָט נאָר מורא, אַז לאַריאָנאָוו, ביי ווענען ער נעמט די עוואַנגעליע, זאָל באַפרייט ווערן אין גיכן און מיטנעמען מיט זיך זיין עוואַנגעליע...

— עך, מאַרקאָוויטש, איך בין זיך מודה, אַז איך בין געווען ווייט פון יידישקייט, איך בין קיין ייד נישט געווען. אַדאַנק אייערע דערציילונגען וועגן יידן, וועגן דער יידישער מדינה. אויך צוליב דער ביבליע, וועלכע כ׳האָב געשטודירט מיט ברען, מיט התלהבות, זענען מיר אויפגעעפנט געוואָרן די אויגן. איך האָב זיך איצט דערפילט ווי אַ רינגעלע פון אַ לאַנגער יידישער קייט, וואָס נעמט איר אָנהייב אין דעם יידישן עבר, ביי אונדזערע אבות און ציט זיך לאַנג און ווייט, אַזש צו די בערג פון יהודה, צום ים־סוף, ביז צום כותל המערבי. אַלץ איז מיר טייער און הייליק, פאַר דעם אַלעמען וואָלט איך איצט מיין יונג לעבן נישט געזשאַלעוועט, ווי אין די קאַמפן מיט דער היטלעריסטישער ווילדער חיה, ביי מיינע אַכצן יאָר...

איוואַן קאַליסטראַטאָוויטש

קומענדיק פונעם שפּיטאָל אין וויטשעגאָדסקער לאַגער, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם יונגן יידישן בחור, דעם לונגען קראַנקן. ער האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז אין וויטשעגאָדסקער לאַגער געפונט זיך איינער — איוואַן קאַליסטראַטאָוויטש, אַ דער סאָוועטישער אָפיציר, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער פון דער היטלעריסטישער דעסאַנטן־שול.

איך האָב געפרעגט גרישען, ווער איז איוואַן קאַליסטראַטאָוויטש, צי קען ער אים?

— אָט דער אַלטיטשקער מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, וואָס גייט

איינגעהויקערט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. דאָס איז ער! האָט גרישע זיך אָפּגערופן. ער איז אַן אַקטירטער אינוואַליד, אַ פינפאונצוואַנציקער.

דעם זעלבן אָוונט, נאָכן אָוונט־ברויט, בין איך דעם אַלטיטשקן נאָכגעגאַנגען פונעם עס־צימער אין דרויסן. ער האָט, ווייזט אויס, דערפילט, אַז עמיצער גייט אים נאָך און זיך אומגעקוקט.

אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. ער האָט ווי אַ שמייכל געטאָן אין זיינע געדיכטע וואָנסן אַריין, און דאָס האָט באַדאַרפט זאָגן: „נאָך אַ באָרד איז שוין צוגעקומען אין לאַגער אַריין”.

— אַ גוטער אָוונט אייך, איוואן קאַליסטראַטאָוויטש! האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט וואַרעמקייט.

דערהערנדיק זיין נאָמען, וואָס איז אויסגערופן געוואָרן דורך אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ גוטער אָוונט! — און אָפּגעהאַקט, וואַרטנדיק אויפן המשך פון מיין ווענדונג.

— איך האָב פאַר אייך אַ גרוס פונעם שפּיטאָל. פון אייער אַ פריינט, אַן אַלטן פריינט פון די שווערע צייטן.

— וואַסיע! האָט ער ווי אויסגעשריגן. חוץ וואַסיען איז קיינער פון אונדזערע פריינט נישט לעבן געבליבן. נו, וואָס מאַכט ער דער יונגער קרבן?

— אויף אַלע אונדזערע שונאים געזאָגט געוואָרן. אַ קראַנקן שוועסטער האָט אים אָפּגעפירט אַהיים צו זיין מוטער. הלואי ער זאָל האָבן דערפאָרן ביי זיין געפערלעכן צושטאַנד.

— ער וועט דערפאָרן! און לאָמיר האָפן, אַז ער וועט לעבן בלייבן. ער איז אַן העלד, דער יונגער בחור, אַז ער, אַ יידישער יונגער בחור איז דעם היטלער־גהינום איבערגעקומען, וועט ער זיין קרענק אויך איבערקומען. אַבי ער איז שוין פטור געוואָרן פונעם פאַרשאָלטענעם לאַגער. ווי האַלט איך שוין דערביי!

— גרישע האָט מיר אָנגעוויזן אויף אייך און אויך געזאָגט, אַז איר זענט אַן אַקטירטער. וועט איר דאָך אינגיכן אויך באַפרייט ווערן. — האָב זיך אים געפרווט טרייסטן.

— הלואי! כאָטש מיר איז שווער צו גלויבן נאָך 7 שווערע לאַגער־יאָרן.

אויף מיר וואַרט מיין ווייב מיט צוויי יונגע טעכטערלעך. אויך אַ זון אַן אינזשעניער און אַ דערוואַקסענע טאָכטער. מען האָט מיך שוין צוויי מאָל אַקטירט, נאָר דאָס געריכט וויל מיך נישט אָפּלאָזן.

— פאַרוואָס? לויט דעם, ווי וואַסיע האָט מיר דערציילט וועגן זיך און אַביסל וועגן אייך, זענט איר נישט קיין קלענער שותף צום נצחון איבער היטלערן. פאַרוואָס זשע זאָלן זיי אייך נישט באַפרייען? ער, איוואַן קאַלי־סטראַטאָוויטש, האָט זיך נאָך נידעריקער איינגעהויקערט און פעסטער זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן.

— היינט בין איך מיד. ביי אַ געלעגנהייט וועט איר זיך מער דערוויסן וועגן מיר. אַ גוטע נאַכט! און ער איז אַוועק מיט שנעלערע טריט אין דער ריכטונג פון זיין באַראַק.

פון דאַן אָן פלעגן מיר זיך אָפטער טרעפן. מערסטנס אין דעם צימערל ביי דער קיך, וווּ מיר פלעגן ביידע שפּאַלטן די קאַרטאָפל, וואָס די מאַשין האָט ווי אָפּגעשיילט און מיר פלעגן אַרויסשניידן די טונקעלע ערטער און צעשניידן אויף שטיקלעך.

אַמאָל פלעג טרעפן, אַז נאָר מיר ביידע, צוויי בערדיקע לאַגערניקעס, זענען געווען ביי דער אַרבעט. דאַן פלעגן מיר דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן דער אומשולדיקער „שולד" וואָס מיר טראָגן אויף זיך, פאַר וועלכער מיר קומען אָפּ די נישט פאַרדינטע שטראָף. ער איז אַ קיעווער. דאָרט האָט ער זיך געלערנט און פאַרענדיקט די רוסישע גימנאַזיע, נאָך אין די צאַרישע צייטן. אין אוניווערסיטעט האָט ער געשטודירט עקאָנאָמישע לימודים. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער אַריין אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מען האָט אים פאַרטרויט פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, ביז ער איז דערגאַנגען צו ווערן דער באַפולמעכטיקער צושטעלער ביי דער אוקראַינישער רעגירונג. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער סטודענטקע, ביז גאָר אַ שיינע און געפירט אַן אָנשטענדיק פאַרמעגלעך לעבן. זי האָט אים באַגליקט מיט אַ זון און אַ טאָכטער, ווילע געראָטענע קינדער. די מלחמה מיט די דייטשן אין 1941 יאָר האָט אים צעשיידט מיט זיין פרוי און קינדער. אַלס מאַיאָר האָט ער געקעמפט אין די ערשטע רייען. בשעת אַ צוריקקער פון דער רויטער אַרמיי, איז ער געבליבן ליגן אַ שווער פאַר־

צעבערעכן מיין פּייפל אויף דער קני. אַ באַטריבטער בין איך אַריין צו זיך אין פּאַלאַטע און אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן בעט און שיער נישט געוויינט פאַר פאַרדרוס. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מיר רב משה, דער אַטאַמאַן אַליין, אַריינגעבראַכט דאָס פּייפל און אויסגעדרוקט מיר זיין פאַרדרוס.

— ער האָט שוין זיינס באַקומען, דו מעגסט אים, מאַרקאָוויטש, נישט מקנא זיין!... האָט ער אַ זאָג געטאָן, כדי מיך צו באַרואיקן...

פון שפּיטאַל אין לאַגער

אָט דער בחור, וועלכער האָט ביי מיר אויסגעכאַפּט מיין פּייפל נאָכן קאָנצערט האָט, ווייזט אויס, נשקשדיק אַריינגעכאַפּט אין די ביינער אַריין. ביי רב משהן, דעם אַטאַמאַן פון די „זאַקאָניקעס״ גייען אַזעלכע מיאוסע שטיק נישט אָן. אויב איך האָב דעם בחור געהאַלטן פאַר אַ פּסיכיש־קראַנקן, ווען איך האָב געזען ווי אַלע טשעפּען זיך צו אים. ווען מען ווייזט אים אַ פויסט, מאַכט ער דערביי אַזעלכע משונהדיקע מינעס, דאָס פּנים פאַר־קרומט ער דערביי ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן, די אויגן הייבן אָן צו פינטלען און פּלוצים צעלאַכט ער זיך גאָר מיט אַן היסטערישן געלעכטער, מיט וועלכן ער שטעקט אָן אַלעמען, וואָס געפינען זיך דערביי. אָבער ער, רב משה, האָט אים גוט געקענט. ער איז אַ געוועזענער קלאָאון פון אַ צירק. בעת דער פאָרשטעלונג, מאַכנדיק די משונהדיקע קונצן, האָט ער אַראָפּ־געצויגן ביי אַ רייכער דאַמע איר ביזשוטעריע און איז דערביי דורכגעפאַלן. זעקס יאָר האָט ער באַקומען. סימולירט ער איצט אַ פּסיכיש־קראַנקן, כדי מען זאָל אים אַקטירן. אַז ער איז גאָר נישט קיין משוגענער האָב איך געזען, ווען ער איז געקומען מיך איבערבעטן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר און ווען עמיצער האָט געפּרוווט אים שרעקן מיט אַ פויסט, האָט ער אויף יענעם אַ קוק געטאָן מיט אַן ערנסטן בליק, ווי איינער רעדט: — וואָס מאַכסטו זיך נאַריש. איצט איז נישט די צייט דערצו... ער האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז אים האָט אָנגערעדט אויסצוכאַפּן מיין פּייפל איינער פון

אין קאַשציאַל איז געווען פּוסט. אויף דער פּאַדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע פּאַפּירלעך, געשריבענע אויף דער פּוילישער שפּראַך.

— שיראָקאַ סטראַנע מאָיאַ רודנאיאַ — האָט וואַסיע אויפגעזונגען.

— אַך ס'אַ פיינע אַקוסטיק דאָ איז. — האָב איך אַ זאָג געטאָן. אָבער ווו איז אַהינגעקומען דער זשוואַווער יאַט, אָט דער פון די „ליסטאָווקעס". איך האָב נישט געזען אים אַרויסגיין. אָ, ער וואָלט אונז צונוצגעקומען. ער האָט געמיינט, אַז מיר זענען דייטשן... כאַ... כאַ...

— ווער דען זענט איר? האָט זיך אָפּגערופן דער בחור אַרויסקריכנדיק פון אונטערן טיש, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ לאַנגן טישטוך.

— מיר זענען רוסישע געפאַנגענע און מיר זוכן אַ וועג צו די פּאַרטיזאַנער...

קורץ. דער בחור איז געווען דער גוטער שליח און האָט מיר געהאָלפן זיך צו טרעפן אין אַ וואָך אַרום מיט אַ פאַרשטעלטן בעטלער ביים קאַשציאַל, איינער פון די פּאַרטיזאַנער.

אין אַ צייט אַרום האָט איוואַן קאַליסטראַטאָוויטש געפּויעלט ביים עלצטן פון דער דעסאַנטן־שול, ביי אָבערשטורמפירער, מען זאָל די בעסטע דעסאַנט־ניקעס פירן אויף דער אויסשטעלונג פון די מלחמה־טראָפּעען. דער עלצטער אַליין, דער גראָבעטשקער פליכעוואַטער דייטש, איז מיטגעפאָרן מיט קאַלי־סטראַטאָוויטשן און זיינע פינף אויסגעקליבענע יאַטן.

אין מיטן וועג האָט איינער פון די פּאַרטיזאַנער אַריינגעשאָסן אַ קויל דעם שאָפער אין קאָפּ אַריין. איידער דער דערשראָקענער אָבערשטורמפירער האָט באַוויזן זיך צו רירן האָט איינער פון דער חברה אים מכבד געווען מיט אַ „בענטש" איבערן קאָפּ. ער אַליין האָט געפירט ווייטער די מאַשין. אים האָט פאַרביטן איינער פון די פּאַרטיזאַנער און פאַרפירט זיי אין וואַלד אַריין, אין דער היים פון די פּוילישע פרייהייט־קעמפער.

אַזוי אַרום זענען זיי געוואָרן באַפרייט און צוזאַמען מיט אַנדערע פּוילישע קעמפער פאַרגעזעצט דעם קאַמף מיט די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער.

איינע פון די גרעסטע געלונגענע אַקציעס, וואָס די פּאַרטיזאַנער איז געלונגען אַדורכצופירן איז געווען — אונטערצורייסן אַ וויכטיקע עלעקטראָ־סטאַנציע.

זייענדיק אין אָפיצירישע מיליטערישע מונדירן איז זיי, מיט איוואַן

קאַליסטראַטאָוויטשן בראש, געלונגען צו איבערצייגן דעם אָנפירער פון דער עלעקטראָסטאַנציע:

— אויפן באַפעל פון הימלערן מוז מען תיכף ומיד אויפרייסן די וויכטיקע עלעקטראָסטאַנציע — אַזוי האָט קאַליסטראַטאָוויטש אין אַ ריינעם דייטש איבערגעגעבן דעם באַפעל.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך איבעגעגעבן דעם זעלבן באַפעל דורכן טעלעפאָן.

— יאָ — יאָ — האָט אָפּגעענטפערט דער לייטער פון דער עלקטראָ־סטאַנציע. אַלץ איז מינירט און דער באַפעל וועט אויסגעפירט ווערן!

דער רושם פון דער וויכטיקער, געלונגענער אָפּעראַציע איז דערגאַנגען צו די רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ שטיקל אַרבעט האָט זיכער אויסגעפירט זייער חבר רומיאַנצעוו; ווען יענער איז געקומען צוריק אין לאַגער איינער אַליין, איבערלאָזנדיק אויפן שלאַכט־פעלד די איבעריקע חברים, האָט מען אים געקרוינט אַלס „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. ער האָט אפילו נישט געפּרוווט אָפּלייקענען, אַז ער ווייסט אפילו נישט פון אַזאַ וויכטיקן העלדישן אויפטו.

ווען די סאָוויעטישע אַרמיי איז פאַרויסגעגאַנגען מיט אירע נצחונות איבער פוילן, זענען קאַליסטראַטאָוויטש, וואַסיע און נאָך איינער פון זייערע חברים, וואָס איז לעבן געבליבן, אַריין אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און פאַרגעזעצט דעם קאַמף מיט די פאַשיסטן ביזן סוף פון דער מלחמה. לעבן געבליבן זענען נאָר צוויי: ער — קאַליסטראַטאָוויטש און וואַסיע.

נאָך דער מלחמה איז ער אַוועק צו זיך אַהיים קיין קיעוו און וואַסיע קיין זשיטאָמיר צו זיין מוטער.

זיין ווייב האָט ער נישט געטראָפן ביים לעבן. צוזאַמען מיט אַנדערע יידן איז זי אַוועק „לויטן באַפעל״ און אומגעקומען אין „באַבי יאַר״. דער זון און די טאָכטער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיינע עלטערן אין אַ דאָרף.

אינגיכן האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגער אוקראַינערין, זיין חברס אַ טאָכטער, וועלכע איז געבליבן אַ יתומה, נאָכן אומקומען פון אירע עלטערן. עס איז אַוועק אַ יאָר און נאָך אַ יאָר. די ווייב זיינע האָט אים געבוירן צוויי טעכטערלעך. זיי זענען געווען גליקלעך. דעם זון זיינעם איז נישט

געפעלן, וואָס זיין פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווייב, וואָס איז אין איין עלטער מיט אים, האָט ער פאַרלאָזט קיעוו און אַוועקגעפאָרן קיין טשעליאַבינסק, די טאָכטער ווידער האָט געוווינט אין אינטערנאַט פון די סטודענטן און געלערנט זיך.

וואַסיע פלעגט פון צייט צו צייט אים באַזוכן. ער איז אַריינגעטרעטן זיך לערנען אין דער דריי־יעריקער שול פאַר לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן. יעדעס מאָל פלעגט ער אין זייער געשפרעך באַרירן די פראַגע: צי איז נישט קיין עוולה וואָס זיי ביידע האָבן פאַרשוויגן וועגן דעם, אַז זיי זענען געווען אין דער דייטשישער דעסאַנטן־שול און פון דאָרט אַנטלאָפן... איוואן אַליין איז געווען ביי דער מיינונג אַז מען דאַרף פאַרשווייגן.

— איך מיין, האָט וואַסיע געטענהעט, אַז מיט אונדזער אַנטלויפן, דערצו אַ גרופּע פון פינף מענטשן, אונדזער קאַמף מיט די פאַשיסטן אין די רייען פון די פּוילישע פאַרטיזאַנער און אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, וועט זיכער דעקן אונדזער געצוווּנגענעם אַריינפאַלן צו די פאַשיסטן אין געפענגעניש.

— ביזט, וואַסיע, טאַקע אָרנטלעך, נאָר צו יונג און נישט דערפאָרן דערצו. פאַר דעם גוטן וועסטו באַקומען אַ „דאַנק" און פאַר דעם אַנדערן וועט מען אונדז נישט מוחל זיין! אַזוי האָב איך אים געפּרוווט איבערצייגן. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין מ.וו.ד. און וועגן אַלץ דערציילן.

— פאַרשטענדלעך, אַז אויך איך האָב שוין געמוזט צוזאַמען גיין מיט אים. מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך אונדזערע דאָקומענטן און אויסצייכע־נונגען, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די פּוילישע פאַרטיזאַנער, אין מ.וו.ד. האָט אונדז אויפגענומען דער נאַטשאַלניק רומיאַנצעוו. ער האָט רואיק אונדז אויסגעהערט. ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט אין דעם פּוילישן דאָקומענט וועגן דעם, אַז איך האָב מיט אַנדערע אָנטייל גענומען אין אויפרייסן די עלעקטראָסטאַנציע און אַזוי קלוג, אָן שום קרבנות פון אונדזער זייט, איז ער בלאַס געוואָרן און אַזש אויפגעציטערט פון אויפרעגונג:

— ס'איז אַ ליגן! וועגן דער עלעקטראָסטאַנציע ווייס איך גראָד גוט. דאָס האָבן אויסגעפירט אונדזערע רוסישע פאַרטיזאַנער. וועגן דעם האָט אפילו געמאָלדן די גאַנצע סאָוויעטישע פרעסע — האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן.

— מיר האָבן אפילו באַקומען די אָרדנס „ווירטוטי מיליטאַרי״ נאָך דער געלונגענער אַקציע — האָב איך אים געוואָלט איבערצייגן און אַפילו אים געוויזן די אָרדנס.

— מיר וועלן אַלץ אויספאָרשן, אויספאָרשן — האָט ער שוין רואיקער אַרויסגעזאָגט. איר קענט גיין!

אין אַ צייט אַרום האָט ער, רומיאַנצעוו, אונדז אַרויסגערופן. ער האָט אונדז געוויזן, אַז ער האָט די אַנקעטעס מיט אונדזערע פאָטאָגראַפיעס פון דער דעסאַנטן־שול אין דער דייטשער אוניפאָרם, מער האָט ער אונדז נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַן אָרדער אונדז צו אַרעסטירן. מען האָט אונדז געמשפּט לויט דער סטאַטיי א־54 פאַר מלוכה פאַראַט. מיר האָט מען געגעבן טויט־שטראָף און פאַרביטן אויף 25 יאָר און וואָס־ען נאָך 10 יאָר.

— אין לאַגער האָב איך זיך דערוווּסט פון דער פרעסע פון די מלחמה־יאָרן, אַז ער אַליין רומיאַנצעוו איז געקרוינט געוואָרן אַלס „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״ פאַר דער וויכטיקער אָפּעראַציע פון אויפרייסן די דייטשישע גרויסע עלעקטראָסטאַנציע, כאָטש ער איז איינער פון אַלע זיינע מיט־העלפער־פּאַרטיזאַנער לעבן געבליבן.

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט געפירט קעגן אונדז אַזאַ ביטערן קאַמף און, ווי געוועלעך, געזיגט.

איך גלויב, האָט ער, מיט אַ געבראָכענער שטום פאַרענדיקט זיין אויסטער־לישע דערציילונג, אַז ער דערלאָזט נישט איצט אויך מיך צו באַפרייען. אַ סימן האָב איך, אַז נאָך די צוויי אַקטירונגען בין איך נאָך אַלץ אין לאַגער...

אין ווייבערישן גן־עדן

כמעט אין איין צייט מיטן דערשיינען פונעם אוקאַז צו באַפרייען פונעם לאַגער פאַר דער צייט אָט די פאַרמישפּטע, וואָס האָבן אָרנטלעך אָפּגעקומען צוויי־דריטל פון זייער שטראָף, איז אָנגעקומען אין אונדזער לאַגער אַ באַפעל אָפּצוקלייבן פופציק יונגערע ספּעציאַליסטן, וואָס ס׳פעלט זיי נאָך

אַרום אַ האַלב יאָר צו די דריי פירטל פון זייער שטראָף און אָפּשיקן זיי קיין נ... צו בויען אַן מ.ט.ס. (מאַשינען־טראַקטאָרן־סטאַנציע).

דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער צוזאַמען מיט גרישען זענען געזעסן אין ספּעץ־אָפּטיילונג און געשטודירט די קאַרטאָטעקע און צוגעקלויבן די פּאַסיקע קאַנדידאַטן. מערסטנס האָבן זיי אויסגעקליבן בחורים, בלויז אַ קליינע צאָל זענען געווען באַווייבטע. אין וועג אַריין האָט מען זיי צוגעגעבן נייע קאָמפּלעטן מיט ווינטערדיקע מלבושים: וואַטענע פּופייקעס און וואַטענע הויזן און היטלען „אושאַנקעס" — אויף וואַטע געניית מיט לאַנגע אויערן. ס'איז געווען אין טיפן האַרבסט. מיט זיי איז מיטגעפאָרן סיעריאָזשע דער האַרמאָניסט מיט זיין האַרמאָניע. האָט מען זיך געריכט אויף אַ פריילעכן וועג. באַגלייט האָט זיי נאָר איינער פון די עלטערע שומרים. קיין אויטאָמאָט האָט ער נישט געטראָגן פאַר זיך — האָט ער באמת אויסגעזען אויסטער־ליש — די חברה האָט זיך דערפילט היימישלעך, ווי אויף דער פריי, ווי אַ פּאַרטיע פרייע אַרבעטער, וואָס פאָרן ערגעץ בויען אַ וויכטיקן אָביעקט.

געפירט האָט מען זיי ביז די ברעגעס פון אַ געוויסן טייך אויף צפון און פון דאָרטן מיט אַ פּאַסאַזשירן־שיף, וואָס האָט געאָטעמט מיט שוואַרצן רויך דורך אַ ברייטער רער און מיט רעדער־פליסן געשיפט זיך מיט אַ דורכשניט־לעכער שנעלקייט פון 15—20 קילאָמעטער אין א שעה. אַרויסגעפאָרן זענען זיי נאָך פרישטיק און פאַרנאַכט־צו זענען זיי שוין געווען אויפן אָרט.

דער וועג איז אַדורך פריילעך, ווי מען וואָלט געפאָרן ערגעץ פראַווען א חתונה. כמעט אַלע האָבן געזונגען, געריסן די גאָרגלען ביז הייזעריקייט און דער האַרמאָניסט האָט זיך באַמיט מיט זיין מוזיק־באַגלייטונג איבערצו־שרייען אַלע. אויף דער שיף זענען, חוץ די פּאָר מאַטראָסן, וואָס האָבן באַדינט די שיף, נישט געווען קיין אַנדערע פּאַסאַזשירן.

ס'איז אַ וווּנדער, וואָס די יאָרן לאַגער־לעבן האָבן נישט אָפּגעטעמפּט ביי דער חברה דעם לעבנס־לוסט. ס'איז גענוג געווען אַ נייע סביבה, אָן די שטענדיקע שומרים מיט די אויסגעפּאַשעטע הינט, אַ פרייע מינוט און אַלדאָס בייז איז ווי פאַרשווונדן:

...עך, דו עפּעלע, דו קוילער זיך וואָס ווייטער —

אַמאָל דער וועג אַ שמאָלער, אַמאָל איז ער אַ ברייטער...

בלויז עלאַריאָן, דער פרומער עוואַנגעליסט איז געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל מיט זיין גראָבער עוואַנגעליע אין דער האַנט און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט פּסוקים פון דאָרטן.

אויפן ברעג, ווו זיי זענען אָנגעקומען, האָבן זיי געטראָפן אַ סך יונגע פרויען, אייניקע מיט קינדער אויף די הענט. אַרום זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט עלטערע קינדער. אַלע האָבן געפאָכעט מיט דער האַנט, ווי זיי וואָלטן געקומען מקבל פּנים זיין זייערע קרובים אָדער גאָר היימישע. צי ווייסן זיי נישט, אַז די וואָס קומען אָן זענען אַרעסטאַנטן?

דער איינציקער שומר זייערער, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אויס־געטיילט פון אַלע, האָט צוזאַמען מיט אַלע געזונגען און קיינעם נישט אַרויסגעוויזן זיין מאַכט. ער האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ בריגאַדיר פון דער בריגאַדע. דאָך האָבן זיך די חברה אויפגעפירט זייער אָנשטענדיק, אַרויס־געוויזן דיסציפּלין און קיין איין פאָרפאַל פון שטערן די רו איז נישט געווען, פונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט באַווייזן אים דער שומר:

נאַ זע! מיר זענען גאָרנישט אַזעלכע פאַרדאָרבענע און אַזעלכע פאַר־ברעכער, ווי איר מיינט. איר לאָזט אונדז נאָר לעבן פריי, ווי מענטשן, וועט איר דאַמאָלס זען, ווי פיין און נוצלעך מיר קענען זיין.

אָט האָבן מיר כמעט אַלע, אַדאַנק גרישען, פריזורן און זעען אויס מיט מענטשן גלייך — פירן מיר זיך אויף ווי מענטשן.

אַראָפּקומענדיק אויפן ברעג פון טייך, האָבן אַלע דערזען פאַר זיך אַ שטעטל מיט שיינע איינשטאָקיקע הייזער, מיט גערטנער, מיט אַן הויכן וואַסער־טורם. נאָר נישט דאָס אַלץ האָט פאַרכאַפּט די אָנגעקומענע, נאָר די פרויען און די קינדער. יאָרן לאַנגע האָבן זיי כמעט ווי נישט געזען קיין פרויען און קינדער אַודאי נישט. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ס׳איז נישט קיין חלום: אָט שטייען פאַר זיי לעבעדיקע יונגע פרויען, וואָס שמייכלען מיט פריילעכע בליקן און לאַכן פּשוט מיט מענטשלעכן גע־לעכטער. אייניקע קינדער האָבן זיך דערשראָקן און זיך צעוויינט אויף אַ קול. די מאַמעס האָבן זיך באַמיט זיי צו באַרואיקן; — וואָס וויינסטו, נארעלע, ס׳איז דאָך דיין פאַפּאַשע געקומען, דיין פאַפּאַשע! די קינדערשע וויינענדיקע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל צעשמייכלט. מיט די הענטלעך זיך געצויגן צו

דעם „פּאַפּאַשע״. ווייזט אויס, אַז וועגן אים, זייער פּאַפּאַשע, האָבן זיי ביז איצט נאָר געהערט, איצט איז ער צו זיי געקומען, ווי די מאַמע האָט זיי שטענדיק צוגעזאָגט.

דער „פּאַפּאַשע״ האַלט דאָס קינד אויף דער האַנט, קושט עס און פילט ווי עס ווערט אים ענג אין האַלדז. צי האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין אייגן קינד, וואָס וואַרט אויף אים ערגעץ ווייט? צי בענקט ער שוין צו האָבן אַ קינד, ווייל ס׳איז שוין צייט דערצו.

די באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן. יעדע פרוי האָט זיך געפונען דעם, וואָס איר געפעלט און יעדער מאַן, וועמען ס׳וואָלט, דרך אגב, יעדע איינע געפעלן, האָט געפונעם זיינס.

דער „בריגאַדיר״, אַזוי האָבן זיי אָנגערופן דעם איינציקן שומר זייערן, האָט דערלויבט יעדן איינעם צו באַזוכן זיין „באַקאַנטע״ און מען איז זיך צעגאַנגען יעדער איינער מיט זיין באַקאַנטער...

אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי זענען אַלע געקומען אין דער צייט. דער „בריגאַדיר״ איז געווען צופרידן. במשך פון עטלעכע שעה זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן צוויי גרויסע פּאַלאַטקעס מיט נאַרעס פאַר די אַרבעטער.

דעם זעלבן טאָג איז געקומען צו זיי אַן אינזשעניער, דער פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט און דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע — אַ פרוי — און זיי האָבן זיך פון זיי דערוווסט, אַז זיי האָט מען אַהער געבראַכט צו בויען אַ מ.ט.ס. — מאַשינען־טראַקטאָרן סטאַנציע. אַלע האָט מען צעטיילט לויט זייערע ספּעציאַליטעטן. יעדערער פון זיי וועט פאַרדינען לויט זיין אַרבעט און לויט די אַרבעטער־טאַריפן. יעדער איינער וועט זיך אַליין אויסהאַלטן, דעריבער וועלן אַלע דעם זעלבן טאָג באַקומען אַוואַנסן — ד. ה. פאָרויס אַ געוויסע סומע געלט. אין שטעטל זענען פאַראַן עטלעכע „סטאָלאָוועס״ דאָרט וועלן זיי קענען פאַר אַ מעסיקער באַצאָלונג באַקומען פרישטיקן, מיטאָגן און אָוונטברויטן.

דער „בריגאַדיר״ האָט צוגעגעבן, אַז ווער עס וויל קען זיך פּריוואַט דינגען אַן אָרט צום שלאָפן אין די פּריוואַטע הייזער פאַר זיין געלט, ווער עס וויל קען שלאָפן אין די פּאַלאַטקעס אומזיסט. די זאַכן קען מען איבערלאָזן

אין די פּאַלאַטקעס. עלאַריאַן וועט זיין דער וועכטער און רוימער פון די פּאַלאַטקעס, דערפאַן וועט ער באַקומען אַ געוויסן אָפּצאָל.

ס׳איז אַוועק אַ גאַנג. די אַרבעט ביים בויען די מ.ט.ס. האָט געבערענט אונטער די הענט. כמעט אַלע האָבן געאַרבעט געטריי און פלייסיק. די באַלעבאַטים און דער „בריגאַדיר״ זענען געווען צופרידן. אין די פּאַלאַטקעס האָבן געוועכטיקט בלויז פיר מענטשן, חוץ עלאַריאַנען. דאָס זענען געווען פון די עלטערע מענער, וואָס האָבן זיך געפילט געבונדן מיט זייערע ווייבער און קינדער, צו וועלכע זיי האָבן געבענקט און געשטרעבט וואָס שנעלער צו פאָרן אַהיים, די רעשט מענער האָבן געוווינט אין די פּריוואַטע הייזער, ביי יונגערע פרויען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַפעלקערונג פונעם שטעטל איז באַ־שטאַנען פון אַמאָליקע „לישענצעס״, פון די רייכערע מענטשן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אַהער פון די באַפרייטע געביטן אין מערב אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. פריער איז דאָ געווען אַ פּוסט לאַנד, ווייט פון דער באַן־קאָמוניקאַציע. נאָך ביז דער לעצטער צייט זענען נישט געבויט געוואָרן אַהער קיין קאָמוניקאַציע־וועגן. די איינציקע קאָמוניקאַציע איז געווען דורך די שיפן, וואָס קומען אָן צוויי מאָל אין וואָך. די יונגע בחורים האָט מען מאָביליזירט אין דער צייט פון דער מלחמה אין דער אַרבעט־אַרמיי, פון די עלטערע זענען א סך אויסגעשטאָרבן. כמעט אַלע פון די פּאָליאַקן און יידן זענען אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן און קיין ישראל. די געבליבענע, מערסטנס פרויען, האָבן געפירט די ווירטשאַפט, יעדער איינוווינער האָט פאַרמאָגט זעכציק הונדערטלעך ערד אַרום זיין שטוב, א סך האָבן געאַרבעט אין שטאַטראַט, אין די קאָאָפּעראַטיוון, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט די לאַנד־פּראָדוקטן צו עקספּאָרטירן, האָבן זיי געהאַט אַלץ פאַר זיך און אַ ביסל פאַרקויפט צו ביליקע פרייזן. אַלץ וואָלט געווען נישט שלעכט, ווען נישט דער מאַנגל אין מענער. אייניקע האָבן זיך דערלויבט צו באַזאָרגן מיט אַ קינד אויף דעם, אָדער אַן אַנדער אופן.

ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך די סיבה, פאַרוואָס די יונגע פרויען האָבן אַזוי וואַרעם אויפגענומען די אָנגעקומענע מענער. זייער לעבן איז געוואָרן היימלעכער און אינטערעסאַנטער. זיי האָבן דעריבער אָפּגעהיט זייערע

נייע מענער ווי ס׳איז אין קאָפּ, באַזאָרגט מיט די בעסטע מאכלים, מיט היימישקייט און מיט אַלץ אין וואָס זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענויטיקט אין משך פון לאַנגע יאָרן פון טורמע און לאַגער־לעבן. זיי האָבן אפילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס וועט זיין ווייטער, ווען די מ.ט.ס. וועט שוין פאַרטיק זיין און די צייט פון דער באַפרייאונג וועט אונטערקומען. וועגן פאָרמעל רעגיסטרירן זיך אין „זאַגס״ אַלס מאַן און ווייב האָט נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל כל זמן דער פאַרמשפּטער קומט אָפּ זיין שטראָף — קען ער נישט חתונה האָבן.

דערפאַר אָבער זענען געווען פאַרזאָרגט די באַלעבאַטים פון דעם שטעטל: דער פרעזעס פון שטאָט־ראַט, די פאַרטיי־סעקרעטאַרין. זיי האָבן זיך צוגעקוקט, ווי דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט. דער איינציקער קינאָ איז איבערפולט יעדן אָוונט. דער דראַמאַטישער קרייז האָט שוין אַדורכגעפירט אַ פאָרשטעלונג פון דריי איינאַקטערס און גרייט זיך צו שפּילן אַ גרעסערע פּיעסע.

נאָר מיט גרויס זאָרג האָבן זיי געקוקט אויף די ווייבערשע בייכער, וועלכע זענען געוואַקסן אין דעם אויגנבליק פון וואָך צו וואָך.

זיי האָבן געפּרוווט אָפיציעל זיך ווענדן צום פאָרזיצער פון קרייז־געריכט פון אַרכאַנגעלסק, אָבער קיינער איז נישט געווען בכוח אויסצומיידן דעם נייעם מלוכה־אוקאַז.

במשך פונעם גאַנצן ווינטער, ווען דער טייך איז געלעגן פאַרקאָוועט מיט אַ שווערער קייט פון אייז, איז אָפּגעשטאָרבן געווען כמעט די פאַר־בינדונג פונעם שטעטל מיט דער אויסערלעכער וועלט, בלויז דורך דער לופט פלעגן זעלטן אָנקומען בריוו און צייטונגען און מיטנעמען מיט זיך די בריוו פון דאַנען. זיי פלעגן אויך ברענגען עטלעכע פרישע פילמען און סחורות. דאָס האָט אויך געהאָלפן אָפּצוגעוויינען די מענער פון זייערע היימען און פאַמיליעס.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע פרילינג־נאַוויגאַציע איז אַראָפּגע־קומען אַהער דער פאָרזיצנדער פון אַרכאַנגעלסקער קרייז־געריכט, דער פּראָקוראָר און דער נאַטשאַלניק פון פּיעטשאָרלאַג.

זיי האָבן פאַרזאַמלט אַלע אַרבעטער אין קלוב פונעם שטאָט־ראַט. זיי

האָבן זיי געלויבט פאַר זייער טרייער אַרבעט און געדאַנקט פאַרן שנעלן אויפבויען די מ.ט.ס. דער „בריגאַדיר" האָט אויך דערציילט וועגן דער דיסציפּלין און פיינער אויפפירונג זייערער.

— איצט איז געקומען די צייט פון אייער באַפרייאונג, לויטן הומאַניטאַרן „אוקאַז" פון אונדזער רעגירונג, אונטער דער אָנפירונג פון ניקיטאַ סיער־געיעוויטש כרושטשאָוון. איר וועט ווערן באַפרייט פאַר דער צייט. — האָט זיך אָפּגערופן פייערלעך דער פאָרזיצער פון געריכט.

נאָך אים האָט גערעדט די סעקרעטאַרין פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

— איך מיין, אַז אויך איר האָט זיך נישט מיט וואָס צו באַקלאָגן, אייך האָט מען באַהאַנדלט אָרנטלעך, סיי מיר, סיי די באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט. כמעט אַלע האָבן אַ היפּש ביסל געלט אָפּגעשפּאָרט אויף די שפּאָר־ביכלעך. איך וויל נאָר באַרירן איין פראַגע, נישט פון רעכטלעכן, נאָר פון הומאַניטאַרן כאַראַקטער. מערסטנס פון אייך האָבן דאָ זיך דערוואָרבן פרויען, כאָטש לויטן געזעץ, האָט איר נישט געהאַט קיין רעכט דערצו. א סך פון אייערע פרויען זענען שוין אין אַנדערע אומשטענדן. ווי קען מען זיי פאַרלאָזן? ס'איז נישט עטיש און נישט מאָראַליש. ווי מיינט איר?

— מיר מיינען אויך אַזוי — האָבן אויסגעשריען עטלעכע מיטאַמאָל. מיר קלערן זיי נישט צו פאַרלאָזן. מיר וועלן זיך פאַרשרייבן אין „זאַגס" מיט זיי.

— איך קלער אַפילו צו אַדאָפּטירן מיין ווייבס קינד, צו וועלכן כ'האָב זיך צוגעוווינט ווי צו אַן אייגן קינד. — האָט זיך אָנגערופן סיעמיאָנאָוו.

— זיי, די בחורים איז גוט, זיי קענען דאָ בלייבן. אָבער אויף אונדז וואַרטן דאָך אונדזערע ווייבער און קינדער, ווי קענען מיר דאָס טאָן — האָבן עטלעכע זיך אַרויסגעזאָגט.

— מיינע האָט באַלד נאָך מיין משפּט געפאָדערט אַ גט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר — איך בלייב דאָ — האָט טקאַטשוק אַרויסגעשריען.

— און מיינע האָט זיך זיכער דאָרט „צעזניוכעט" מיט אַן אַנדערן. וואָס דען — וואַרטן וועט זי? איך בלייב דאָ — האָט גלינקא זיך אַרויסגעזאָגט.

דער סוף איז געווען, אַז פיר און פּירציק מענער זענען באַפרייט געוואָרן באַצייטנס און פאַרבליבן לעבן אין שטעטל מיט זייערע ווייבער.

אין איין טאָג האָבן זיך אַלע פֿאַרשריבן אין „זאַגס" — די בחורים. די, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ גט פון זייערע פריערדיקע ווייבער, האָבן באַקומען אַ צוזאָג פונעם פּאָרזיצער, אַז זיי וועלן אים באַקומען, נאָר זיי דאַרפֿן אַביסל צוּוואַרטן.

זעקס פון זיי, צווישן זיי אויך דער יעוואַנגעליקער עלאַריאָן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין וויטשעגאָדסקער לאַגער. זיי האָט באַדאַרפט דער אַרכאַנגעלסקער געריכט באַפרייען דאָ באַזונדער אויפן אָרט. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן די גרויסע גליקן, וואָס האָבן געטראָפן זייערע חברים. אויף זיי קוקנדיק האָבן שפּעטער נאָך אַנדערע פון די פֿאַרמשפּטע מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זייער באַפרייאונג און געפּלאַנירט אַריינצופֿאַלן אין ווייבערישן גן־עדן...

ארויסגעטריבן פונעם לאַגער

נאָכדעם ווי איך האָב פֿאַרבראַכט העכער אַ חודש צייט אין לאַגערנעם שפּיטאָל, האָב איך באַמערקט, ווי דאָס לעבן אין לאַגער האָט זיך אַ סך געענדערט. כמעט יעדן טאָג האָט דער ראַדיאָ־צענטער געמאָלדן וועגן פרישע מענטשן, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן. אַ סך עלטערע מענטשן און קראַנקע האָט מען אַקטירט. לויטן נייעם אוקאַז האָט מען באַדאַרפט באַפרייען פֿאַר דער צייט די יונגע פֿאַרברעכער, וואָס זענען ביים אויספירן זייער פֿאַרברעכן נאָך נישט אַלט געווען קיין 18 יאָר, אויב זיי האָבן שוין אַדורכגעמאַכט אַ דריטל פון זייער שטראָף און האָבן זיך דערביי אויפגעפירט לייטיש. אויך די עלטערע, וואָס האָבן אונטער זיך צוויי־דריטל פון זייער שטראָף — קענען ווערן באַפרייט פֿאַר דער צייט. אַלע, אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם געריכט פון אַרכאַנגעלסק, וואָס האָט באַדאַרפט פֿאָרמעל אַדורכפירן די באַפרייאונג. מערסטנס פון די קאַנדידאַטן אויף באַפרייאונג האָבן באַקומען פּראָפּוסקן אין שטעטל אַריין, זע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט אָן שום וואַך און אומגעקערט זיך אין לאַגער פריי,

ווי אַרבעטער. דאָס אַוועקגיין און צוריקקערן זיך פֿון דער אַרבעט איז פֿאַרגעקומען פֿייערלעך. דער אָרקעסטער האָט זיך אויסגעשטעלט ביי דער זייט פֿונעם אַריינגאַנס־טויער און געהילכט אין דעם אַרום מיט מאַרשן, וואָס זענען טראַנסמיטירט געוואָרן איבער אַלע ראַדיאָ־הילכערס פֿונעם לאַגער. טאָג־טעגלעך פֿלעגן אָנקומען נייע פֿון אַנדערע לאַגערן, סיי פּאָליטישע, סיי אפֿילו נישט קיין פּאָליטישע — קאַנדידאַטן צו דער נאָענסטער באַפֿרייאונג. גאָר אָפֿט פֿלעגן זיך טרעפֿן אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין יאָרן נישט געזען. אין די אָוונטן פֿלעגט דער קלוב זיין פֿול. מען האָט איינגעאָרדנט קאָנקורסן פֿון שאַכמאַט־שפּיל און פֿון „דאַמקע". גרישע האָט טריומפֿירט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דורכטרייבן דעם שטרענגן נייעם נאַטשאַלניק. דער „אַרבעט־ביולעטין" פֿון פּיעטשאָרע האָט געמאָלדן וועגן הויכע פּראָצענטער פֿון אויסאַרבעטונג דורך אונדזערע „פּראַיז־וואָדסטוועניקעס".

אויך וועגן מיר האָט גרישע נישט פֿאַרגעסן. ער האָט איבערגעשמועסט מיטן לאַגער־דאָקטאָר און יענער האָט מיך געקרוינט אַלס אינוואַליד און אַריינגעשטעלט אין צעטל פֿון די קאַנדידאַטן צו דער נאָענטער אַקטירונגס־קאָמיסיע.

דערווייל האָט גרישע מיך איינגעאָרדנט אויף נאַכטלעגער אין באַראַק, וווּ ס'איז געשלאָפֿן יעקב פֿון דער קיפּיאַטילניע. דער באַראַק איז פֿול געווען מיט ליטווינער און לאַטווער. זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. גערעדט כמעט שטענדיק צווישן זיך אויף זייערע שפּראַכן. דאָ איז געווען ריינער ווי אין אַנדערע באַראַקן, אַ סך שטילער. צו מיר פֿלעגן זיי זיך באַציען גוט צוליב דעם, וואָס יעקב איז מיין חבר. יעקבן האָבן זיי ליב געהאַט, ווייל ער איז אַ ריגער, אַן אומשולדיקער קרבן פֿון די באָלשעוויקעס. דערצו פֿלעגט יעקב געווונען אין דאַמקע־שפּיל אפֿילו ביי דעם בכבודיקסטן מיטגליד פֿון זייער קאָלעקטיוו ביי יוסטאַסן, דעם געוועזענעם פּולקאָווניק פֿון דער נאַציאָנאַלער לאַטווישער אַרמיי, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיי געקעמפֿט קעגן די באָלשעוויקעס.

גרישע האָט מיך איינגעאָרדנט אין קיך ביים שניידן די קאַרטאָפֿל. אַ ספּעציעלער מאַשין האָט די קאַרטאָפֿל געשאָבן, נאָר מיר האָבן באַדאַרפֿט

אַרויסרייניקן די טונקעלע ערטער אין דער מיט און צעשניידן די קאַרטאָפל אויף קלענערע טיילן.

דערפאַר פלעגן מיר באַקומען נאָך דער אַרבעט אַ טעלער מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל און אַמאָל אויך אַ שטיקל פלייש דערצו.

נאָכמיטאָג בין איך געווען פריי, האָב איך פאַרגעזעצט שרייבן מיין ראָמאַן „מיין גרויסע ליבע". די צאָל אָנגעשריבענע זייטלעך זענען געוואַקסן ווי אויף הייוון. ס'איז מיר נאָר שווער געווען צו באַקומען פּאַפּיר אָדער העפטן צום שרייבן. די דינע צוואַנציק זייטיקע העפטן, וואָס מיר איז געלונגען צו באַקומען, זענען געווען געמאַכט פון גרוי, דין פּאַפּיר, האַלץ־פּאַפּיר, וואָס נאָר מיט אַ בלייפעדער פלעג איך קענען אויף דעם שרייבן.

ליג איך אַזוי איינמאָל נאָכמיטאָג אין באַראַק אויפן בעט און דרימל. כאַפּט זיך צו מיר אַריין יעקב פון דער קיפּיאַטילניע, גייט צו נאָענט צו מיר און פאַרטרויט מיר אַ סוד:

זיין ווייב האָט אים צוגעשיקט אַ פּעקל מיט גוטע זאַכן און פון אויבן איז געלעגן אַ קורץ בריוול: „לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט זיין דאָס לעצטע פּעקל. עס געזונט!"

— וואָס קען דאָס באַדייטן, מאַרקאָוויטש? פרעגט ער מיך.

— גאָר פּשוט, ענטפער איך אים מיט פרייד, אינגיכן וועט מען דיך באַפרייען, יעקב, דו, גרייט זיך אין וועג אַריין!

ווי איך בין נאָר אַנשלאָפן געוואָרן, לויפט ער יעקב אַריין נאָכאַמאָל מיט אַ געשריי:

— מאַרקאָוויטש, שטיי אויף גיכער! מען טרייבט מיך אַרויס פונעם לאַגער!

— וואָס הייסט, מען טרייבט... פרעג איך מיט פאַרוווּנדערונג און פרייד.

— יאָ, יאָ! דער נאַטשאַלניק איז אַריינגעקומען צו מיר אין קיפּיאַטילניע און באַפוילן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פונעם גענעראַל־פּראָקוראָר בזו הלשון:

—ניעמיעדלענאָ אָסוואָבאָדיט און טעלעגראַפּנאָ דאָלאָזשיט אָב איספּאָל־נעניי" — תיכף ומיד באַפרייען און טעלעגראַפירן וועגן אויספירן דעם באַפעל". דער נאַטשאַלניק וויל איך זאָל זיך איבערטאָן שענער אין אַ נייעם

אָנצוג פון קאָרט. איך קען באַשטיין אַראָפּקומען קיין לענינגראַד מיט מיין וואַטענער פופייקע...

ווען מען האָט באַוויזן אויסצופּאַרטיקן זיינע באַפרייאונגס פּאַפּירן — ווייס איך נישט. אַלע יידן, וואָס האָבן זיך דערוווסט וועגן דער אומגע־ריכטער נייעס, זענען אָנגעלאָפן כדי צו באַגלייטן יעקבן ביז צום טויער. די פרישע פּאָסילקע האָט ער איבערגעלאָזט און נאָכגעשריען: — מאַרקאָ־וויטש, צעטיילט די יאָטן...

שנעל, שנעל האָט זיך יעקב, דער אומשולדיקער ייד, וואָס האָט געדינט אין היטלערישן שפּיטאָל אַלס קראָליק פאַר מעדיצינישע עקספּערימענטן, געזעגנט מיט די חברים. אויף גיך האָט מען אים עקספּעדירט פונעם לאַגער, ווי ער וואָלט נאָך איצט געווען אָנגעשטעקט מיט מיליאָנען מיקראָבן, וואָס קענען, חלילה, דינען אַלס זאַראַזע פאַרן גאַנצן לאַגער...

יעדער פרישער ענטפער אויף מיינע אָדער אויף מיין ווייבס אָנקלאַגעס און, געווענלעך, זענען זיי געווען נעגאַטיווע מיט אַ שאַבלאָנישן ענטפער: „פאַרמשפּט ריכטיק!" האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר דעם חשק צו קעמפן פאַרן אמת, פאַר מיין באַפרייאונג. אָבער ווי אַזוי טוט מען עס? איך בין געווען זיכער, אַז קיינער האָט נישט אַ בליק געטאָן אין מיין „דיעלאָ". ווי אַזוי זשע פאַראינטערעסירט מען זיי, ווי אַזוי רירט מען זיי אויף פון זייער גלייכגילטיקער פאַרגליווערטקייט? — וועגן דעם האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן.

איך האָב געזען ווי געוועזענע היטלעריסטישע כאַלאַפּעס, וועמענס הענט זענען באַפלעקט מיט אומשולדיק יידיש בלוט, ווערן טאָג־טעגלעך באַפרייט פונעם לאַגער, אַפילו ווען זיי האָבן באַקומען 25 יאָר שטראָף. און איך? און די איבעריקע יידן, וואָס קומען שוין אָפּ זייער אומגערעכטע שטראָף עטלעכע יאָר? חוץ יעקבן איז קיינער נישט באַפרייט געוואָרן. ליגנדיק ביינאַכט אויף מיין געלעגער, איז מיר איינגעפאַלן אַ ריזיקאַלישער געדאַנק. איך וועל אָנשרייבן אַן אויסטערלישע אָנקלאַגע, אין דער פאָרם פון אַ פּיעסע און שיקן זי ניקיטאַ סיערגיעוויטשן כרושטשאָוון אין די הענט

אַריין. אויב מיר וועט געלונגען אים צו פּאַראינטערעסירן מיט איר, וועט ער שוין צווינגען די געהעריקע אינסטאַנצן מיט מער ערנסט זיך צו פאַר־נעמען מיט מיינע אָנקלאַגעס. דעם אינהאַלט און אפילו וועגן דער פאָרם פון דער פּיעסע האָב איך שוין געהאַט פּאַרטיק אין מיין גדאַנק נאָך דאַן, ווען איך האָב אין די עטלעכע נעכט אָפּגעהיט דאָס געוועלב און שיר נישט געפאַלן אַ קרבן פון דער אומגעלונגענער גנבה. דער גדאַנק האָט מיך כסדר געעקבערט אין מיין מוח און געטריבן אים צו פאַרווירקלעכן. אָפט פלעג איך זיך פאַרטראַכטן וועגן אינהאַלט, וועגן איינצלנע בילדער, פון אויסנווייניק האָב איך וויַ אַרויסגעלייענט גאַנצע זאַצן אין פערזן. אַן העלפט פון דער נאַכט בין איך נישט געשלאָפן, נאָר געטראַכט. איך בין אַריינגעגאַנגען אין וואַש־צימער, אַריבערגעטראָגן אַהין מיין שאַפקעלע און מיט ציטער איבערן גאַנצן קערפּער, געשריבן מיט אַ בלייפעדער שנעל, שנעל, נישט טראַכטנדיק אפילו, וואָס איך שרייב. אַן אינערלעכער כוח האָט מיך געטריבן דערצו, פּונקט ווי עמיצער וואָלט מיר דיקטירט און איך האָב נאָר פאַרשריבן. צוויי טעג בין איך אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס איך וועל שרייבן ביינאַכט. האַלבע נעכט פלעג איך זיך געפינען ווי אין אַ היפּנאָטיזירטן און נישט אויפגעהערט צו שרייבן. ערשט נאָכדעם האָב איך זיך אַרומגעקוקט, אַז איך האָב אָנגעשריבן אַרום 60 זייטלעך און אַלץ אין פערזן, און ס׳האָט זיך אַזוי אומגעריכט פאַר מיר, באַקומען אין גראַמען. איך האָב די פּיעסע־אָנקלאַגע אָנגערופן „דער אמת מוז זיגן״. ביים סוף האָב איך צוגעשריבן באַמערקונגען אויף 12 זייטן, איך האָב זי איבערגעשריבן אויף ריין, אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קאָנווערט, וואָס איך האָב אַליין געמאַכט פון פּאַק־פּאַפּיר. אָנגעשריבן דעם אַדרעס: „צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מאָסקווע. כרושטשאָוו ניקיטאַ סיערגייעוויטש — אין די אייגענע הענט״ — האָב איך אונטערגעשטראָכן. איך האָב דעם קאָנווערט איבערגעגעבן אין דער ספּעצ־אָפּטיילונג פונעם לאַגער. און איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט. איך האָב קיינעם נישט געוואָלט וועגן דעם דערציילן, מורא האָבנדיק, זיי זאָלן מיר אָפּרעדן פון אַזאַ ערנסטן, ריזיקאַלישן אופטו.

— ערגער קען שוין נישט זיין — האָב איך געטראַכט. איך בין געווען צופרידן וואָס איך האָב מיט מיין געוואַגטער טאַט אַביסל באַרואיקט מיין אומרואיקן געוויסן. אין מיין אונטערבאַוווסטזיין האָט געטליעט אַ האָפנונג, אַז דער אויפּטו קען דערנענטערן מיין באַפרייאונג.

אין דער פּיעסע האָבן אָנטיילגענומען דריי אויסגעטרוימטע ריכטער פונעם העכסטן געריכט, וואָס זוכן דעם אמת און קעמפן פאַרן יושר. דער שטורמדיקער צפון־ווינט דערטראָגט מיך צו זיי אַזש פון וויטן צפון. פאַר זיי גיס איך אויס מיין ביטער האַרץ און פאַראינטערעסיר זיי מיט אַלעמען, וואָס מיר איז אויסגעקומען אַדורכצומאַכן און ליידן אָן אַ שום פאַרוואָס. זיי רופן אַרויס דעם ריכטער, דעם פּראָקוראָר, דעם אויספאָרשער און יעדער איינער מוז אין היכל פון אמת, ווו מען קען נאָר אמת זאָגן, זיך מודה זיין אין אַלץ, וואָס האָט דערפירט מיך אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און צו דעם אָפּקומען מיין נישט פאַרדינטע שטראָף אין לאַגער. צום סוף זאָגן אַלע צו, אַז זיי וועלן טיפער און ערנסטער זיך פונאַנדערקלייבן אין אַלעמען און צוהעלפן דעם הויכן געריכט אַרויסבאַקומען דעם אמת...

די אויסגעטרוימטע דריי ריכטער, וואָס זוכן דעם אמת און די גערעכטיקייט האָבן ווי אַנאַליזירט אָביעקטיוו יעדע באַשולדיקונג באַזונדער און מיט זייער באַווייזן, אַז אַ באשולדיקונג פון דעם מין איז כאַראַקטעריסטיש פאַר א סך, אסך אַזעלכע באַשולדיקונגען פון אנדערע קרבנות פון דער אומגע־רעכטיקייט. זיי האָבן אויך געלערנט די פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציען צו זייערע אויפגאַבן, ווי אַזוי צו טרעטן אויף די וועגן פון גערעכטיקייט און יושר, זיי האָבן אויך אָנגעוויזן די גרויסע עוולות וועלכע ווערן באַגאַנגען אין דער יוסטיץ און וועלכע שאָדנס זיי ברענגען דעם איינצעלנעם בירגער און אַזוי אַרום אויך דער מלוכה. אין זייער קורצער באַראַטונג באַטאָנען זיי די פעלערן פון דער עקזיסטירנדיקער יוסטיץ: דאָס משפטן לויט אַנאַלאָגישע פאַרברעכנס, וואָס זענען פאַקטיש ווייט איינער פון צווייטן ווי מזרח פון מעריב, דאָס פאַרמשפטן אויף טערמינען: אָדער אויף 10, אָדער אויף 25 יאָר אָן די מיטלסטע שטאַפּלען. דערביי געבן זיי אָן געוויסע עצות און אָנווייזונגען ווי אַזוי צו אויסבעסערן די אָפּגעטועטע פעלערן...

יואל פערעל

די אקטירונג

די פיעסע „דער אמת מוז זיגן" איז אָוועקגעשיקט געוואָרן צו ניקיטאַ סיערגיעוויטשן כרושטשאָוון קיין מאָסקווע, אָבער דאָס וואָס דער לאַגער־דאָקטאָר האָט מיר צוגעשטעלט צו דער אַקטירונג איז נישט ווייניקער וויכטיק. אפשר וועט מיר געלונגען אַזוי אַרום זיך באַפרייען? אויף דער פריי איז גרינגער צו קעמפן פאַר רעהאַביליטירונג, ווי אין לאַגער. איצט בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער נייער מעגלעכקייט צו ווערן פריי, און אַלע מיינע געדאַנקען און אויפטוען זענען געריכטעט געוואָרן אין דער ריכטונג. איך האָב געוווּסט, אַז די געזונטהייטס־קאַרטע פון דעם שפּיטאָל וועט זיין גינסטיק פאַר מיר; דאָס נישט באַנוצן זיך מיט די קינסטלעכע ציין און די נישט פּאַסיקע דערנערונג, דורך אַראָפּשלינגען גאַנצע שטיקער פונעם שפּייז פאַרשאַפט מיר בויך־ווייטיקן, דער הויכער בלוט־דרוק, וואָס איך האָב געהאַט אין לאַגער פון דער 501 סטראָיקע, אין זאַפּאָלאַריע איז אין אַ קליינער מאָס אַראָפּגענידערט געוואָרן, דאָך איז ער ביי מיר אַ סך העכער ווי ביי אַ געזונטן מענטשן. מיט דעם באַגאַזש בין איך מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ אריבער די שוועל פון איזאָליאַציע־צימער, וווּ עס האָט אַמטירט די אַקטירונגס־קאָמיסיע. צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָב איך דערזען, אַז דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז מיין אַלטער באַקאַנטער פון יעלעצק דער „ווייסרוס" אַלעקסאַנדער לוואָוויטש, אויך מירא איסאַקאָוונא און די טאָטערין פון דעם לאַגערנעם שפּיטאָל זענען געווען און מיט זיי אונדזער היימישער לאַגער־דאָקטאָר דער דייטש גוסטאַוו. ביי אַ באַזונדער טישל איז געזעסן דער לאַגערניק, דער דאָקטאָר פון ליטע, וועלכן גרישן האָט געהאָלפן צו ווערן אין וויטשעגאָדסק דער געהילף פונעם לאַגער־דאָקטאָר. אין דעם האָב איך אים א סך צוגעהאָלפן, באַקענענדיק אים מיט גרישען. איך האָב זיך געקלאָגט אויף בויך־ווייטיקן, אויפן האַרצן. יעדער איינער האָט מיר קורץ באַטראַכט און אַריבער־געשיקט צו אַ צווייטן. דעצידירט האָט דער לעצטער, דער ליטווינער, וואָס האָט מיר געמאָסטן מיין בלוט־דרוק. אויף אַ בריוועלע האָט ער אָנגעשריבן 120—220 און עס אַריבערגעשיקט צום פאָרזיצער, צו אַלעקסאַנדער לוואָ־

וויטשן. דער מאָמענט האָט, ווייזט אויס, דעצידירט די פראַגע פון מיין אַקטירונג. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט גרישע מיר דערטראָגן בסוד, אַז מען האָט מיך אַקטירט און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די נאָענסטע סעסיע פון אַרכאַנגעלסקער געריכט וועט מיך פונעם לאַגער באַפרייען.

איך האָב זיך געפרייט מיט דער בשורה ווי אַ קליין קינד, נישט ווילנדיק אפילו טראַכטן וועגן דעם, אַז מיין געזונט־צושטאַנד איז במשך פון די צוויי יאָר, וואָס איך קום אָפּ אין די לאַגערן מיין אומגערעכטע שטראָף, אַזוי פאַרערגערט געוואָרן, אַז איך טויג שוין אפילו נישט פאַרן לאַגער.

די אַקטירונגס־קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט, כמעט פופציק פראָצענט פון די צוגעשטעלטע צו דער אַקטירונג האָט זי אַקטירט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַראָפּגעקומען דער פאַרשטייער פון פּיעטשאָר־לאַג, וועלכער האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן די אַקטירונגען פון דער קאָמיסיע. ער איז געזעסן צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער לוואָוויטשן אין צימער פונעם דאָקטאָר און צו אים זענען אַרויסגערופן געוואָרן איינציקווייז די לאַגער־ניקעס, וואָס זענען אַקטירט געוואָרן. צו יעדן איז ער געווען שטרענג און אייניקע אפילו פאַרגעוואָרפן, אַז זיי זענען „סימוליאַנטן" וואָס ווילן זיך פּריצייטיק באַפרייען פונעם לאַגער. אויף מיר האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר פאַרגעלייגט דעם דאָקטאָר אַלעקסאַנדער לוואָוויטשן:

— מעסט אים דעם בלוט־דרוק!

דער דאָקטאָר האָט געמאָסטן איינמאָל, דערנאָך נאָך אַמאָל און אָנגע־שריבן אויף אַ קוויטל 230.

יואל פּערעל
נאָך דער
אויספאָרשונג
אין מאַי 1953

— וואָס טוט איר אין לאַגער? פרעגט ער מיך.

— איך העלף אין קיך שניידן די קאַרטאָפל.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין מיין לאַגער־קאַרטע און אַ פרעג־געטאָן:

— איר זענט געווען אַ לערער, מיט העכערער בילדונג?

— יאָ! האָב איך געענטפערט.



יואל פּערעל
צו דער
אַקטירונג
אין מאַי 1955

— פאַרוואָס לערנט איר נישט די לאַגערניקער לייענען און שרייבן?

— עס רוישט מיר אין קאָפּ. איך לייד אויף בויך־ווייטיק. דערביי ווייז איך אים, אַז כהאָב נישט קיין איין צאָן אין מויל.

— איר קענט גיין! האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ רויקן טאָן, ווי איינער זאָגט: — „כאַפּט דיך דער וואַטנמאַכער!" — — —

פינף פון די אַקטירטע דורך דער אַקטירונגס־קאָמיסיע האָט ער אָפּגע־וואָרפן: אַלע פינף זענען געווען בעלי מלאכות, איינער אַ פריזירער, צוויי שוסטערס.

— איר אַרבעט נישט שווער אין לאַגער. דער רוח וועט אייך נישט נעמען! איר קענט נאָך אַביסל נוצן ברענגען דעם לאַגער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אָנגעקומען אין אונדזער לאַגער נייע מענטשן פון אַנדערע לאַגערן און פונעם שפּיטאָל. זיי האָט באַדאַרפט דער אַרכאַנ־געלסקער משפט באפרייען פאַר דער צייט, נאָכדעם, ווי זיי זענען שוין אָפּגעקומען צוויי דריטל פון זייער שטראָף. עס זענען אויך געקומען די יונגע, וואָס זענען פאַרן פאַרמשפּטן נישט אַלט געווען קיין 18 יאָר און זיי זענען שוין אָפּגעקומען אַ דריטל פון זייער שטראָף. עס זענען אויך געקומען די אַקטירטע, די קאַליקעס, א סך פון זיי באַוואַקסענע מיט בערד, אייניקע וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף אַ שטעקן — אַלע זעען אויס א סך עלטער פון זייערע אמתע יאָרן, מיט אויגן פאַרלאָשענע, מיט שווערן אָטעמען, הוסטנדיקע און שפּייענדיקע...

עזריאל מוטשניק, דער האַרץ־ליידנדיקער, דער גלגול פון קאַרל מאַרקסן אין אַ סאָוויעטישן לאַגער, איז אויך אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פונעם שפּיטאָל. מיט אים איז אויך געקומען יאַשע „דער מצורע" — צוויי גוטע חברים אין דער נויט. כאָטש לויט זיין עלטער האָט ער יאַשע געקענט אָנגיין פאַר עזריאלס אַ זון. זיין קונסט־ווערק, די דין־געוועבטע דעק אויף אַ בעט, די מתנה פאַר זיין ווייב, האָט ער פאַרענדיקט. צוזאַמען מיט עזריאלן און יאַשען בין איך געווען דער דריטער פון די יידן, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם געריכט פון אַרכאַנגעלסק.

צווישן די פריש אָנגעקומענע האָב איך אויך געטראָפן איינעם פון לוצק באַריע דאַל. ער איז געווען אַ זון פון אַן אָנגעזעענעם גביר אין לוצק, וואָס איז געווען אַ סענאַטאָר אין פּוילישן סענאַט. מיך האָט ער קוים

דערקענט, אַזוי שטאַרק האָט מיך פּאַרענדערט די געדיכטע גרויע באָרד, וואָס האָט זיך במשך פון די עטלעכע חודשים, נאָך מיין אומקערן זיך פונעם שפּיטאָל, צעוואַקסן ברייטלעך און הדרת פּנימדיק...

אַנטלויפנדיק פון לוצק בשעת דער היטלער־אינוואַזיע אין 1941 יאָר, איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. אַלס ספּעציאַליסט אין פאַרמאַצעווטיק האָט ער געאַרבעט אין אַפּטייק פון אַ מיליטערישן שפּיטאָל. ביים סוף פון דער מלחמה איז זייער שפּיטאָל געשטאַנען אויף דער רומענישער טעריטאָריע. ער, באָריע, פלעגט זיך חברן מיט אייניקע פון די רומענישע משפחות. איינער פון זיינע קריסטלעכע מיטאַרבעטער האָט דערטראָגן, אַז ער וויל אַנטלויפן קיין אויסלאַנד און פון דאָרטן קיין ארץ־ישראל, דערפאַר הברט ער זיך מיט די רומענישע יידן. עס איז גענוג געווען, כדי אים צו באַשולדיקן אין פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד און פאַרמשפּטן אים אויף 10 יאָר אַרבעט־אויסבעסערונגס לאַגער. העכער אַכט יאָר איז ער שוין אָפּגעקומען. איצט איז ער שוין אַלט און קראַנק. אפילו דאָס באַפרייען אים פאַר דער צייט — פרייט אים נישט. צו וועמען קען ער זיך קערן און ווענדן?! זיין איינציקער ברודער, וואָס אַרבעט ערגעץ אין רוסלאַנד אַלס אַפּטייקער, האָט אַ ווייב מיט קינדער. מיט זיין קומען צו אים קען ער אים נאָך אומגליקלעך מאַכן. זיינע עלטערן האָבן די היטלעראָוועצעס און אוקראַינער אומגעבראַכט. זיין ווייב איז אַנטלאָפן צו אירע עלטערן קיין וואַרשע. אַלע זענען זיכער אומגעקומען — אַזוי האָט ער געמיינט.

בכלל האָט ער זיך געפילט איבעריק אויף דער וועלט. די אַכט יאָר לאַגער־לעבן האָבן אָפּגעטעמפּט זיין חשק צו לעבן...

אויף דער שוועל פון באפרייאונג

דער קלוב איז פול געווען מיט די גליקלעכע לאַגערניקעס, וואָס דער אַנגעקומענער קרייז־געריכט פון אַרכאַנגעלסק האָט באַדאַרפט באַפרייען פונעם לאַגער, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אַדורכגעמאַכט צוויי דריטל פון זייער שטראָף.

אין דער טיף זענען געזעסן דריי ריכטער, איינער דער פאָרזיצער פון אַרכאַנגעלסקער קרייז־געריכט און צוויי יונגע פרויען — בייזיצערינס,

וואָס זענען פאַרבעטן געוואָרן פון וויטשעגאָדסק גופא. זיי האָבן געשפּילט די ראָל פון סטאַטיסטינס. אין דער רעכטער זייט איז געזעסן דער געקומענער פּראָקוראָר — אַ יונגער בלאָנדער בחור מיט אַ געדיכטער קודלע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גאָלדענע, רייפע תבואה־זאַנגען. לינקס איז געזעסן אונדזער קולט־אָרג, אַנשטאָט אַ פאַרטיידיקער, וואָס האָט באַדאַרפט זיך אַרויסזאָגן ווי אַ מליץ־יושר וועגן יעדנס אויפפירונג אין לאַגער, איבער־לייענענדיק די פאַרטיקע כאַראַקטעריסטיקעס.

ביי אַ טויטער שטילקייט האָט דער פאָרזיצער געהאַלטן אַ ריידע וועגן די גרויסע חסדים, וואָס די ראַטן־מאַכט טוט פאַר די בירגער אירע, וואָס האָבן זיך אין זייער לעבנס־וועג אויסגעגליטשט און וועלכע האָבן מיט זייער ערנטלעכער אַרבעט אין אויסבעסערונגס־לאַגער און גוטער אויפ־פירונג באַוויזן, אַז זייער אַרט קען שוין זיין צווישן אָרנטלעכע מענטשן אין דער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און די רעגירונג, אונטער דער אָנפירונג פון ניקיטאַ סיערגיעיעוויטשן כרושטשאָוון האָבן דעריבער געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן דעם „אוקאַז״ זיי צו באַפרייען פאַר דער צייט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַדורכגעמאַכט דריי פירטל פון זייער שטראָף. אויך די יונגטלעכע, וואָס זענען באַגאַנגען זייערע פאַרברעכנס, איידער זיי זענען אַלט געוואָרן 18 יאָר, וועלן באַפרייט ווערן פאַר דער צייט, אויב זיי זענען אָפּגעקומען אַ דריטל פון זייער שטראָף. ער וויל האָפן, אַז די באַפרייטע וועלן מיט זייער אָרנטלעכער אַרבעט אויף דער פריי אָפּדאַנקען אונדזער צענטראַל קאָמיטעט, אין דער שפּיץ פון וועלכן עס שטייט ניקיטאַ סיערגיעיעוויטש כרושטשאָוו, פאַרן גרויסן חסד, וואָס מען האָט מיט זיי געטאָן.

דער קולט־אָרג האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אַפּלאָדירן און נאָך אים האָבן אַלע אָנוועזנדע אין קלוב אַפּלאָדירט.

נאָכדעם האָט מען אויסגערופן איינציקווייז לויטן אלף־בית. יעדערער האָט באַדאַרפט אָנגעבן זיין נאָמען, עלטער, סטאַטיי, לויט וועלכער ער איז באַשולדיקט געוואָרן און אויף וויפל יאָר מען האָט אים פאַרמשפּט.

דער פאָרזיצער: צי מיינט איר, אַז די שטראָף, וואָס איר האָט באַקומען

איז געווען אַ גערעכטע ? דער ענטפער אויף דער פראַגע האָט ביי אַ סך אַרויסגערופן באַאומרויקונג. אייניקע האָבן געענטפערט קורץ „יאָ", אייניקע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט: — וואָס איז דאָ איצט וועגן דעם צו רעדן, ס'איז שוין אַ זאַך פון עבר. ס'איז געשען — און פאַרפאַלן. מער וועט עס שוין נישט געשען!

דער קולט־אָרג האָט איבערגעלייענט פון אַ פּאַפּירל די כאַראַקטעריסטיק, וועגן דער אָרנטלעכער אַרבעט, וועגן דער מוסטערהאַפטער אויפפירונג פונעם קאַנדידאַט צו באַפרייען.

דער פּראָקוראָר האָט זיך דאַן אַרויסגעזאָגט קורץ און געהאַלטן, אַז מען קען דעם פאַרמשפטן באַפרייען פאַר דער צייט לויטן „אוקאַז".

דער פאָרזיצער האָט עפעס אַ פרעג געטאָן די בייזיצערינס. זיי האָבן, ווי לויטן באַפעל, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. דאַן האָט עס אַרויסגעלייענט דעם פסק־דין, וואָס איז געווען קורץ און שאַבלאָניש:

„היות דער בירגער ג... האָט אַרויסגעוויזן זיין אויסבעסערונג און חרטה אויף זיינע אָפּגעטוענע חטאים ווערט ער, לויט „אוקאַז" באַפרייט פאַר דער צייט".

אַלע אָנוועזנדיקע אין קלוב האָבן אַפּלאָדירט און דער באַפרייטער האָט באַדאַנקט די ריכטער פאַרן חסד און פאַרלאָזט דעם זאַל. ווען מען האָט אויסגערופן גרישען דעם נאַריאַדשיק האָבן אַלע אין זאַל אים אויפגענומען מיט אָוואַציעס. דער קולט־אָרג האָט אים שטאַרק געלויבט פאַר זיין איבער־געגעבענער אַרבעט און מוסטערהאַפטער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטן אין לאַגער. אים האָט אַפילו דער פאָרזיצער געדרוקט די האַנט און געווונטשן דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקן לעבן אויף דער פריי.

די יידן, וואָס זענען געווען אין זאַל, בשעת מען האָט אונדזער ליבן פריינט באַפרייט האָבן געהאַט טרערן פון פרייד אין די אויגן. ווען גרישע איז מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אַרויס פון זאַל, זענען אַ סך פון אונדז אויך אַרויס פון זאַל, כדי אים צו באַגריסן און אָפּדאַנקען פאַר אַלץ, וואָס ער האָט פאַר אונדז יידן געטאָן. איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און זיך צעקושט מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען באַפרייט די יונגע, וואָס זענען נאָך קיין

18 יאָר נישט אַלט געווען, ווען זיי האָבן באַקומען זייערע 10 יאָר אויס־בעסערונגס־אַרבעטס לאַגער. אייניקע פון זיי האָבן שוין אויסגעזען ווי דערוואַקסענע מענטשן. די עטלעכע יאָר, וואָס זיי זענען אָפּגעקומען אין לאַגער, זענען געווען פאַר זיי אַן האַרטע שול פון לעבן. דאָ אין לאַגער האָבן זיי געהאַט גענוג לערער, וואָס האָבן זיי געעפנט די אויגן זיי זאָלן דערזען די ווירקלעכקייט, ווי טרויעריק זי זאָל נישט זיין. דאָ האָבן זיי געשטאַרקט זייערע כאַראַקטערן, די אויגן האָבן געשיינט מיט פאַרביסנקייט און רייפקייט. קיין שום דערוואַקסענער האָט נישט אַזוי ווייטיקלעך אָפּ־געפילט די עוולות, וואָס זענען לגבי זיי באַגאַנגען געוואָרן אויף דער שוועל פון זייער רייף ווערן...

ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען זיך פאַרנומען מיט די אַקטירטע אינוואַלידן. אַלע זענען מיר געשטאַנען אין דער ריי אין פאָדערהויז און איינציקווייז האָט מען אַריינגעלאָזט אין זאַל אַריין. יעדערער פון אונדז האָט אויסגעזען נאָך עלטער ווי שטענדיק, מערסטנס מיט שטעקנס אין די הענט. די פנימער צעקנייטשטע מיט פאַרלאָשענע אויגן. די הערצער האָבן שטאַר־קער געקלאַפּט ווי שטענדיק. אפילו די, וואָס זענען שוין אַרויסגעגאַנגען פון קלוב זענען געווען אומעטיק. ס׳איז שווער געווען צו טרעפן, צי האָט מען אים באַפרייט, צי נישט. און אפשר האָט מען זיי נישט איבערגעלייענט אויף אַ קול זייער פסק־דין?

פון די יידן איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען עזריאל מוטשניק „דער גלגול פון קאַרל מאַרקסן". נאָך פאַרן אַריינגיין האָט ער אויסגעטרונקען פון אַ פלעשל אַביסל וואַלעריאַן־טראָפּן. די באַקן זיינע האָבן געפלאַמט מיט אַן העליש פייער. ער האָט זיך געזוימט דאָרטן לענגער פון אַנדערע. פון זאַל האָבן זיך דערהערט הויכע דיבורים פונעם פאָרזיצער, ווי ער וואָלט אויף אים געשריען, נאָר וואָס — האָבן מיר נישט געקענט הערן. ער, עזריאל, אין אַרויס פון געריכט אַ דערשלאָגענער, ביים אַרויסגיין האָט ער זיך אַסטמאַטיש פאַרהוסט און הוסטנדיק איז ער גלייך אַרויס אין דרויסן, ווי ס׳וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם. איך און יאשע זענען גלייך אַרויס אין דרויסן נאָך אים. נאָר פרעגן עפּעס איז געווען איבעריק. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרשפּילט. איך בין פאַרבליבן מיט אים אין

דרויסן. ער האָט איינגענומען אַ פרישע פּאָרציע וואַלעריאַנקע. יאַשע איז אַריין אינעווייניק אַ צערודערטער. זיין ריי איז אונטערגעקומען און ער איז אַריין אין געריכט־זאַל. די פרישטשעס אויף זיין פּנים, אויף די הענט און קאָפּ האָבן זיך צעיאַטערט. דער יונגער, שיינער יאַשע האָט אויסגעזען אויסטערליש אָפּשרעקנדיק. אויך אויף אים האָט דער פּאָרזיצער געשריגן און אָפּגעחוזקט:

— האָבן זיך צונופגענומען די משהלעך און שלמהלעך און אונדזער פּאָטער־לאַנד און געוואָלט שאַפן זייער מלוכה אין אונדזערער. גנבות, גזלות און ספּעקולאַציע — אויף די וועגן האָבן זיי זיך געלאָזט. איר האָט געמיינט, אז סיוועט אייך געלונגען!

יאַשע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט מען אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— סימולאַנטן זענט איר! זעט נאָר, ווי עקלהאַפט ער האָט זיך געמאַכט. דער קולט־אָרג האָט איבערגעלייענט דעם דיאַגנאָז פון דער אַקטירונגס־קאָמיסיע, האָט איבערגעלייענט זיין כאַראַקטעריסטיק פונם לאַגער־שפּיטאָל.

— אָפּלעגן די באַפרייהונג ביז מיר וועלן באַקומען צוגאָב אויפקלערונגען

— האָט פּאָרגעלייגט דער פּראָקוראָר.

יאַשע איז ארויס פון זאַל מיט פינקלדיקע אויגן. די עוולה לגבי אים איז געווען אַ בולטע. אינגאַנצן זענען פאַראַן דריי אַקטירטע יידן, האָט מען שוין צוויי פון זיי אָפּגעזאָגט. אינדערצייט ווען צווישן די אַקטירטע זענען פאַראַן צענדליקער מערדערס, וואָס האָבן בשעת דער היטלער־אָקופּאַציע באַפלעקט זייערע הענט מיט יידיש בלוט — זיי האָט מען באַפרייט, זיכער באַפרייט.

איך האָב שוין קיין חשק נישט געהאַט אריינצוגיין. איך האָב אדורכגעלאָזט אַנדערע און געוואָלט זיין דער לעצטער. איך בין ארויסגעגאַנגען און געלאָפן זוכן גרישען, כדי צו פרעגן אים אַן עצה, וואָס איך האָב צו טאָן. איך האָב אים געפונען.

— גרישע, האָב איך מיט ברען ארויסגעזאָגט, מיר זענען אינגאַנצן דריי יידן אַקטירטע, צווישן זיי בין איך איינער אַ פּאָליטישער. זיי האָט מען נישט באַפרייט. וואָס זאָל איך טאָן?

— איר מוזט גיין, מאַרקאָוויטש. ערגער קען דאָך נישט זיין. גייט און זייט מצליח!

פון גרויס אויפרעגונג האָב איך באַקומען קאָפּ־ווייטיק. ס׳ווייזט אויס, אז מיין בלוט־דרוק האָט זיך געהעכערט. איך בין געגאַנגען ווי צו דער עקידה, פארמרה׳שחורה׳ט און פול מיט רעזיגנאַציע.

— איר זענט געווען אַ לערער, דערצויגען סאָוויעטישע קינדער, ווי האָט איר געקענט באַגיין אַזעלכע פארברעכנס? האָט מיך געפרעגט דער פאָר־זיצער.

— יאָ, איך בין געווען אַ געטרייער לערער און די פארברעכנס, וואָס מען האָט מיר פאָרגעוואָרפן זענען נישט באַגרינדעט, — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— הייסט עס, אז איר מיינט, אז מען האָט אייך פארמשפּט אויף 10 יאָר אומשולדיק? האָט דער פאָרזיצער ארויסגעזאָגט מיט פארדרוס.

— יאָ, וועגן דעם האָב איך צענדליקער מאָל געשריבן אין אַלע אינסטאַנצן, אפילו צו ניקיטאַ סיערגיעוויטשן.

— קומט איר הייסט עס שוין אָפּ העכער 2 יאָר אומשולדיק די שטראָף? אזוי מיינט איר? אַביסעלע ווינציק! איר וועט נאָך מוזן אַביסל צוווארטן ביז איר וועט זיך אויסבעסערן און פאַרשטיין אייער שולד!

— איך וועל גיכער שטאַרבן דאָ אין לאַגער און נישט פארשטיין מיין שולד. האָב איך מיט שטאָלץ ארויסגעזאָגט. אויב איר וועט מיך נישט באַפרייען, וועט איר אָפּטאָן די צווייטע עוולה קעגן מיר. יענע האָבן פאַרמשפּט אַ געזונטן מענטשן, איר פארמשפּט אַ מענטשן אַ חורבן, וועלכן דער לאַגער וועט פארניכטן אינגאַנצן, האָב איך אויסגעשריען.

איך האָב נישט אויסגעהערט מער קיין וואָרט און אנטלאָפן פון זאַל. אין אַ פירטל שעה אַרום בין איך אריינגעלאָפן צוריק אַ צערודערטער און אַוועקגעלייגט אויפן טיש פונם ריכטער די קאָפּיע פון דער פּיעסע־אָנקלאַגע, וואָס איך האָב געשיקט כרושטשאָוון, אַ פּאָר העפטן פון מיין ראָמאַן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין לאַגער א.ב. „מיין גרויסע ליבע״ און אַ פּיעסע „ס׳איז נאָכאַמאָל פרילינג״.

— נאַט, לייענט און זעט ס׳אַ גרויסער פארברעכער איך בין!

דער פארזיצער האָט געפּרוּווט מיך באַרואיקן:

— מיר האָבן אויסגעהערט אייער כאַראַקטעריסטיק. מיר וועלן זיך אויך באקענען מיט אייערע ווערק. מעגלעך, אז מיר וועלן נאָך איבערקוקן אונדזער באַשלוס.

מיט דעם זענען די געריכט־פּאַרהאַנדלונגען וועגן באַפרייען די אקטירטע לאַגערניקעס פאַרענדיקט געוואָרן...

יידן זענען הפקר

אַ יום־כפּורדיקע שטימונג האָט געהערשט ביי די יידן אין לאַגער.

— הפקר, הפקר זענען מיר, האָבן יידן געטענעט צווישן זיך. קיין איינעם פון די דריי אקטירטע האָט מען נישט באפרייט.

— נאָך סטאַלינס טויט האָט זיך די באציונג צו די יידן געביטן, האָט מען זיך געטרייסט. נאָט זעט, שוין צוויי יאָר נאָך סטאַלינס טויט, אין דער גליקלעכער ערע פון כרושטשאָוון איז ווייטער דער ייד הפקר און די באציונג צו אים איז אנדערש, ווי צו אנדערע פעלקער. חוץ די דריי יידן, האָט מען אלע, אלע אקטירטע באפרייט, אפילו זיי האָבן געהאַט באקומען טויט־שטראָף, וועלכע איז פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר טורמע און לאַגער־לעבן.

גרישען האָט זיך איינגעגעבן צו דערוויסן, אז איינער פונם לאַגער האָט אָנגעשריבן צו זיינעם א קוזין, אַ מיטארבעטער פון מ.ג.ב., אַז די יידן אין וויטשעגאָדסקער לאַגער האָבן באצאָלט צו 10 טויזנט רובל פאַר זייער אקטירונג, יענער האָט דעם בריוו אריבערגעשיקט צו דעם פאָרזיצער פון ארכאַנגעלסקער קרייז־געריכט און ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין צייט דאָס אויסצופאָרשן, האָט ער דערווייל באשלאָסן קיין איינעם נישט צו באפרייען... אים איז אפילו געלונגען זיך צו דערוויסן, אַז דאָס האָט אָפּגעטאָן דער אוקראַינער, דער היטלערישער כאַלאָפּ, דער פריזירער, וועלכן מען האָט אָפּגעזאָגט צו אקטירן.

— נאָך איידער איך וועל באפרייט ווערן וועל איך אים שיקן אין וואלד אריין ביימער האקן. דעם פאַרשאָלטענעם אנטיסעמיט און מסור! האָט גרישע אונדז געטרייסט.

דאָס געריכט האָט מיך מער נישט גערופן. דעריבער בין איך אויף דעם פירטן טאָג אריינגעגאנגען אין דער קאנצלאריע פונם נאטשאַלניק, ווו דער פאָרזיצער פון געריכט האָט אונטערגעשריבן די געריכט־באַשלוסן.

— איך בעט אייך מיר אומצוקערן מיינע ווערק, האָב איך געבעטן.

— איך האָב אייער ווענדונג צו ניקיטא סיערגעיעוויטשן געלייענט, האָט דער פאָרזיצער זיך אָפּגערופן. ס'האָט מיך פאראינטערעסירט. כ'האָב נאָך קיינמאָל אן אנקלאגע אין אַ פּיעסע־פאָרם אין גראַמען נישט געלייענט. איר האָט זי געשריבן מיט טאַלאנט!

— מיט מיין בלוט האָב איך זי געשריבן. — האָב איך געענטפערט.

— איבערקוקן אונדזער באַשלוס האָט דער פּראָקוראָר נישט דערלויבט, נאָר דער הויכער־געריכט פון רוסלאנד קען אים אנולירן, אָדער איבערמאַכן, נאָר אן העכערע אינסטאנץ, נישט מיר. — האָט ער רואיק ארויסגעזאָגט.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? האָב איך זיך געבעטן מיט פארצווייפלונג.

— שרייבט אָן אַ פּראָטעסט קעגן אונדזער באַשלוס און גיט אים מיר איבער אין די הענט!

— אייך? איר חוזקט אָפּ פון מיר! איר האָט אָפּגעזאָגט מיך צו באפרייען, קעגן אייער באַשלוס דאַרף איך פּראָטעסטירן און אייך דאַרף איך איבערגעבן מיין פּראָטעסט?

— כיטרעוועט וויניקער און טוט וואָס איך הייס אייך. איך וועל אייך צוהעלפן זיך צו באפרייען. אין אַן האלבער שעה ארום פאָר איך אָפּ. אויב איר וועט באַוויזן אָנצושרייבן קורץ — איז גוט, אויב נישט שיקט עס מיר איבער דורך דער ספּעץ־אָפּטיילונג.

איך האָב נישט געהאט וואָס אָנצווערן. איך בין אריין אין באראק און אין קורצן באַשריבן מיין לאגע, מיין געזונהייטס־צושטאַנד און וועגן דער אומגערעכטער האנדלונג מצד דעם ארכאנגעלסקער געריכט און געבעטן מיך צו באפרייען. מיין פּראָטעסט איז געווען געווענדעט צום הויכן־געריכט פון רוסלאנד.

איך האָב נאָך באַוויזן איבערצוגעבן מיין פּראָטעסט. דער פאָרזיצער האָט אויף גיך איבערגעלייענט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— זייט רואיק! וואָס איך וועל קענען, וועל איך טאָן פאר אייך! אין א פּאָר טעג ארום האָב איך אָנגעשריבן אויפן אדרעס פונם הויכן געריכט א ברייטערע אָנקלאַגע און צוגעלייגט אַ קאָפּיע פון מיין פּיעסע־אָנקלאגע, וועלכע איך האָב אוועקגעשיקט צו כרושטשאָוון.

גרישע האָט מיך רעקאָמענדיקט אין ספּעץ־אָפּטיילונג, כדי צו העלפן וואָס גיכער אויסצופירן די פאָרמאַליטעטן פאר די לאגערניקעס, וועלכע זענען באפרייט געוואָרן.

— צוליב דעם קען מען אונדז אָפּהאלטן דאָ עטלעכע איבעריקע וואָכן. ארבעט איז דאָ אסאך דערביי און די אויספּירער זענען פויל און... קענען טאקע נישט. — האָט ער מיך געבעטן.

אזוי ארום האָב איך באקומען א מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט אסך דיעלעס, וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו פארשלוסן. דאָס זענען געווען נישט קיין אויספאָרשונג־דיעלעס, נאָר טורמע און לאגער־דיעלעס. אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק, א קורצע באשרייבונג פונם פארברעכן, די סטאטיי און „סראָק".

מיר איז אויסגעקומען צו פארשליסן צו דיעלע פון איינעם אַ יידישן בחור שלמה. ער איז פון טשערנאָוויץ, נאָך דער מלחמה איז אים געלונגען זיך אריבערצוכאַפּן מיט זיין יונג, שיין ווייבל, וואָס שטאמט פון בעסאַראַביע, קיין איטאַליע, כדי פון דאָרטן צו פאָרן קיין ישראל. דאָס „שוואַרצן" די גרענעץ איז זיי געלונגען. דאָרטן האָט זיין ווייב געווינט פּאָר אים און געבעטן אריבערצונעמען אויך איר מוטער, וועלכע איז פארבליבן אין ראטנפאַרבאַנד. ער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן, זי איבערגעלאָזט אין איטאַליע און אליין איז ער אריבער צוריק קיין טשערנאָוויץ. דאָ האָט מען אים געפּאַקט און פאַרמישפּט אויף 10 יאָר. 8 יאָר איז ער אָפּגעקומען דאָ אין לאַגער און זי, זיין ווייב, האָט שוין אַ צווייטן מאַן אין ישראל.

אויך די דיעלע פון באָריע דאל פון לוצק האָב איך פארמאַכט. מען האָט אים באשולדיקט, אַז ער האָט געוואָלט אנטלויפן קיין ישראל, זיך געפריינדעט מיט פיינטלעכע עלעמענטן און אזוי אַרום פאראטן דאָס פאָטערלאַנד. מען האָט אים פאָרגעווארפן נאציאָנאַליזם און אפילו דערמאָנט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ קאפּיטאליסט און געהערט צו פּילסודסקיס לאגער אין פּוילן.

וועגן ברודער זיינעם איז נישט דערמאָנט געוואָרן. נאָכן באפרייען איז דאל פארבליבן ארבעטן אלס פארמאצעווט אין אן אפטייק, נישט ווייט פון וויטשעגאָדסק.

מיט יאשען דעם הויט־קראַנקן איז געשען אַן אויסטערליש געשעניש. נאָכדעם, ווי דער געריכט האָט אים אָפּגעזאָגט צו באפרייען, איז אים פלוצים אָנגעקומען אן אויספאָדערונג פון לעמבערגער געריכט, מען זאָל אים אראָפּברענגען אהין אלס עדות צום משפט פון איינעם פון זיינע מיטאר־בעטער אין דער ארטעל פון פוטער־אויסארבעטונגען. יענעם האָט מען אויך פאָרגעוואָרפן אין גנבה פון עטלעכע פעקלעך פוטער. ער האָט זיך מודה געוועזן אין דער גנבה און אויך זיך מודה געוועזן אין דעם, אַז צוריק מיט 5 יאָר האָט ער אויך צוגענומען דאָס פעקל פוטער, פאר וועלכן מען האָט יאשען אומשולדיק פארמשפט אויף 20 יאָר אויסבעסערונגס־לאגער. צו דעם פראָצעס האָט מען יאַשען ארויסגערופן אלס עדות און ער איז זיכער געוועזן, אַז אים וועט מען רייניוואשן און באפרייען...

אין קניאז־פאגאסט

קאָמי ס.ס.ס.ר. איז רייך מיט לאגערן. איינער פון די גרעסטע לאגערן געפונט זיך אין קניאז־פאָגאָסט. במשך פון די יאָרן, וואָס דעם פאַרמשפטן קומט אויס אָפּצוקומען זיין שטראָף, קומט אים אויס צו זיין אין פאַרשיי־דענע לאגערן. ס'איז שוין אַזאַ רעזשים איינגעפירט אין דער אָנפירונג פון די לאגערן: אלעמאָל בייטן דעם צוזאמענשטעל פון די לאגערניקעס. דאָס פאַרהאַלטן זיך לענגער אויף איין אָרט קען ברענגען צו חברשאַפט, צו קאָלעקטיוון, וואָס קענען מיט געמיינזאַמע כוחות פלאַנירן און אויספירן אקציעס. קעגן אַ גרעסערן כוח איז נישט לייכט צו קעמפן.

כמעט יעדן פאַרמשפטן קומט אויס דעריבער צו זיין אין פאַרשידענע לאגערן. אָפּטמאָל איז דער בייט אַ געוווּנטשענער, די באַדינגונגען בעסערע, די ארבעט אַ לייכטערע. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן אויך דאָס

פּאַרקערטע: דער צוזאמענשטעל אַן ערגערער, די וווין־באַדינגונגען נישט קיין צוגעפּאסטע און די ארבעט איבער די מענטשלעכע כוחות. איז טאַקע יעדער ענדערונג פון דעם אָרט פאַרבונדן מיט איבערקלערן, מיט טרעפע־נישן, מיט דערוואַרטונגען.

פון דעם לאגער אין וויטשעגאָדסק זענען מיר — אַ גרעסערע גרופּע לאַגערניקעס ארויסגעפּאָרן נישט מיט קיין גרויסן חשק. אין צוזאַמענשטעל פון דער גרופּע זענען אויך אריינגעגאַנגען די אינוואַלידן, וואָס דער ארכאַנגעלסקער געריכט האָט אָפּגעזאָגט צו באפרייען צוליב דער אָדער יענער סיבה, אויך די צוויי יידן — איך און מוטשניק, כאָטש דער אָפּזאָג צו באפרייען האָט זיכער נישט געהאַט קיין סיבה, חוץ דער, וואָס זיי זענען קינדער פון דעם יידישן מאַרטירער־פאָלק.

דער ערשטער עטאַפּ אונדזערער איז געווען דער לאַגער אין קניאַז־פּאָגאָסט. דער לאַגער איז אַ גרויסער, אַן איינגעפונדעוועטער. ער געפינט זיך אין אַ זייט פון דעם שטעטל, וואָס בויט זיך, זענען מערסטנס לאַגער־ארבעטער פאַרנומען מיט די בוי־ארבעטן.

דער צוזאַמענשטעל פון די לאַגערניקעס, פון די פּאָליטישע, איז דאָ אַן יונגערער. דאָ ווערן אויסגעבילדעט ספּעציאַליסטן: בוי־אַרבעטער, סטאָ־ליארעס, שלאָסערעס. דאָ גרייט מען צו קאַדרען פאַר דער אַזוי גערופענער „צעלינאַ" — פאַר די פאַרוואָרפנסטע געגנטן אין קאַזאַכסטאַן, כדי צו באארבעטן די בתולהדיקע ערד, וואָס ליגט שוין יאָר־טויזנטער נישט באארבעט. דאָרט פּלאַנירט די ראטנמאכט צו שאַפן אַ לעבן, בויען דאָרט שטעט און שטעטלעך. דאָרט זענען די קלימאַטישע באַדינגונגען ביז גאָר שווערע. פּלאַנירט מען אַהין צו שיקן די יונגע פאַרמשפּטע, אלס „פרייע" בויער.

אין דעם לאַגער איז פאַראַן אַ קינאָ־זאַל, ספּאָרט־פּלעצער און איינגע־פונדעוועטע שפּייז־בלאָקן. ביים לאַגער איז אויך פאַראַן אַ שפּיטאָל פאַר די לאַגערניקעס, מיט דאָקטוירים אויך געוועזענע פאַרמשפּטע, וואָס זענען „כמעט פרייוויליק" פאַרבליבן דאָ ארבעטן.

אויך דאָ פלעגט מען יעדן פרימאָרגן די ארבעטער ארויספירן צו דער

ארבעט, אונטער די קלאַנגען פון דעם אייגענעם בלאָז־אָרקיעסטער און פאַרנאַכט־צו זיי אויפנעמען מיט מוזיק.

אין דעם לאַגער האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין אלטן באַקאַנטן פיאָטער איוואַנאָוויטש, דעם אינזשענער. ער האָט אָנגעפירט מיטן קורס פון די טראַקטאָריסטן, קאָמביינערן און סתם מעכאַניקער. די שילער זיינע זענען געווען די קאַנדידאַטן אויף צו ווערן „פרייע בויער" אין קאַזאַכסטאַן.

פאַר זיין ארבעט האָט מען אים, פיאָטער איוואַנאָוויטשן, פאַרעכנט דריי טעג פאַר איין טאָג. אויך ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ בערדל, אַ שפּיציקס פון געדיכטע שוואַרצע האָר, דורכגעפלאָכטענע מיט גרויע־זילבערנע. די אויגן האָבן ארויסגעוויזן מער ערנסטקייט, אפילו אומעט. ער האָט נאָך אַלץ געשריבן זיין ערשטע אָנקלאַגע. גאַנצע העפטן האָט ער שוין אויסגעשריבן. ער האָט זיך מודה געווען, אַז פאַר מיר לייענט ער זי צום ערשטן מאָל. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז חוץ מיר וועט קיינער מער די אָנקלאַגע נישט לייענען. זי איז געשריבן נישט צוליב פאַרטיידיקונגס־צוועקען, נישט כדי צו בעטן חנינה, נאָר פאַרקערט — כדי צו באַווייזן זיין אומשולד, כדי צו טאַדלען די, וואָס פאַרמאָגן שוואַרצע געוויסנס און זענען גרייט צו טאָן אַלדאָס בייז, צוליב בייזוויליקע, עגאָאיסטישע צילן, אונטער דער מאַסקע פון טובת הכלל, צוליב דער „אידעע".

מיט קיינעם האָט ער זיך דאָ נישט געחברט. ער האָט ערגעץ באַקומען אַ גרויסן בוך „די ארכיטעקטור פון דער שטאָט מאָסקווע, צייט איר אנטשטיי־אונג". דעם בוך האָט ער געשטודירט, געצייכנט די פּלענער און מיט צופרידנהייט אָנגעוויזן די פעלערן פון אמאָל. בלויז מיטן דאָקטאָר פונעם שפּיטאָל, וואָס איז שוין אויך אָפּגעקומען זיין שטראָף, „פּאָ דיעלו גאָרקאָוואָ" און פאַרבליבן דאָ אַרבעטן ווייטער, פלעגט ער אמאָל שמועסן, אָבער בלויז וועגן אמאָל: וועגן דעם רוסישן קריטיקער דאָבראָליובאָוו, וועגן טשערני־שעווסקין.

מיך האָט ער פיאָטער איוואַנאָוויטש באַקענט מיטן דאָקטאָר פון שפּיטאָל. אַ גרויער, אלטער ייד, מיט געדיכטע ברעמען, וואָס פאַרוואַנדלען זיינע גלייכגילטיקע אויגן אין בייזע, אַ לייכטער טרייסל באַמערקט זיך אין זיינע אויסגעדאַרטע הענט.

ער האָט מיך באַטראַכט, ווי געהעריק אפילו געשיקט צו מאַכן אַ קאַרדיאָ־גראַמע פון האַרץ. ער האָט אויך פעסטגעשטעלט מיין העכערן בלוט־דרוק. ער האָט מיר אפילו צוגעזאָגט מיט דער צייט אריינצונעמען אין שפּיטאָל אריין, כדי מיך צו היילן.

וואָס קומט אָבער ארויס פון זיין צוזאָג, ווען מען האָט מיך און אנדערע אינוואַלידן דאָ נישט לאַנג געהאַלטן. פאַר אונדז איז שוין געווען באַשטימט אַן אַנדער מאַרשרוט — קיין ראַקפּאַסט.

דער סוף פון דער קאַריערע

באַריס בוידמאַן האָב איך געטראָפן אין לאַגער קניאַז־פּאָגאָסט. געקענט האָב איך אים נאָך פון וויטשעגאָדסק. ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין די צייטן פון דעם בירגער־קריג. אין קאַמף מיט די ווייסוואַרדייער איז געפאַלן זיין פאָטער. זיי זענען פאַרבליבן ביי דער מאַמען דריי קינדער: דער עלטערער ברודער, די מיטלסטע — די שוועסטער און ער — דער יונגסטער. דער עלטערער ברודער האָט איבערגענומען דעם פאָטערס פאַך, ער איז אַ ספּעציאַליסט אויף קאָנדיטעריי־אויסאַרבעטונגען, ער, באָריס, פלעגט טרוימען פון אַ מיליטערישער קאַריערע. נאָך זייענדיק אַ שילער אין דער צען־קלאַסיקער שול, פלעגט ער, אַ קאָמסאָמאָליעץ, פאַרשטענדלעך, געהערן צו האַלב־מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „דעסאָף", כדי באַצייטנס צו באַהערשן די מיליטערישע קונסט. נאָך פאַר דער צווייטער גרויסער וועלט־מלחמה האָט ער שוין געדינט אין דער סאָוויעטישער ארמיי. אין אָנהייב פון דער מלחמה איז ער שוין געווען אַן „יונגערער לייטענאַנט". און אַ קאַנדידאַט פון דער פאַרטיי. ער האָט געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן מיט מסירת נפש און גרויסן פאַטריאָטיזם. די מיליטערישע פאַרטיי־אָפּטיילונג האָט אים אריינגענומען און אירע רייען. ער איז געווען צוויי מאָל שווער פאַרוווּנדעט, דאָך איז ער, ארויסבאַקומענדיק זיך פונם שפּיטאָל, צוריק אריין אין די רייען פון די קעמפער מיט דער פאַשיסטישער בעסטיע.

דעם נצחון האָט ער געפּראַוועט אין בערלין, שוין זייענדיק אַ קאַפּיטאַן. ליגנדיק אין בעט, אין שפּיטאָל פלעגט ער שרייבן לידער מיט קעמפערישן, פּאַטריאָטישן אינהאַלט אין סטיל פון די רוסישע פּאָעטן בלאָק און מאַיאַקאָווסקי. אייניקע פון זיי זענען אפילו געדרוקט געוועהן אין דער מיליטערישער צייטונג „דער רויטער שטערן”.

ער האָט זיך נישט דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי נאָך דער מלחמה, כאָטש אַזאַ געדאַנק האָט ער געהאַט, ווען מען האָט אים, גלייך מיט אַנדערע יידישע מיליטער־לייט, אַרויסגעשיקט פון די אָקופּירטע געגנטן. ווען ער האָט אַמאָל זיך אַרויסגעזאָגט אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, אַז אייניקע חברים וויזן אַרויס נאַציאָנאַליסטישע אַנטי־לעניניסטישע נייגונגען, האָט מען אים פאַרמאַכט דאָס מויל און געוואָרנט, אַז ער וועט אוועקלעגן זיין פּאַרטיי־בילעט, אויב ער וועט נאָכאַמאָל וואַגן אַזוי חוצפּדיק זיך אַרויסזאָגן.

ער האָט געליטן און געשוויגן. ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער איז אַ ייד. איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו יידישע חברים, זעענדיק ווי זיינע נישט יידישע חברים דערווייטערן זיך פון אים. ווען מען האָט זיך א נעם געטאָן צו די יידישע שרייבער, צו קינסטלער, האָבן אויך די מיליטערישע דערשפּירט אַ גרויסע ענדערונג אין דער באַציונג צו זיי אין דער אַרמיי.

מען האָט זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי זענען איבעריק און קענען זיך באַפרייען.

אין 1950 יאָר האָט ער, באָריס, זיך טאַקע באַפרייט פון דער אַרמיי. קומענדיק קיין מאָסקווע, זיין געבורטס־שטאָט, צו זיין מוטער, ברודער און שוועסטער האָט ער נישט געהאַט קיין רעכט אפילו איבער צו נעכטיקן ביי זיי אפילו איין נאַכט, ווייל ער איז שוין פון לאַנג אויסגעמעלדן געוועהן פון מאָסקווע.

דער הויז־קאָמיטעט האָט געוואָרנט זיין מוטער, אַז זי טאָר נישט האַלטן ביי זיך נישט קיין פאַרמעלדענעם. פאַרבאַרגענערהייט פלעגט ער ערגעץ איבערנעכטיקן ביי אייניקע פון זיינע אַמאָליקע חברים. גאַנצע טעג פלעגט ער אַרומוואַנדערן אין די פאַרמעלדונגס־אָרגאַנען, אין די פּאַרטייאישע קאָמיטעטן זיי זאָלן אים העלפן זיך פאַרמעלדן, אָבער אומזיסט.

— ווען איר וועט באַקומען אייער וווין־שטח דרייצן מיט אַן האַלבן קוואַדראַט־מטר וועלן מיר אייך פאַרמעלדן. — האָט מען אים געטרייסט.

ווי אַזוי קען מען אָבער באַקומען אַ וווין־שטח? צו קומט אים נישט נאָך אַזויפיל יאָרן מיליטער־דינסט, נאָך אַזויפיל אויסצייכענונגען, וואָס ער האָט באַקומען, זייענדיק דערצו אַ פּאַרטייער?

— איר פאַרשרייבט זיך אין דער ריי, ווען זי וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום אָנקומען — וועט איר באַקומען.

— לאָזט מיר דערווייל וווינען צוזאַמען מיט מיין אַלטער מוטער, האָט ער זיך געבעטן.

— דאָס נישט. זי האָט קוים פאַר זיך אַ וווין־שטח.

דער ברודער זיינער האָט אים געראָטן אריבער צו פאָרן אין איינע פון די באַלטישע לענדער. ער האָט וועגן אים אָנגעשריבן צו זיינעם אַ חבר, וואָס פירט אָן מיט אַ קאָנדיטעריי־פאַבריק אין ריגע. אין דער פאַבריק איז באָריס אָנגענומען געוואָרן. זיי האָבן זיך געגוויטיקט אין אַ געלערנטן מענטשן, דערצו אַ יידן, וואָס פאַרמאָגט אַ רויט פּאַרטיי־ביכל.

באָריס האָט מיט ווייטיק אין האַרצן געמוזט פאַרלאָזן מאָסקווע און איז אריבערגעפאָרן קיין ריגע. די קאָנדיטעריי־פאַבריק האָט געהערט צו אַ קאָאָפּעראַטיוו פון אַ פּאָר צענדליק יידן.

באָריס האָט שנעל באַקומען אַ גרויסן צימער צו וווינען. ער האָט זיך געקענט פאַרגינען לעבן שיין פון זיינע פאַרדינסטן. ער האָט אויך פאַרפירט אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ יונגער מיידל, די קאַסירערין פון דער פאַבריק.

פאַר לידיען, אַזוי האָט מען זי גערופן, פלעגט ער באָריס לייענען אין די אָוונטן זיינע לידער און זי פלעגט זיך גאָר אַנטציקן מיט זיי:

— דער צווייטער בלאָק זייט איר! און אפשר זייט איר דער ערשטער און ער דער צווייטער — פלעגט זי מיט חנופה אים אויסלויבן. מיט דער צייט פלעגט ער פאַר איר לייענען די לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין אַ בונטארישן טאָן אין דער צייט פון זיין פאַרצווייפלונג.

— מאַיאַקאָווסקי האָט אַ זעלכע קערנדיקע לידער נישט געשריבן. — פלעגט זי זיך חידושן.

פון דער ארבעט איז ער נישט געווען צופרידן. די מיטארבעטער לעבן אין

לוקסוס־באדינגונגען. פונוואַנען נעמען זיי? איינמאָל האָט ער וועגן דעם געשמועסט מיט זיין פריינדין לידיען.

— וואָס ארט עס אייך, באָריס? „לעבן און לעבן לאָזן” — ס'איז אן אַלט, ריכטיק ווערטל. איר וועט זיך ווען בעסער איינאָרדנען — וועלן זיי אייך אויך צוהעלפן.

— איך וועל זיך נישט לאָזן איבערקויפן. איך באַקום נאָר דאָס, וואָס מיר קומט — האָט באָריס איר אָפּגעענטפערט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט לידיע געבראַכט פאַר באָריסן אַ פּעקל מיט געלט.

— אונדזערע שעפן זענען גאָר לייטישע מענטשן. זיי געדענקען אין אייך אויך! האָט לידיע מיט אַ קאָקעטיש שמייכל צוגעגעבן.

באָריס האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס געלט צו נעמען. דאָך האָט לידיע אומבאמערקבאר ארונטערגעלייגט עס אונטערן קישן פון בעט.

דאָס איז געווען די סיבה פון זייער ערשטן קאָנפליקט. באָריס האָט געדראָט, אז ער וועט דאָס פּעקל געלט איבערגעבן ווו מען דאַרף, אויב זי וועט עס נישט צונעמען צוריק.

די שעפן מיט לידיען צוזאמען האָבן דערזען מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. האָבן זיי באשלאָסן באצייטנס פון אים פטור צו ווערן. צווישן די מ.ג.ב. מיטארבעטער האָבן זיי געהאַט זייערע מענטשן. לידיען איז געלונגען ביי באָריסן צונעמען זיין בוך מיט די לידער און אָפּפאָטאָגראפירן אייניקע פון זיי.

מען האָט באָריסן ארעסטירט און פאַרגעוואָרפן, אַז ער שאַפט אנטי־סאָוויעטישע לידער און פאַרשפּרייט צווישן מענטשן. ווען ער האָט איבער־געגעבן דאָס פּעקל געלט אין דער אויספאָרשונג האָט מען אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט עס ארויסגעגנבעט פון דער קאַסע. וועגן דעם פארפאלענעם פּעקל געלט האָט די קאַסירערין שוין פריער געמאָלדן און אפילו אָנגעגעבן די נומערן פון די אַסיגנאַציעס. דעם פּאַרטיי־בילעט האָט ער אוועקגעלייגט. אַלע באווייזן און עדות זענען געווען קעגן אים און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן לויט דער פּאָליטישער סטאַטיי 10—58, די צווייטע טייל און אויך לויטן

„אוקאז״ פאר בארויבן געזעלשאַפטלעכע געלטער אויף 20 יאָר אויסבעסע־רונגס־ארבעט לאגער.

זייענדיק אין לאגער, ביי דער שווערער ארבעט, האָבן זיך צעיאַטערט די ווונדן, וואָס ער האָט באקומען בשעת דער מלחמה. ער שרייבט אַ גרויסע אָנקלאגע קעגן אורטייל, שרייבט געגנוג מסירות קעגן די יידן, וואָס האָבן אים געהאָלפן און דערנאָך געבראַכט צום משפט. ער שרייבט ווייטער לידער וועגן פאררעטערישע. און בייסנדיקע פרויען, נעמענדיק אלס מוסטער לידיען — די קאסירערין...

דער דערנער וועג קיין ראקפאסט

במשך פון אַ וואָך צייט האָבן זיך אָנגעזאמלט אין לאגער קניאז־פּאָגאָסט אַ פּאָר צענדליק אינוואלידן. זיי האָט מען געבראַכט פון פארשידענע לאגערן. מען האָט זיי געקענט דערקענען פון דער ווייטנס. מערסטנס מיט איינגע־הויקערטע קערפּערס, אָנגעשפּארטע אויף שטעקנס. וואקלדיקע שאָטנס מיט פארחושכטע געמיטער, אומעטיקע בליקן און מיט מוחות, וואָס טראכטן כמעט נישט ווייטער פון די דרינגנדיקע נאָענטסטע באַדערפעניש.

צי האָבן זיי די בערד געמאַכט עלטער, צי זיי אליין האָבן געוואָלט מיט זייער נעבעכדיקן אויסזען ארויסרופן מיטגעפיל און רחמנות מצד אנדערע — א פאקט איז, אז זיי האָבן אויסגעזען עלטער פון זייערע אמתע יאָרן.

אָט דאָס בינטל סקעלעטן פון מענטשן אויסגענוצטע, מיט פארלאָשענע אויגן און פארביטערטע געמיטער, האָט מען צונויפגענומען אהער קיין קניאז־פּאָגאָסט, כדי אוועקצושיקן זיי ווייטער אין א באַזונדער לאגער, אין אינוואלידן־לאגער, וואָס געפונט זיך ערגעץ ווייט פון מענטשלעכע ישובים, ערגעץ אונטער די הרי־חושך, פּונקט, ווי מען פלעגט אמאָל אָפּזונדערן די קרעציקע, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער איינציקן אויסלעזער — דעם טויט.

לויט דער נייער עקאָנאָמישער פּראַקטיק, האָבן די לאגערן אין ראטן־פאַרבאַנד געמוזט ווערן מער רענטאַבעלנע, זיי האָבן זיך געמוזט אליין

אויפהאַלטן פון זייער אייגענער פּראַצע. פאַרשטענדלעך, אַז אויך די גרויסע געהאַלטן פון זייער אַנפירערשאַפט, פון די היטער, אפילו דאָס אויסהאַלטן פון די אויסגעדרעסירטע, אויסגעפּאַשעטע הינט — זענען געפאַלן צו לאַסט די לאַגערניקעס, וואָס האָבן מיט זייער שווייס און בלוט פאַר אַלץ געמוזט באַצאָלן.

פּראָטעסטירן קעגן דעם איז געווען אַ ברכה לבטלה.

— זייט צופרידן פון דעם אויסגעסמאָקעטן ביינדל, וואָס מען וואַרפט אייך צו: די „זאַטשאָטן" — פאַר אויסאַרבעטן מער פון איין נאָרמע באַקומט איר מער פאַררעכנטע טעג פון אייער שטראָף.

אָבער קעגן דעם, אַז זיי זאָלן דאַרפן אויסהאַלטן קראַנקע אינוואַלידן, אפילו שוין אַקטירטע, וואָס קענען דאָך נישט פאַרדינען אויף זייער בידנע פּיצל ברויט, קעגן דעם פלעגן זיי די אַרבעטספּעציקע גאָר אָפט זיך אַרויס־זאָגן.

— זיי איז מחויב די מלוכה אויסהאַלטן, ווייל זיי זענען דאָך אסירי־מלכות. ווי קען גאָר אַנדערש זיין?!

פאַר די אומגליקלעכע קראַנקע אינוואַלידן האָט די אַנפירונג פון די לאַגערן געפונען אַן אויסוועג. מען האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן אינוואַלידן־לאַגער ערגעץ אין אַ ווייטן טעמפּן ווינקל, אַ בשותּפותדיקן לאַגער פאַר כל מיני פאַרברעכער, פּאָליטישע און נישט פּאָליטישע. דאָ זענען אויפגעבויט געוואָרן אונטערנעמונגען, וווּ די אינוואַלידן וועלן ווערן באַשעפטיקט מיט לייכטערע אַרבעטן. פאַר דער אַרבעט וועלן זיי באַקומען זייער לוין, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן צו עקזיסטירן און נישט פאַלן קיינעם צו לאַסט. די בייזוויליקע, פוילע לײדיקגייער וועט מען צווינגען אַרבעטן און גאָר די שוואַכע וועלן אַליין באַפרייען פון זיך דורך הונגער, פּיין און... טויט.

אין דעם נייעם לאַגער פאַר אינוואַלידן ראַקפּאַסט זענען מיר איצט געפאָרן. דער וועג איז גאָר קיין וועג נישט געווען. דורך אַ געדיכטן טויזנטער־יאָריקן וואַלד איז אויסגעהאַקט געוואָרן אַ שמאָלע סטעזשקע, וואָס האָט באַדאַרפט הייסן אַ וועג.

דער זומפּיקער, בלאָטיקער באָדן איז אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן מיט דינע, יונגע ביימלעך, וואָס די בלאָטע האָט אין זיך איינגעשלינגען, ווי

לאָקשן. דער וועג איז באַשטאַנען פון בערגלעך און גריבער, וואָס די ריטשקעלעך וואַסער, וואָס זענען ארויסגערונען נאָך יעדער רעגן פון וואלד האָבן צעוואַשן און פארזומפּיקט. דער טוכלע ריח פון דער אויסגעדעמפּטער בלאָטע האָט זיך צונויפגעמישט מיט די פרישע „זשיוויצי״־יאָדלע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיטן ווינט פון וואלד.

די מאשין האָט זיך געשלעפּט מיט אַ קרעכצן פון דעם מאָטאָר, וואָס האָט געקעמפּט מיט די רעדער, וואָס דרייען זיך און שטייען דאָך אויף איין אָרט. די שנעלקייט איז געווען ווי פון אַן האַלב־געפּגרטע קליאטשע: ארויף און אראָפּ, אראָפּ און ארויף. די קישקעס אין די בייכער האָבן ווי מיטגעטאַנצט דעם ווילדן טאַנץ פון דער מאשין.

די איינצעלנע קרעכצן און אויען פון די אומגליקלעכע פּאסאזשירן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין גרויסן, הילכיקן „אוי״!

— ווהין פירט מען אונדז? ווי לאַנג וועלן מיר נאָך פאָרן, אָדער בעסער געזאָגט, זיך שלעפּן. מינוטן האָבן זיך געצויגן שעהן. ווי לאַנג וועט מען אונדז נאָך מאטערן אויף דער זינדיקער ערד? — האָבן אסך פון אונדז געטראכט.

די ביימער אין וואַלד — די מעכטיקע דעמבעס, די שמעקעוודיקע סאָסנעס און יאָדלעס האָבן געגרינט. דער אָנגעקומענער פרילינג האָט זיי דערוואכט צום לעבן און בליען. פון אלע זייטן האָבן זיך געהערט די פישטשעדיקע קלאנגען פון די פייגל, פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דאָס קלאפּן פון פּיקהאָלץ אין בוים, ווי פון אַן העמערל: פּיק־פּאַק, פּיק, פּאַק...

נאָר ווער האָט עס געקענט אויפכאַפּן און הערן, ווען מען פילט, ווי ס'גייט אויס די נשמה פונם ראטשקען זיך ארויף און אראָפּ.

דער אָוונט איז אָנגעקומען אומבאמערקט. די ריזיקע ביימער האָבן פאר־הוילן די שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון. אין דער טונקלקייט האָט מען דאָך געקענט באמערקן די בלאסע פּנימער, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און פארקרומטע געזיכטער פון די פארמשפּטע, וואָס האָבן אויסגעדרוקט ווייטיק, פּיין און האָפענונגסלאָזיקייט.

עס איז שוין געווען כמעט פינצטער, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ראקפּאסט. מיט שוועריקייטן איז אָנגעקומען אויסצולאָדן די פארגליווערטע

גלידער פון דער מאַשין. די וואַך, וואָס האָט אונדז באַגעגנט און אויפגענומען איז נישט געווען קיין גרויסע. אויך קיין הינט האָט מען מיט זיך נישט מיטגעבראַכט. נישט דאָס ערשטע מאָל נעמען זיי אויף די געסט — די אינ־וואלידן. מיט וועמען איז דאָ צו קעמפן? נישט איינמאָל קומט זיי גאָר אויס צו העלפן אראָפּצונעמען פון דער מאַשין די אויסגעמוטשעטע אינוואַ־לידן. ס׳טרעפט אויך, אַז מען מוז אפילו עמיצן אוועקטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל אין לאַגער אריין, אָדער גאָר גלייך אין טויטן־שטיבל אריין.

אין עס־צימער האָט מען אונדז געגעבן צו שיסעלעך זופּ מיט שטיקלעך ברויט. כאָטש דער הונגער האָט געגנאָגט, איז דאָך ביי קיינעם קיין אַפּעטיט נישט געווען.

רוען, שלאָפן — איז געווען דער באַגער פון יעדן איינעם. דערווייל האָט מען אונדז צעפירט אין באַזונדערע באַראַקן און באַפוילן זיך צו לייגן שלאָפן ווו ס׳איז נאָר געווען אַ פריי געלעגער.

מיר איז אויסגעפאַלן אַן אָרט אויפן צווייטן שטאָק, אין אַ ווייטן ווינקל פון דעם באַראַק. אויף שמאָלער נאַרע איז געלעגן אַן הוילער זאַק מיט שטרוי, נישט מער. מיט גרויס מי האָב איך ארויפגעקלעטערט אויפן געלע־גער. די אויגן האָבן זיך געקלעבט פון מידקייט, די ביינער האָבן געבראָכן. שלאָפן — נאָך דעם גהינום־וועג.

די קאַשמאַרן־נאַכט

דער מידער קערפּער האָט געפּאָדערט רו — שלאָפן. די אויגן האָבן צוגע־שלאָסן די שווארצאַפּלען. נאָר דער מוח האָט נאָך אַלץ געוואַכט. מעגלעך, אַז איך בין טאַקע איינגעשלאָפן, נאָר גאָר שנעל זיך אויפגעכאַפּט, ווייל אין הארצן האָט זיך ארייַנגעכאַפּט אַ שרעק, וואָס האָט נישט געלאָזט שלאָפן. פון דער נידער האָט זיך דערהערט א סיטשען ווי פון א שלאַנג, אַן אמאויפהערלעך שפייען „טפוי". „טפוי". און כאָרכלדיקע קלאַנגען: „אוביו" — איך וועל דערהארגענען...

א ציטער איז אַדורך מיין לייב, ווען איך האָב פון אויבן דערזען פאר זיך דריי יונגע בחורים אויפן הונטערשטן דערנעבנדיקן בעט. אלע דריי זענען געזעסן אויף די אייגענע פיס, ווי די טערקן, אלע דריי אין אונטער־וועש. אַ פיצל ליכט איז געווען צוגעטריפן צום געלעגער, די אָרעמע שיין פון ליכט האָט ווי מיט פלעקן באלויכטן זייערע פנימער. די פנימער זענען דאָ און דאָרט באקלעפּט געווען מיט שטיקלעך אָנפּאָרמיקע פּאפּירלעך — האָבן זיי אויסגעזען ווי לצים. וואָס שרעקן אין די נעכט. זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן. יעדער פארשפּילטער קאָן האָט צוגעגעבן אַ פריש פּאפּירל אויפן פּנים. די שפּיל איז אדורכגעגאנגען מעכאַניש, אַ געמיש מיט די קאָרטן, צעטיילט און געשפּילט. איינער פון די דריי האָט נישט אויפגעהערט צו שילטן מיט משונהדיקע קללות, אָן אויפהער, אָן אַ פארוואָס. דער צווייטער האָט הונדערטער מאָל איבערגעחזרט איין וואָרט: „אוביוו" דער דריטער האָט געשוויגן. אממערסטנס האָבן מיר געשראָקן זייערע אויגן. אין דער האַלב־פינצטערניש האָבן זיי געלויכטן מיט גלאנציקייט, מיט אומנאטיר־לעכער בוילטקייט.

ווו האָב איך באגעגנט אזעלכע אויגן? האָב איך זיך געפּרווט דערמאָנען. איך דערמאָן זיך: אין וויטשעגאָדסקער שפּיטאָל, ביי די „זאקאָניקעס", נאָך דער פּראָצעדור פון טרינקען „טשעפיר" — דעם סם־געטראַנק פון טיי. די דריי שפּילער האָבן זיכער אדורכגעמאַכט די פּראָצעדור. איצט לאָדן זיי זיך אויס אין דער נאַכטיקער קאָרטן־שפּיל.

איך ליג אויפן געלעגער און ציטער. זיי טאָרן נישט וויסן, אז איך שלאָף נישט און זע אלץ. פּלוצים פאלט מיר איין אַ שרעקלעכער געדאנק: זיי קענען שטעלן אין קאָן מיין לעבן. נישט איינמאָל האָב איך געהערט, אז די שפּילער שפּילן אויף זאכן, וואָס געהערן צו פרעמדע, אפילו אויפן לעבן פון אנדערע.

איך האָב געזוכט אַן אויסוועג און נישט געפונען. פּלוצים איז פארלאָשן געוואָרן דאָס ליכטל. די פינצטערניש האָט נאָך שטאַרקער געווירקט אויף מיין צעבושעוועטער פאנטאזיע. קיין אנדער ליכטל האָבן זיי, ווייזט אויס, נישט געהאַט. די מידקייט האָט זיי באזיגט. עס האָט זיך דערהערט דער

לעצטער „אוביו״ און די לעצטע פילגאָרנדיקע קללה און נאָכדעם אַ כראַפּן, וואָס איז אַזוי ענלעך געווען צו אַ גוססדיקן כראַפּן און שאַ, שטיל...

קאַיאָר, נאָך איידער זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, בין איך שוין געווען אין דרויסן מיט מיינע זאַכן און אַפּגעוואַרט, אַז דער לאַגער זאָל זיך אויפכאַפּן. איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז דער אינוואַלידן־לאַגער איז נישט נאָר פאַר פּאַליטישע, אין אים געפינען זיך אינוואַלידן מכל המינים און אויך איך דאַרף זיין בתוכם.

איך האָב באַטראַכט די אַרומיקע לאַנגע באַראַקן, איינשטאָקיקע, געמאַכטע פון קלעצער, ווי פויערישע כאַטעס. דער הויף איז גענוג שמוציק. זעלטן ווו מען קען זען אַ בוים, פון בלימען איז שוין אָפּגערעדט. ווי קומט דער לאַגער צום וויטשעגאָדסקער לאַגער? אָדער צו קניאַז־פּאָגאָסט? ס׳איז דאָ אַ באַגאַדיעלניע פונם ערגסטן סאָרט. ס׳איז אַ לאַגער פון מענטשן אָפּגע־לאָזטע, האַפענונגסלאָזע און קראַנקע. דאָס לעבן איז פאַר זיי אַן איבעריקע לאַסט, וואָס איז נישט קיין שאָד אפילו אומצובריינגען.

דעם פרישטיק האָבן מיר באַקומען אין אַ באַזונדערן באַראַק ווו עס איז געווען אַ גרויסער עס־צימער. ביי די אָפענע פענצטערלעך באַקומט מען אַ פיידע ברויט און אין אַ טונקעלער בלייערנער שיסל הייסן זופּ. דער זופּ פון שיטערער הירזש איז צוגעשמאַלצן מיט צוגערייטשע ציבעלעס. יעדערער שטעלט זיך אַוועק ווו ער וויל און עסט.

ביים פרישטיק האָט מען געמאָלדן, אַז די פריש אָנגעקומענע וועלן אַוועקלייגן זייערע זאַכן אין באַראַק נומער 6 און צום ערשטן מאָל וועלן זיי באַזוכן די אַרבעט־פּלעצער, די פאַבריקן.

איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט מוטשניקן, זיין קאַרל־מאַרקס באָרד איז געווען צעשויבערט, די אויגן אומעטיקע.

— איך וועל דאָ נישט אַרבעטן — האָט מוטשניק מיר קאַטעגאָריש געמאָלדן. זאָלן זיי טאָן מיט מיר, וואָס זיי ווילן, מיר איז אַלץ איינס. מיינע צוואַנציק יאָר וועל איך סיי ווי נישט איבערקומען! האָט ער אַרויסגעזאָגט אין אַ טאָן פון רעזיגנאַציע.

— מירן אָנקוקן די אַרבעט, צו זי איז פאַר אונדזערע כוחות און וואָס קען מען האָבן פון דער אַרבעט — האָב איך אים געפּרוווט באַרויקן.

— אלץ איינס. נישט אומזיסט האָט מען אונדז אַקטירט. מיר זענען שוין נישט פעיק צו קיין שום ארבעט. ווייזט זיי נאָר, אז איר קענט ארבעטן — וועט איר שוין פון דאנען קיינמאָל נישט ארויסבאקומען זיך — איר פארשטייט, מארקאָוויטש ?

— אפשר זענט איר גערעכט, מוטשניק — האָב איך פארענדיקט. לאָמיר גיין מיט אלע אָנקוקן די ארבעט, דערנאָך וועלן מיר צווישן זיך באשליסן. —

שפּעטער האָט מען דערהערט אַן הויכן גאָנג־קלאנג. ער האָט גערופן די ארבעטער צו דער ארבעט. קיינער האָט זיך נישט געאיילט. דאָך זענען איינציקווייז אדורכגעגאנגען דורך א שמאָל טירל א סך, א סך אינוואלידן, אייניקע אָנגעשפּארטע אויף שטעקנס, אייניקע אויף קוליעס, מערסטנס באוואקסענע מיט לענגערע בערד. נאָך אלעמען האָט מען געפירט די פריש־אָנגעקומענע.

דער אינדוסטריעלער טייל פונם לאגער איז געווען פולקאָם איזאָלירט פון דעם וואוינונגס־לאגער. דאָ, איז געווען ריינער ווי אין יענעם טייל. אויפן פלאץ זענען געלעגן קלעצער, לאנגע סאָסנעס, נאָענט — א בארג מיט הילצערנע קעסטלעך. שוין ביים אריינקומען האָט זיך דערהערט דאָס הילכיקע ריטשען פון זעגן, וואָס זעגן קלעצער אויף דינערע ברעטער און ברעטלעך, פון וועלכע מען מאכט די קעסטלעך. ביי די זעגן ארבעטן יונגע ספּעציאליסטן, מעגלעך, אז זיי זענען געדונגענע ארבעטער, נישט קיין פארמשפּטע. די ארבעטער אינוואַלידן סאָרטירן די צעשניטענע ברעטלעך און קלאפּן זיי צונויף אין קעסטלעך. זיי ארבעטן לאנגזאם: קיינער יאָגט זיי נישט. נאָר ווייל דער פארדינסט איז באשטימט פון דער אויסארבעטונג, ווילט זיך יעדן איינעם מער אויסארבעטן. זיין פארדינסט זאָל אים קלעקן צו באצאָלן פארן עסן און אויף צו קויפן פאר זיך אין געוועלבל עפּעס געשמאקערס.

אין אַ צווייטן באַראַק האָט מען געמאכט קיילעכדיקע פּודעלעך פון האָלץ־סטרוזשקעס פאר די אפּטייקן פאר וואַזעלין, גליצערין און אנדערע מעדיקאמענטן. די סטרוזשקע קלעפּט מען און עס ווערט צוגעפּראוועט אַ דנאָ און אַ דעקל. די ארבעט איז א לייכטע, נאָר אן איינטאָניקע, אַ נודנע, דערצו איז דער פארדינסט אַ נישטיקער.

אין דריטן באַראַק זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן די רוסישע „שטשאָ־טעס״ — רעכן־מכשירים. די ראַמען זענען געווען שוין פּאַרטיקע, אויך די דראָטן אָנגעשניטענע, נאָר די אינוואַלידן פלעגן ארויפטאָן די קיילעכדיקע קלעצלעך, די געלע און שווארצע אין דער מיט. אין דער אָפּטיילונג האָט מען אויך אויסגעאַרבעט הילצערנע מעקערס. אַ שאַרפער ריח פון אַצעטאָן האָט זיך געטראָגן פון די ערטער, ווו מען פלעגט פּוצן און פּאָלירן די הילצערנע אויסאַרבעטונגען.

די אינוואַלידן־ארבעטער האָבן געארבעט אָן חשק, פויל. מען האָט נישט געצווונגען ארבעטן שנעלער, דאָך פלעגט דער ביטול־שמייכל פונם אופזעער אונטערטרייבן די ארבעטער צו פארשנעלערן דעם טעמפּ. דער שטויב און דער אַצעטאָן־ריח פלעגן ארויסרופן דאָס הוסטן פון די אלטע אינוואַלידן אזוי, אז דער הוסט איז געווען אַ קאָלעקטיווער און אַ רושיקער. אייניקע פלעגן מוזן ארויסכאַפּן זיך אין דרויסן, ווייל ס׳האָט זיי פארפעלט אָטעם.

די אינוואַלידן, וואָס האָבן נישט געארבעט פלעגן באקומען בלויז ביליקע שפּייזן אין אַ קליינער מאָס. די, וואָס האָבן פארדינט פלעגן פאר אַ געוויסן אָפּצאָל באקומען אויך די צווייטע שפּייז, ווי געפרעגלטע פיש אָדער אַ קאָטלעט פון רינדערנע אָדער חזירשע פלייש. זעלטן ווער ס׳האָט פארדינט אזוי פיל, ס׳זאָל אים קלעקן צו שיקן אַ היים אַ פּאָר רובל פאַר די קינדער. נאָכן ערשטן באַזוך אויף די ארבעט־פּלעצער, האָט מוטשניק איינמאָל פאר אלעמאָל באשלאָסן:

— זאָלן ארבעטן די וואָס ווילן. איך — נישט! אויב זיי געפעלט נישט, זאָלן זיי מיר פון דער באַגאַדיעלניע ארויסשיקן, ס׳פעלן נישט קיין לאגערן אין ראַטן־פארבאנד.

זייטיקע פּרנסות

דער ארבעטס־לאַגער אין ראַקפּאַסט איז געווען אַן עיר מקלט פֿאַר אַלעמען. פֿון אַלע מינים לאַגערן האָט מען אַהער אַראָפּגעבראַכט פֿאַרמשפּטע, סיי פּאָליטישע, סיי גנבים, גייסטיקע און פֿיזישע אינוואַלידן. אַהער פֿלעגט מען אויך ברענגען די בעטלערס פֿון די גרויסע שטעט, די מלחמה — אינוואַלידן, מיט אויסגעפּאַשעטע מאָרדעס, נאָר אַן פֿיס, אָדער אָן אַ האַנט, וואָס פֿלעגן נישט אַדורכלאָזן קיין שום דורכגייער, וואָס זאָל זיי נישט צוװאַרפֿן אַ גרעסערע נדבה. אויף דער ברוסט האָבן געלויכטן און געפֿינקלט פֿון די זון ־שטראַלן זייערע אָרדנס און מעדאַלן, וואָס זיי האָבן באַקומען פֿאַר העלדישקייט און פּאַטריאָטיזם. שפּעטער, ווען זיי זענען דאָך לעבן געבליבן, נאָר פֿיזיש און גייסטיק צעבראָכענע, פֿלעגן זיי זיך פֿאַרנעמען מיט שנאָרעריי אין די סאַמע שענסטע גאַסן פֿון די גרויסע שטעט. די נישט גענוגנדיקע פּענסיע, וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון דער מלוכה, האָט זיי נישט געקלעקט אויף דעם פּשוטסטן אַרט לעבן. נו, האָבן זיי זיך געפּרוווט אַליין אַן עצה געבן... פֿאַר דער מיליץ האָבן זיי קנאַפּ זיך געשראָקן. זיי פֿלעגט מען אויפֿכאַפּן אין דער נאַכט, אויף כּוח אַרויספֿירן ערגעץ. אין דעם אינוואַלידן־לאַגער האָבן זיך געפֿונען אַסאַך אַזעלכע „פֿאַרברעכערס". אייניקע האָט זיך איינגעגעבן צופּאַסן זיך צו איינע פֿון די ארבעטן, נאָר זייער פֿאַרדינסט האָט זיי נישט געקלעקט אויף בראָנפֿן צו פֿאַרשיכּורן דעם חורבן גייסט, די אומצופֿרידנהייט. אין די זכרונות זענען נאָך פֿריש געווען די אָפּגעטוענע העלדישקייטן, דאָס נישט זשאַלעווען דאָס טייערסטע און דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט — דאָס לעבן, דאָס געזונט און דאָך אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט... ווי אַ גנבֿ, אַ מערדער האָט מען אים איזאָלירט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, פֿאַר וועלכער ער האָט אויסגעקעמפֿט דעם נצחון איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע און פֿאַרשלאָסן אים אין ענגע ד' אמות צוזאַמען מיט פּשוטע פֿאַרברעכער. די ערשטע צייט נאָך דער מלחמה פֿלעגט ער נאָך באַקומען אַ באַלוינונג פֿאַר די מעדאַלן און אָרדנס. שפּעטער האָבן די לענינגראַדער ארבעטער „געפֿאָדערט" מען זאָל נישט צאָלן קיין פּענסיעס פֿאַר מעדאַלן און אָרדנס. די רעגירונג און

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אנטקעגן געקומען זייער ווונטש און אויפגעהערט צו צאָלן, אפילו אַזעלכע אומגליק־לעכע אינוואַלידן, וואָס די פּענסיע פלעגט זיין זייער איינציקער מקור פון פרנסה.

פאַר אייניקע פון זיי האָב איך באַדאַרפט שרייבן אָנקלאַגעס אין פּאַר־שידענע אינסטאַנצן. זיי פלעגן מיר אויסדערציילן צענדליקער מעשיות וועגן זייערע גרויסע העלדנטאַטן, דערביי אָנגעוויזן די דאַטעס און ערטער. די מעדאַלן און אָרדנס האָט מען ביי זיי צוגענומען ווען דאָס געריכט האָט זיי פאַרמשפּט פאַר שנאָרעריי און פאַר שטערן דער עפנטלעכער אָרדנונג. זייער פּשוט דערציילן און אויפריכטיקייט האָבן מיך געריכט — און איך האָב געשריבן. זיי האָבן נישט געבעטן, נאָר געפאָדערט יושר און מענטשלעכקייט. פון זייערע קליינע פּאַרדינסטן און אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פלעגן זיי קויפן פאַר מיך אַ באַנקע עפּל־פּיורע אין געוועלב אָדער שפּראָטן און דאָס איז געווען מיין פאַרדינטער לוין.

ווי נאָר מען האָט זיך דערוווּסט אין לאַגער, אַז איך קען שרייבן שיינע אָנקלאַגעס, פלעגן קומען צו מיר אַסך, אַזוי אז איך בין נישט געווען בכוח אַזויפיל צו שרייבן.

איינער אַן אַלטישקער האָט מיר געבראַכט זיין אורטייל אויף גאַנצע פיר בויגן פּאַפּיר און געבעטן שרייבן אַן אָנקלאַגע. אמת, ער איז שוין געוואוינט צו דער טורמע און צו די לאַגערן. די פריי פלעגט אים קיינמאָל נישט דינען. ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט קליינע גנבות, אנדערש ווי האָט ער געקענט לעבן און האָבן אויף זיין נישטיקן אויסקומעניש? נאָר איצט איז ער שוין אין די זעכציקער יאָרן. ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט נאָך סטאַלינס טויט פונם לאַגער, לויט דער אמנעסטיע, האָט ער באַשלאָסן מער נישט צו גנבענען. ער האָט ערגעץ אין אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד אַ פּליעמעניק, זיין פאַרשטאָרבענערס שוועסטערס אַ זון. צו אים האָט ער געקלערט זיך דערשלאָגן און ביי אים פאַרענדיקן זיינע לעצטע יאָרן. נאָר ער האָט אפילו נישט באַוויזן צו דערפאָרן אויפן אָרט. אין איינע פון די

אָבלאַוועס, וואָס זענען פאָרגעקומען אויפן וואָקזאל אין סארנע, האָט מען אים פארהאַלטן אָן שום פאַרוואָס. מען האָט שוין דאן צונויפגענומען צוריק אין „חדר״ אריין די, וואָס מען האָט באפרייט און אויך אים בתוכם.

— ווי איך לייען אין פסק־דין אייערן, זענט איר באגאנגען צענדליקער פארברעכנס, אמת קליינע, אָבער דאָך פארברעכנס — האָב איך אים ארויסגעזאָגט.

— איך בין באגאנגען די אויסגערעכנטע פארברעכנס, פונקט ווי איר, האָט ער מיר אריינגעזאָגט. — עמיצער האָט געגנבעט, אן אנדערער האָט געממיתט, דער דריטער האָט פארנומען זיך מיט ספעקולאציעס און אזוי ווייטער און איך האָב געמוזט נעמען די פארברעכנס אויף זיך, כדי צו באפרייען דער מיליץ פון ארבעט צו זוכן די פארברעכערס. אבי מען האָט עמיצן שוין געפונען אַ שולדיקן, זענען זיי פריי פון צו זוכן אנדערע. איר פארשטייט? איר קענט נישט די חברה, די פארברעכערס האָבן זיי איבערגעקויפט און אויף מיר האָבן זיי ארויפגעוואַרפן די שולד... ער האָט נישט געהאט מיט וואָס צו באַצאָלן האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו בייטן זיך מיט די שיך. מיינע זענען אויף מיר צו גרויס געווען און זיינע — פונקט גוט.

נישט פאר אלעמען בין איך מסכים געווען צו שרייבן אָנקלאגעס. אויב דער מענטש איז באמת באגאנגען אַ פאַרברעכן, פלעג איך זיך ארויסדרייען און נישט שרייבן פאַר אים. אָט האָב איך נישט געוואָלט שרייבן פאר פילימאָנאָוון. פארוואָס? ווייל אויף זיין געוויסן האָט ער געהאט דעם טויט פון צוויי קינדער. אפשר איז ער נישט שולדיק געווען, נאָר איך האָב זיך נישט געוואָלט פונאַנדערקלייבן.

פילימאָנאָוו איז א יונגער שאָפער געווען, נאָך קיין 25 יאָר נישט אלט. איצט, נאָך 4 יאָר אָפּזיין אין די לאגערן זעט ער אויס אסך עלטער. ער איז אַ בלאָנדער מיט אַ בערדל און וואָנצעס. ווען ער ליגט אויסגעצויגן אויפן בעט מיט די הענט אונטערן קאָפּ, זעט ער אויס ווי דער געקרייציקטער. ער האָט באקומען 20 יאָר. ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף. ווייל ער האָט געהאט גרויס דערפאָלג ביי די דאָרפישע שיקסעס, האָט ער נישט חתונה געהאט, נאָר געוווינט צוזאמען מיט זיין עלטערער מוטער, ער האָט געארבעט אלס שאָפער פון אַ לאסט אויטאָ, אַ פינף־טאָניקע גרויסע מאַשין, זעקס

אין דער פריי פלעגט ער פֿאָרן אויף דער מאַשין צו דער ארבעט ביים בויען פון א פאַבריק, קומענדיק איינמאָל פארנאכט און דאָרף אריין פון דער ארבעט, האָט ער אָפּגעעסן און באשלאָסן צו פֿאָרן צו דער בענזין־סטאנציע זיך צו באזאָרגן מיט בענזין.

— גאָוורילאַ, האָבן אים געבעטן די שכנים, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זייערע פריזבעס און אָבסערווירט דעם זון־אונטערגאנג, נעם אונדז מיט אויף אַ שפּאַציר.

— ארויף! איז גאָוורילאָ מסכים געווען.

אין איין אויגנבליק איז די מאשין פול געווען מיט מענער, ווייבער און קינדער. מען איז געפאָרן מיט געזאנג און קינדערישע, פריילעכע געלעכ־טערס. אויפן אָרט, ביי דער בענזין־קאָלאָנקע, האָט מען דערווייל ארויס־גענומען פון טאש אַן האלבן שטאָף בראָנפן און געמאכט אַ „לחיים". אים גאָורילען האָט מען אויך מכבד געווען, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— אַ דאנק, ברידערלעך, האָט ער זיך געבעטן. איך טאָר נישט, איך פיר אַ מאַשין... ס'האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. אַ הונדערט גראַם האָט ער פאָרט אויסגעטרונקען.

פאָרנדיק צוריק אין דאָרף אריין, זענען די געהילכן פון די פאסאזשירן נאָך העכערע געווען, זיי האָבן פארהילכט דעם אַרום. אַ פאסטוך האָט געטריבן זיין טשערעדע בהמות אהיים דורכן שאָסיי. די לעצטע עטלעכע בהמות זענען שוין כמעט אריבער דעם שאָסיי, ווי ס'איז אָנגעפאָרן די מאשין. גאָוורילאָ האָט רוישיק געטרומייטערט, נאָר די בהמות האָבן זיך פון גערויש פארלוירן און אָנגעהויבן ראטשקען זיך אויף צוריק. גאָוורילאָ האָט געוואָלט אריבערכאַפּן זיך ביים ראנד פון וועג, כדי נישט צעממיתן די בהמות. פלוצים — טראך, די מאשין האָט זיך איבערגעקערט אין דער זייטיקער גרוב. די מענטשן האָבן זיך ארויסגעשיט פון אינעווייניק, נאָר צווי קינדער זענען דערקוועטשט געוואָרן אויף טויט.

די אָנגעקומענע דאָרף־מיליץ האָט גאָורילען ארעסטירט, זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געווען שיכור. אומזיסט האָבן די געליטענע עלטערן פון די קינדער אים פארטיידיקט און נישט ארויסגעשטעלט צו אים קיין טענות, ער איז פארמשפט געוואָרן אויף 20 יאָר אויסבעסערונגס־לאגער.

א סך פון די אינוואַלידן האָבן נישט געוואָלט ארבעטן אין די לאגער־פאבריקן, אָבער זייטיקע פּרנסות האָבן זיי געזוכט.

מוטשניק האָט צעשניטן אַ פּאָר אלטע צעריסענע הויזן און מיט דער האנט אויפגעבייט היטלען און פארקויפט זיי. איינער פון עסטאָניע האָט פון פערדן־האָר געמאַכט צירונג: מעדאַליאָנען, ספינקעס צו העמדער. ער האָט געקענט פארבן די האָר און ס'האָבן זיך באקומען אָריגינעלע זאכן.

דער צווייטער האָט פון ברויט־אָפּפאַל געמאַכט שרייב־מכשירים. ער פלעגט דאָס ברויט געצן אין וואַסער, אדורכזיפּן דורך א מארלע. ס'האָט זיך באקומען אַ קלעפּיקע מאַסע, וועלכע ער פלעגט פאָרמירן און פארבן.

די הונטערוועלטניקעס האָבן געשפּילט אין קאָרטן, אין פארשידענע אזארד־שפּילן. אָפט פלעגן אזעלכע שפּילן זיך פארענדיקן מיט טרוקענע קלעפּ. עס זענען אויך געווען פאַלן פון מערדערייען.

די דערציונגס־ארבעט דורך ארבעט אין דעם אינוואלידן־לאַגער האָט געהינקען און נישט געגעבן די געהעריקע רעזולטאטן...

געזאנג פון די פייגל

מייך האָפנונג, אז מיין באפרייהונג וועט קומען מצד דעם פארזיצער פון או־אנגעלסקער קרייז־געריכט איז זיך צעשווימען ווי אַ זייפן־בלאָז. עס איז נאָר געווען נישט פארשטענדלעך, הלמאי האָט ער זיך מיט מיר אזוי פאראינטערעסירט? אז ער איז אַן אנטיסעמיט — איז ביי מיר געווען קלאָר, ער האָט דאָך אזוי חוצפּדיק אָפּגעשפּאָט פון אלע דריי אקטירטע יידן, וועלכע ער האָט אָפּגעזאָגט צו באפרייען. חוץ דער אָנקלאגע, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אין זיינע הענט, האָב איך דאָך געשיקט אַ באַזונדער אָנקלאַגע קעגן אָפּזאָג צו באפרייען אין מאָסקווער הויכן־געריכט און צו־געלייגט דערביי מיין פּיעסע־אָנקלאַגע. פארוואָס ענטפערט מען מיר נישט? ס'ווייזט אויס, אַז אויך מיין ווייב און זון זענען שוין געוווינט געוואָרן צו די צרות. נאָך אַזויפיל אָפּזאָגן, וואָס זיי האָבן באקומען, האָבן זיי מנסתם

שוין פארלוירן יעדע האָפנונג מיט מיר אינגיכן זיך צו זען. מיין ווייב ארבעט ערגעץ אין אַ קעלער־שטוב, מאַכט מיט די אייגענע הענט טויזנטער פּודעלעך פאר הארמאָניקעס. דער זון לערנט זיך און כדי צו באקומען אַ סטיפּענדיע, מוז ער זיין איינער פון די בעסטע — איז ער שטארק פארנומען. אמת, פעריאָדיש באַקום איך פון זיי פעקלעך מיט געשמאַקע שפּייזן, יעדן מיטוואָך און שבת באַקום איך בריוו פון זיי — וואָס זשע קאָן איך מער פון זיי פאָדערן?

שוין העכער צוויי יאָר אריבער, אַז איך האָב זיך מיט זיי נישט געזען. צוויי יאָר! זיי וואָלטן זיכער נישט דערקענט דעם פריערדיקן יואליק אין דעם אויסגעלטערטן זקן מיט דער ברייטער באָרד, אדורכגעפלאָכטענער מיט זילבערנע פעדים. איך קוק זעלטן אין שפּיגל, נאָר איך זע זיך אין דמיון נאָך עלטער, ווי איך בין. אַ שאָד, וואָס איך האָב געשריבן צו מיין ווייב, זייענדיק אין לאַגער, אין קניאז־פּאָגאָסט, וועגן דעם, אַז מען קען באקומען א זעאונג אין לאגער מיטן מאַן אויף אַ 10 טעג און אפילו באַשריבן דאָס באזונדערע הייזל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פאַר דעם ציל. ווער ווייסט, צו מיין ווייב באַמיט זיך נישט צו באקומען מיט מיר קיין זעאונג. אומזיסטע טירחה! איצט בין איך דאָ — אין אינוואַלידן־לאגער, און דאָ דערלויבט מען זיך צו זען אין וואכטע־צימער נאָר עטלעכע שעה. און דער שרעקלעכער וועג אהער? צו איז עס פאַר אירע כוחות און צו פארמאָגט זי מיטלען דערויף?

באלד ווי איך בין איבערגעפירט געוואָרן אהער, האָב איך באלד אָנגע־שריבן וועגן דעם און אָפּגערעדט מיין ווייב צו קומען אַהער. אָבער ווער ווייסט, צו זי וועט מיר פאָלגן? פון קניאז־פּאָגאָסט האָט מען מיר איבערגע־שיקט אַ פּעקל פון קיעוו. מען האָט מיר אויך געבראַכט מיין ווייבס עטלעכע בריוו מיטאַמאָל. זי קלייבט זיך צו באקומען אורלאָב און דאן — אין וועג אריין צו מיר.

איך הער נישט אויף צו טראכטן וועגן דער באגעגעניש. דאָס הארץ נאָגט און בענקט. זי, מיין ווייב, שטייט מיר שטענדיק פאר מיינע אויגן, ווי דאָס לעצטע מאָלביים ארויספאָרן פון קיעוו. די גאָלדענע, צעפלויגענע האָר אויפן ווינט, די געקינצלט־שמייכלדקע אויגן און די דינע קנייטשן

ביי די זייטן פון די ליפּן, וואָס געבן אויס איר אומעט און טרויער... מיט אומגעדולד וואַרט איך אויף צען אין אָוונט. איך ליג אויף דער הויבערשטער נאַרע, צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע מיינע פאַרנעפּלטע אויגן און איך זע זי, פיל זי אזוי נאָענט צוגעטוליעט צו מיר און מיינע ליפּן שעפּטשען ווי אַ תפילה: „הארציקע מיינע, נשמה מיינע... מיטאַמאָל בלייבט זי נישט, ווי עמיצער וואָלט זי אָפּגעריסן פון מיר מיט געוואַלט. איך בליק ארויס אין דער האַלב־טונקלקייט פון דעם גרויסן באַראַק. פון אלע זייטן קוקן אויף מיר מיט טרערנדיקע אויגן די מלאכים־קינדער, יינגעלעך און מיידעלעך מיט אזשוריקע פליגעלעך, וואָס פליען, פליען איבערן אַרום. עס פאַרשווונד דער וואַכעדיקער אַרום מיט די צווישטאָקיקע געלעגערס, מיטן שווייסיקן ריח און קרענקלעכן הוסטן. איך געפין זיך אין אַ לויטערער וועלט פון מלאכים, וואָס זינגען שירה און פאָכען מיט די פליגעלעך און רופן, טרייסטן, ווארעמען ווי זי, מיין פאַרשווונדענע ווייב...

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, קאַיאָר, ווען אלע זענען נאָך געשלאָפן, נאָר די ערשטע בלויע שיין האָט אריינגעבליקט דורך די פענצטער, האָב איך ווייטער דערזען די מלאכים. דאָס האָט דער אינוואַליד, אָן דער לינקער האנט, סטאַס, זיי אָנגעמאָלט אזויפיל און צעהאנגען איבערן באַראַק צו טרוקענען, זייער אסך באַשטעלן ביי אים אַ מלאכל מיט אן אויפשריפט: „צום געבורטס־טאָג פון מיין זונעלע, אָדער פון מיין טעכטערל״. ער נעמט נישט מער ווי דריי רובל און פאַר די קינדער, וואָס באַקומען זיי צום געבורטס־טאג פונם טאַטן, איז עס אַ גרויסע פרייד.

צו מאָרגנס האָב איך אַוועקגעטראָגן אונדזער היימישן דאָקטאָר, אויך אַ פאַרמשפּטער, דעם גאנצן מאָסקווער טרוקענעם ווורשט, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין ווייב און, קלאָגנדיק זיך אויף קאָפּ־ווייטיק און האַרץ־ווייטיק, געפּוילט ביי אים, ער זאָל מיך אָפּשיקן קיין קניאַז־פּאָגאָסט אין שפּיטאָל אריין. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין אקטירונג און אויך וועגן מיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד, וואָס האָט פעסטגעשטעלט דער אלטער דאָקטאָר פון קניאַז־פּאָגאָסט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט דעם דאָקטאָר טעלעפאָניש און אויב יענער וועט מסכים זיין מיך אויפנעמען, וועט ער מיך שיקן צו אים.

אין דריי טעג אַרום האָב איך זיך ווייטער געטרייסלט אין א לאסט־מאַשין אויפן וועג קיין קניאז־פּאָגאָסט. דער וועג איז געווען נאָך אַן ערגערער, ווי פריער. דער צעלאָזענער שניי האָט פאַרטאָפּלט די בלאָטעס, קיין פרישעביימער האָט מען נאָך נישט באַוויזן אויסצוהאַקן און אויסלייגן אויף די וועגן. דאָך האָבן זיך דערטראָגן צו מיין נאָז די פרילינגדיקע פרישע ריחות פון וואַלד, מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט די שירה פון די וואַלד־פייגל, וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן אומצוקערן פון די מרחקים צו זיך אהיים, און בויענדיק זייערע נייע נעסטן האָבן זיי זיך צעצוויטשערט מיט אלערליי קולות. איך האָב ווי פאַרשטאַנען זייער געזאַנג, ווי ס'וואָלט געווען לכבוד מיר און לכבוד מיין טייערער, וואָס יאָגט זיך צו מיר פון דער ווייט...

די פאַרווייען פון דער זעאונג

דער אַכט אָדער צען קילאָמעטערדיקער וועג פון דעם אינוואַלידן־לאַגער קיין קניאז־פּאָגאָסט האָט אזוי צעטרייסלט די קישקעס אין מיין בויך, אַז ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז אָט־אָט רייסן זיי זיך איבער. אינדערפרי פאַרן פאָרן האָב איך גאָרנישט געגעסן, האָב איך דעריבער נישט געהאַט וואָס ארויסצוברעכן. ס'איז אָבער געווען סוף אפריל, ווען דער שניי איז שוין אינגאַנצן זיך צעגאַנגען און אַן א שיעור ריטשקעלעך זענען געלאָפן פון די טיפענישן פון וואַלד צום וועג, וואָס איז אַן זיי געווען פייכט און בלאָטיק. וואָס מער איך האָבן געליטן פונם טרייסלען זיך ארויף און אראָפּ, אַלץ מער בין איך געווען צופרידן, וואָס מיין טייער ווייב וועט נישט אויסקומען צו שלעפּן זיך און טרייסלען זיך איבער אים, אויב זי וועט קומען צו מיר, און אין דעם בין כמעט ווי זיכער געווען, וועט זי מיך שוין טרעפן אין קניאז־פּאָגאָסט. און אפשר וואַרט זי שוין דאָרט אויף מיר? אפשר האָט מען מיך צוליב איר אַזוי שנעל ארויסגעשיקט פון ראקפּאסט?

ווי נאָר איך בין געקומען אויפן אָרט קיין קניאז־פּאָגאָסט האָב איך באלד געפרעגט אויף דער וואכטע, צו איז געקומען צו מיר מיין ווייב.

— ניין! האָט מען מיר געמאָלדן, קוקנדיק דערביי אויף מיר מיט ביטול, ווי איינער רעדט: אַן איינפאַל פון אַן אַלטן חסר דעה!

דאָס האַרץ איז מיר אָבער געוועו אומרואיק. די אָנגעווייטיקטע איינגעווייד האָט ווי איבערגעגעבן דעם ווייטיק אין קאָפּ אריין. עס האָט געחלשט דאָס האַרץ און אין די בלוט־געפעסן איז געפלאָסן דאָס בלוט מיט אַן אימפּעט, ווי די וואסערלעך פונם וואלד אויפן וועג אראָפּ. אין עס־צימער האָט מען מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט און שיטערן אָפּגעקילטן זופּ. ווי נאָר איך האָב אָפּגעגעסן — איז מיר באלד לייכטער געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט איז מינדעלע, מיין ווייב געזעסן אין דער לאגער־אָפּטיילונג און זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. לויט זייער קארטאָטעק דאַרף איך זיך געפונען אין ראקפּאסט.

— ראקפּאסט? ווו געפונט זיך דער לאגער — האָט מיין ווייב איבער־געפרעגט זיי מיט פארצווייפלונג.

— נישט ווייט פון דאנען, אינגאנצן ביז צען קילאָמעטער, נאָר דער וועג איז קיין וועג נישט, דערצו זענען אהין קיין קאָמוניקאַציע־מיטלען נישט פאראַן.

אַ שרעק האָט ארומגעכאַפּט מיין ווייב. זי האָט אַ דורכגעמאכט אַזאַ געפערלעכן, ווייטן וועג און איצט כאָטש נעם און פאָר צוריק. דערצו גייט דער באַן נאָר איינמאָל אין מעת־לעת.

אין דער לאגער־אָפּטיילונג האָט זיך פונקט געפונען דער אלטער דאָקטאָר, דער אָנפירער פונם שפיטאָל אין קניאז־פּאָגאָסט. דערזעענדיק פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטע עלטערע פרוי און איר פארצווייפלונג, האָט ער געוואָלט זי בארואיקן.

— פון דאנען גייט אָפּ אַרום דריי נאָכמיטאָג אַ מאַשין. קיין ראקפּאסט. איך וועל פועלן ביים שאָפער ער זאָל אייך מיטנעמען אהין. איר וועט אָבער נישט האָבן דאָרט ווו צו איבערנעכטיקן — האָט דער דאָקטאָר מיט באדויערן אַ זאָג געטאָן צו מיין ווייב.

— איך בעט אייך, טוט עס. איך מוז זיך מיט מיין מאַן זען. שוין העכער צוויי יאָר, אז מיר האָבן זיך נישט געזען. איך מוז זיך מיט אים זען! כאָטש נאָר איין ווילע, נישט מער.

אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג איז זי שוין געזעסן אין דער קאַבינע פון שאָפער, אַן עלטערער פויער, וואָס האָט געפירט קיין ראקפאסט שפּייז־פּראָדוקטן.

— עך, בירגערין, אַ שווערער וועג וואַרט אויף אייך. אַ שווערער וועג! בארעכנט זיך פריער, איידער איר פאָרט אהין. — האָט דער שאָפער ארויסגעזאָגט.

— שרעקט מיך נישט! דער וועג פון ליידן איז מיר באקאנט. איך פאָר מיט אייך — האָט מיין פרוי מיט עקשנות אים געענטפערט.

זיי זענען אָפּגעפאָרן. דער געדאנק, אז גאָר נאָענט איז די צייט, ווען זי וועט זיך זען מיט איר מאַן, וואָס בענקט אזוי שטארק נאָך איר, האָט איר גרינגער געמאכט דעם וועג. ארויף — אַראָפּ, נאָכאמאָל ארויף און נאָכאמאָל אראָפּ! דער וועג אין גהינום אריין דאַרף שוין שווערער נישט זיין. זיי ביידע זענען געפאָרן שווייגנדיק. פון צייט צו צייט פלעגט זיך ארויסרייסן אַ פארדעמפטער „אוי", נאָר זי האָט זיך באמיט צו טראכטן וועגן אנדערע זאַכן: וועגן שוועלבעלעך, וואָס פלאטערן אַרום און אַרום, וועגן דעם פּיקהעלץ, וואָס קלאפּט אומאויפהערלעך: פּיק... פּאק... פּיק... פּאק...

ענדלעך זענען זיי שוין אָנגעקומען אויפן אָרט. די מאשין פאָרט אריין דורכן אויפגעפראלטן טויער. זי בלייבט שטיין אין דרויסן. דורך אן אויפ־געעפנט פענצטערל שמועסט זי זיך איבער מיט דער דעזשורנעם.

— אייער פּאַספּאָרט? זי דערלאנגט איר פּאספּאָרט.

— מיין מאן הייסט אויך אַזוי פּערעל — פּערעל יאָוועל — גיט זי צו.

— איר וועט צוווארטן אינדרויסן, אָדער קומט אריין אין וואכטע־צימער. איך וועל זיך דערוויסן, ווו ער געפונט זיך.

— ער איז דאָ, אין ראקפּאַסט. אזוי האָט מען מיך פארזיכערט אין דער לאגער־אָפּטיילונג, — האָט מיין פרוי אים איבערגעגעבן.

— מעגלעך, מעגלעך! איך וועל שיקן אָנפרעגן וועגן אים אין דער קאַנצעלאריע. זעצט זיך דערווייל צו. —

זי וואַרט שווייגנדיק און זעט פון דערווייטנס ווו ס'פאָרט אָפּ אַ מאשין, אָנגעלאָדן מיט אסאך פוסטע קעסטלעך, אויף צוריקוועגס.

— נו ? פרעגט ער אדורכפאָרנדיקן.

— איך וואַרט אויף אַ תשובה, אפשר וועט מען מיין מאַן אהערברענגען.

— נו, מיט גליק ! פּראָשטשאַיטיע ! — און ער פאָרט אריבער דעם טויער.

ערשט אין אַ צייט אַרום איז מען געקומען פון דער קאַנצעלאַריע אָנזאָגן די בשורה :

— אמת, אייער מאַן איז דאָ געווען. איצט איז ער אין קניאַז־פּאָגאָסט. ער איז היינט גאַנץ פרי ארויסגעפאָרן אַהין.

— אין קניאַז פּאָגאָסט ? האָט מיין פרוי ווי אויסגעשריען. קניאַז־פּאָגאָסט ! איך בין דאָרט געזעסן אין דער לאַגער־אָפּטיילונג פון גאַנץ פרי אָן ביז דריי בייטאָג, און ער איז גאָר דאָרטן. זי איז שוין גרייט געווען צו פאָרן צוריק, נישט קוקנדיק אויף דער מידקייט און אָפּגעשוואַכטקייט. אָבער ווי אַזוי ? דער שאָפער איז שוין ווייט.

— וואָס טוט מען ? העלפט מיר ! האָט זי זיך געבעטן.

— דער דעזשורנער האָט זי געטרייסט :

— ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז נאָך היינט וועט מען ברענגען עטלעכע אינוואַלידן אַהער, וועט איר קענען צוריקפאָרן.

אַזוי איז טאַקע געשען. עס איז אָנגעקומען אַ לאַסט־מאַשין. פון אינעווייניק זענען אַראָפּגעקראָכן עטלעכע עלטערע מענטשן, אויקענדיק און קרעכצנדיק, איינער פון זיי האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט אַראָפּקריכן.

— הרגעט מיך בעסער ! איך האָב עס שוין גענוג ! — האָט ער זיך געבעטן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. עטלעכע געזונטע יונגען פון דער וואַך האָבן אים אויף כוח אַראָפּגעשלעפּט פון דער מאַשין.

— איך בעט אייך, נעמט מיך מיט קיין קניאַז־פּאָגאָסט — האָט זיך מיין פרוי געבעטן. מיין מאַן איז דאָרטן, מיך האָט מען פאַלש אינפאָרמירט, אַז ער איז דאָ.

— מעגלעך, בירגערין, מעגלעך, איך פיר זיי דאָ אהער, דעם אהין. פּאָ נאַריאַדו ! פּאָזשאַלויסטאַ, זעצט זיך איין אין דער קאַבינע. די נאַכט קומט אָן. ס'וועט מיר היימלעכער זיין דער פאַרשאָלטענער וועג. ס'איז שוין געווען פינצטער ווען מיין ווייב איז אָנגעקומען קיין קניאַז־פּאָגאָסט. אַ פאַרביטערטע, אַן אָפּגעשוואַכטע, מיט שאַרפע ווייטיקן אין בויך, איז זי

געשטאַנען אין וואַכטע־צימער. דער דעזשורנער האָט געשיקט איינעם אין דער לאַגער־אָפּטיילונג מיט איר שריפטלעכער ביטע צו דערלויבן איר צו האָבן אַ זעאונג מיט איר מאַן אויף 5 מעת לעתן.

ווי איך האָב נאָך דערהערט, אַז אין וואַכטע צימער, וואַרט אַן עלטערע פרוי, בין איך אהין געלאָפן. צי האָט זי מיך נישט געזען פונם באַלויכטענעם צימער ווי איך שטיי פונדערווייטנס אין דרויסן אין קוק אויף איר, מיין אויסגעבענקטער, מיט פאַרטרערנטע אויגן. אין האַרצן האָב איך געפילט אַ קלעמעניש, עס האָט געפּיבערט מיין יעדער אבר, אין די בלוט־אַרטעריעס איז דאָס בלוט געפלאָסן שנעל, ווי אין א גאַלאָפּ.

— פאַרוואָס קוקט זי נישט אין מיין זייט אריין? צי דערקענט זי מיך נישט אין מיין האַלב־גרויער ברייטער באָרד, וואָס איך האָב אפילו נישט באַוויזן אונטערצושערן? עס ווילט זיך מיר אַ געשריי טאָן: „מינדעלע!". נאָר איך האַלט זיך איין. די פאַרבייגייער קוקן אַזוי אויך אויף מיר מיט קינאה.

באַלד איז אָנגעקומען איינער און געבראַכט די שריפטלעכע דערלויבעניש אויף דער זעאונג פון דער אָפּטיילונג. מען האָט איר, מיין ווייב, זי איבערגעגעבן אין דער האַנט אריין און דורך אַ זייטיק טירל אריינגעפירט אין דעם באַזונדערן הייזל פאַר זעאונגען, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכלדיקע דראָטן, מען האָט איר איבערגעגעבן דעם שליסל. מען האָט מיך אויך אריינגעלאָזט צו איר. זי האָט שוין נישט געקענט שטיין אויף די פיס און זיך אַוועקגעזעצט אויפן אייזערנעם בעטל. אונדזערעביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט. די אויגן זענען ביי אונדז ביידע געווען פייכט. קיינער פון אונדז איז נישט געווען אומשטאַנד אַרויסצוברענגען אפילו קיין איין וואָרט. נאָר די ליפּן האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ לאַנג־דויערנדיקן געגאַרטן קוש...

שיר השירים

די פיזישע מידקייט פונם טאג, די שפע פון געפילן, וואָס איז ווי אריבער די ברעגעס, האָבן זייערס אָפּגעטאָן. דאָס הארץ און דער קערפּער האָבן געפּאָדערט רו. פּונקט 10 אין אָוונט, ווי יעדן אָוונט אין דער צייט, האָב איך זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און אָפּגעפילט די נאָענטקייט פון מיין טייערער נישט נאָר אין דמיון, ווי שטענדיק, נאָר אויך דעם הויך פון איר אָטעמען, דאָס ריטמישע קלאַפּן פון איר הארץ, איר ווארעמע מאַמעש־קייט האָט ווי איינטוליעט מיך איינגאַנצן. מיר זענען געשלאָפן שטארק, שטארק, אָן חלומות, ווייל דער אויסגעטרוימטער חלום איז פארוואנדלט געוואָרן אין וואָר...

— א גוט מאָרגן, טייערע!

— א גוט מאָרגן, טייערער מיינער!

מיט דער באַגריסונג האָבן מיר אָנגעהויבן דעם ערשטן טאג פון אונדזער זיווג. די פרעמדקייט, פון דער 26 חודשמדיקער דערווייטערונג איינער פונם צווייטן, פון דער ברייטער האַלב־גרויער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרים פאַר א פאַרשטעלונג — איז ווי פארשווונדן. אַבי די אויגן זענען די זעלבע, אזעלכע קינדערישע און שמייכלדיקע, ווי פריער. ווי כוואַלעס אין ים, איינע גרעסער פון דער צווייטער זענען אָנגעקומען די מינוטן פון פרייד.

מינדעלע האָט, ווי שטענדיק, איר פרייד אויסגעגאָסן אין ליד. זי האָט זיך צעזונגען שטיל, נאָר מיט דער פריערדיקער פולקייט און זאפטיקייט. דער גלאַנץ אין די אויגן האָט ווי אונטערגעזאָגט, אז איר פרייד איז אַן אמתע פון פולן האַרצן. עס איז געווען איר שיר השירים אין סאמע קאַיאָר.

—אַך, פארוואָס, אַך פאַר ווען
איז די נאַכט אַזוי שיין געווען?

מיר זענען געווען ז[illegible] פאַר [illegible]ין גאנצן הייזל, וואָס איז צוגעגרייט געווען פאַר דריי פאָרפעלק[illegible]. מיר האָבן געהאט ד[illegible]קייט אויסצונוצן דעם היכל פו[illegible] געגארטע זעאונגען, וואָס דער נאָך־סטאַלין רעזשים האָט באַשלאָסן איינצופירן אין די לאַגערן.

דריי באזונדערע צימערלעך, צו צוויי אייזערנע בעטן מיט מאטראצן אין יעדן, קישעלעך און ריין־געוועש פון קרעם־קאָליר. אן אלגעמיין קיכל, מיט כלים צום קאָכן, אַ קעסעלע מיט אַ סאָסקע־קראַן צו וואשן זיך אין ווינקל, טעלער, לעפל, גאָפּל — לייכטע פון אלומין.

מיר האָבן זיך געוואשן. אויפגעגאָסן איינער דער צווייטן די וואַסער פון אַ שיסעלע און געפּלוסקעט זיך, ווי קינדער, מיט געלעכטער און שקאָצעריי. איך בין אוועק מיט א טעפּל אין דער האנט אין קיך אריין נאָך פרישטיק. איך האָב געפילט אויף זיך די בליקן פון אסך. זיי האָבן זיכער מיר מקנא געווען, וואָס צו מיר איז געקומען צו גאסט מיין פרוי, נאָר קיינער האָט מיר גאָרנישט נישט געפרעגט. ביים פענצטערל האָט דער קוכער מיך באגעגנט מיט אַ פיל זאָגנדיקן שמייכל און אָנגעפולט מיין כלי מיט זופּ, דערביי צוגעשמאָלצן מיט א גרעסערער פּאָרציע גריישלטע ציבעלעס. אויך די פּאָרציע ברויט איז געווען אַ דאָפּלטע. מירביידע האָבן געגעסן פון צוויי טעלער דעם געשמאקן זופּ און פארביסן מיט ברויט. מיין ווייב האָט אויך מיטגעבראכט טרוקענעס ווורשט אַזוי, אַז מיר האָבן פולקאָם געשטילט דעם הונגער.

נאָכן פרישטיק האָט מיין ווייב געוואָלט גיין אין שטעטל אריין עפּעס איינצוקויפן צו קאָכן אויף מיטאָג. איך האָב זי אָפּגערעדט דערפון. א שאָד יעדע מינוט. אין בין געווען זיכער, אַז די קיך וועט אונדז שוין באזאָרגן מיט טאָפּלטע מיטאָגן און אויב נישט — וועלן מיר זיך צעטיילן מיט מיין פּאָרציע.

מינדעלע האָט מיר דערציילט וועגן דעם וואָס האָט מיך אממערסטן אינטערעסירט, וועגן אונדזער זון.

— אַ טייערן זון האָבן מיר, אַ בריליאנט. אַכט חדשים האָב איך נישט געארבעט, אַלץ ארומגעפּאָרן צו די פּראָקוראָרן, אפילו צו מיניסטאָרן און געזוכט יושר.

דער זון אונדזערער האָט אָפּגעהיט די שטוב, געגעבן דריי פּריוואַטע לעקציעס, און אליין געלערנט זיך אויסערגעווענלעך גוט. די חברים האָבן זיך דערווייטערט פון מיר און פון אים — נו, זענען מיר געווען ווי צוויי בעסטע חברים, מיט פאַרטאָפּלטער ענערגיע האָט ער זיך גענומען צו

ספּאָרט, פאַרפעסטיקט די מוסקולן און געוואָרן שטאַרק, ווי אַן אַטלעט.

— זאָל נאָר ווער פּרווון מיך אָנרירן, אָדער באַליידיקן — איך וועל אים צערייבן אויף מאָן... פלעגט ער אַרויסזאָגן אָן שום גאווה. קיין פּאָליטיק אינטערעסירט אים נישט, ער בליקט אפילו נישט אַריין אין קיין צייטונג:

— פאַרקויפטע נשמות האָבן זיי... פלעגט ער טענהן.

ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע באָקסערן אין אַקאַדעמיע. ער פלעגט הייבן שווערע משאות און לעצטנס איז ער אַ „באַריעץ" פון פּראָנ־צווזישן קאַמף.

— זאָל ער! האָב איך אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ.

— די דריי אוקראַאינישע סטודענטן, וואָס ווױנען ביי אונדז האָבן פאַר אים דרך ארץ, זיי לערנען אַגראָטעכטיק און ער עלעקטריע, דאָך העלפט ער זיי פון צייט צו צייט אין פיזיק, אין מאַטעמאַטיק.

כמעט קיינער פון אונדזערע פריערדיקע חברים קומט נישט צו אונדז. אין יוסף לוואָוויטש פאַרבעט אונדז אמאָל צו זען ביי אים טעלעוויזיע. מערסטנס קוקן אויף אונדז מיט רחמנות, נאָר שרעקן זיך צו דערנעענטערן זיך. דער דירעקטאָר פון דער דריטער שול טוט אַלץ, כדי אונדז אַרויס־צושטויסן פון אונדזער אייגענער דירה, נאָר מיר קעמפן מיט אים העלדיש. —

— נו, און ער, דער מסור, אַראָן סאַמאָילאָוויטש? האָבן איך געפרעגט.

— ער שיכורט אַלץ שטאַרקער. מען האָט אים שוין דערווייטערט פון דער אָוונט־שול אויך. די ראַווינעס — זיינע נאָענטסטע שכנים ציטערן פאַר אים און פאַרשווייגן אַלץ, וואָס ער טוט זיי בייז.

— איך האָב דיר געשריבן וועגן דער האַנדלונג פונם פּאָרזיצער פון אַרכאַנגעלסקער קרייז־געריכט. עס וואונדערט מיר, הלמאי באַציט ער זיך צו מיר אַנדערש ווי צו אַנדערע יידן. ער איז זיכער אַן אַנטיסעמיט!

— איך גלויב נישט אין אים און נישט אין אַלע אַנדערע. ס'איז אַ סיסטעם פון אונטערדרוקן יעדן איינעם און יידן בפרט. אפשר איז ער אַ מער כיטרער פוקס פון אַנדערע. פירט ער דיך אין באָד אַריין! —

— און איך מיין, אַז דער אַנטיסעמיט אין ראַטנפאַרבאַנד וויל באַווייזן פאַר אַנדערע, אַז ער איז עס נישט, ס'פּאַסט דאָך נישט פאַר דער אידעע,

נו, מאכט ער אַן אויסנאַם לגבי אייניקע יידן. ווער ווייסט, אפשר בין איך דער אויסנאַם...

— הלואי! האָט מיין ווייב אונטערגעהאַלטן.

— מינדעלע, פרעג זיך נאָך אין מאָסקווע, אין הויכן געריכט וועגן מיין אָנקלאַגע.

— אַודאי! כ'האָב דען וויכטיקערס צו טאָן?

אַזוי האָבן מיר גאַנצע טעג געשמועסט וועגן אַלץ און אַלעמען. איך האָב פאַר מיין ווייב געלייענט אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין לאַגער אויף דער רוסישער שפּראַך, אַממערסטנס קאַפּיטלעך פון מיין גרויסן ראָמאַן „מיין גרויסע ליבע" וואָס איז געווידמעט איר, מיין איינציקער און אונדזער גרויסער ליבע.

די שעהן זענען פאַרבייגעלאָפן, זיך באַהעפט אין טעג, אין מעת לעתן. בליץ שנעל זענען אַריבער שוין פיר מעת לעתן. אַזעלכע אינהאַלטפולע, אַזעלכע האַרציקע. קיין איין טרער איז נישט פאַרגאָסן געוואָרן, פאַרקערט, מינדעלע האָט נישט אויפגעהערט צו זונגען, וויסנדיק אַז איר געזאַנג איז מיין טרייסט און האָפנונג.

פונוואַנען קומט צו אונדז מענטשן אויסגעפּרוווטע דורך אומגליקן און נויט, געפאַר און פאַרצווייפלונג אַזאַ שפע פון האָפנונג, אַז אַלעס בייז וועט פאַריבער און פאַר אונדז וועט אויפסניי אויפשיינען די זון?!...

אין דעם פינפטן, לעצטן טאָג פון אונדזער „זעאונג" האָט מיר דער קולט־אָרג פונם לאַגער געשיקט רופן און געבעטן:

— מאַרקאָוויטש! מיר ווייסן, אז איר זענט גאָר פעיק און איר דאַרפט אונדז העלפן אַרויסלאָזן די יום־טובדיקע וואַנט־צייטונג, לכבוד דעם ערשטן מאַי!

ס'איז מיר אַודאי געווען אַ שאָד צו פטרן עטלעכע שעה צייט אזוי אָפּצו־רייסן זיך פון מיין ווייב אין טאָג פון איר אָפּפאָרן. איך האָב עס געמוזט טאָן, איך האָב זיך באמיט, אַז די צייטונג זאָל זיך באַקומען וואָס רייכער אין אינהאַלט און שענער אין דער פאָרם. איך האָב אַזוי אַרום געוואָלט אָפּדאַנקען פאַר די גליקלעכע פינף טעג, וואָס אי[illegible]באַקומען אין דעם גרויען לאַגער־לעבן.

פאַרן אָפּפאָרן זענען מיר צוזאמען אריינגעגאנגען צום נאַטשאַלניק פונם לאגער איר אָפּצודאנקען פאַר דער „זעאונג".

אין דער אָנוועזנהייט פון מיין פרוי האָט דער נאטשאַלניק זיך באצויגן מער העפלעכער, ווי שטענדיק.

— איר זענט אַ לערער, מיט אַ דיפּלאָם און הויכער בילדונג, מיט אַן הויכן לערער־סטאזש — האָט ער געזאָגט. אויך אייער ווייב איז געווען אַ לערערין. אָט פאַרענדיקן מיר דאָס בויען די שול אין קניאַז־פּאָגאָסט. זאָל אייער ווייב זיך באזעצן דאָ, אייך וועלן מיר אויך ארויסלאָזן פונם לאגער, כדי איר זאָלט ביידע ארבעטן אין שול אלס לערער. קאָמי ס.ס.ר. נויטיקט זיך שטארק אין לערער־פאכמענער!

דער פאָרשלאָג פונם נאטשאלניק איז מיר געווען אַזוי אויסטערליש און ניי, עס איז מיר אַ דורך אַ געדאַנק, צי ווייסט ער נישט עפּעס בייעס וועגן מיין באפרייהונג. צי וויל ער נישט אויסנוצן די געלעגנהייט און אונדז כאַפּן אויף דער ווענטקע.

— איך וויל האָפן, אַז מיין מאַן וועט אינגיכן באפרייט ווערן. ער איז אַן אקטיריטער. דערצו בין איך זיכער, אז זיין אומשולד וועט באַוויזן ווערן. מיר האָבן אין קיעוו אַן אייגענע דירה, אונדזער זון לערנט זיך. דער בייט אימפּאָנירט מיר נישט — האָט מיין פרוי אים אָפּגעענטפערט.

זי האָט אים באדאנקט פאַר דער ווארעמער אויפנאַמע און פאַר די גוטע באדינגונגען, וואָס זענען פאַר אונדז געשאַפן געוואָרן במשך פון 5 טעג.

— באטראכט זיך! איר האָט נאָך צייט, ביז די שול וועט פארטיק זיין! האָט דער נאטשאלניק שמייכלדיק אַ זאָג געטאָן ביים ארויסגאנג.

דער באן האָט באדארפט אָפּגיין אַרום 10 אין אָוונט. מיין ווייב האָט געמוזט גיין צו דער באן איינע אַליין אין דער פינצטער. מיין בליק האָט זי באגלייט דורך די שפּארונעס פונם טויער לאַנג, לאַנג. אפילו ווען זי איז שוין פארשוווּנדן פון מיינע אויגן, האָב איך זי נאָך באגלייט אין דער פינסטערניש מיט מיין האַרץ.

יואל פערעל

דאס געשלעכט־פּראָבלעם

ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאכט, ווען מינדעלע איז ארויסגעפאָרן פון קניאז־פּאָגאָסט. די גליקלעכע פינף מעת־לעתן, וואָס מיר האָבן פארבראכט צוזאמען, האָבן נאָך מער פארשווערט דאָס צעשיידן זיך. זי. מינדעלע, האָט זיך געהאלטן העלדיש. געשמייכלט, געטרייסט און געוועקט האָפנונגען, ארויסזאָגנדיק, אז די זעאונג אונדזערע איז נאָר געווען דער פאָרשפּיל צום קאָנצערט, וואָס ווארט אונדז איו דער נאָענטער צוקונפט, ווען מיר וועלן ווידער זיין צוזאמען נאָך אַסך לאנגע, לאנגע יאָרן. קיין איין טרער האָט זי נישט געלאָזט. איך האָב זיך אויך געשטארקט, אָבער אינערלעך איז מיין געמיט געווען צעבראָכן.

— אפשר וואָלט גלייכער געווען, ווען זי וואָלט נישט געקומען אַהער. פריער פלעגט זי מיך זעען אין דמיון, דעם פריערדיקן געליבטן מאַן אירן, זיין שיינעם אויסזען, מיטן שטארקן מענערישן פלאם, מיט דער אוממידלעכער ענערגיע צו טאט — איצט האָט זי זיכער געזען אויף זיין אָרט אַן אַלטן, באָרדיקן, שלאבעריקן מאַן, וואָס פארמאָגט נאָך אין זיך געווג פלאם, אָבער דאָס פייער ליגט ערגעץ פארבאָרגן אונטער דעם אש פון דעם אדורכ־געלעבטן.

איצט איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן, פארוואָס מען דערציילט, אַז ס׳זענען געווען פאלן, ווען יונגע, קרעפטיקע ווייבער זענען אנטלאָפן אויפן צווייטן טאָג פון זייערע מענער, צו וועלכע זיי זענען געקומען אויף דער אויסגע־בענקטער זעאונג פון גאָר ווייטע מקומות...

איך מיין, אַז דאָס וויכטיקע פּראָבלעם פון צעשיידן מאַן און פרוי אויף לאנגע יאָרן, איז נאָך כמעט ניש באַרירט געוואָרן, נישט דורך שרייבער, נישט דורך מעדיקער און נישט דורך דער יוסטיץ.

אַזוי טראכטנדיק האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב זיך אפילו נישט באַזאָרגט מיט קיין אָרט צו שלאָפן די נאכט. וווהין גייט מען? צו וועמען קען איך זיך ווענדן אין אַזאַ שפּעטער שעה?

באמערקנדיק ליכט אין איינעם פון די באַראַקן, בין איך אהין אריין.

— דער בריגאדיר! ווו איז דער בריגאַדיר? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

אַן הויכער מיטליעריקער יונגערמאַן איז מיר אנטקעגנגעגאנגען און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דאַרפט איר?

— איך האָב געהאט אַ זעאונג מיט מיין ווייב. איצט איז זי אָפּגעפאָרן און איך בין פארבליבן אָן אן אָרט צום שלאָפן. אפשר וואָלט איך געקענט ביי אייך איבערנעכטיקן די נאכט?

— אָט דאָרט איז פאראן אַ פוסט אָרט, אויפן הויבערשטן שטאָק. איר קענט זיך דאָרט לייגן. — האָט ער מיט אַ שמייכל מיר אָנגעוויזן אויפן אָרט.

— אָבער אַזוי גוט און באקוועם, ווי די פארגאַנגענע נעכט וועט אייך דאָ נישט זיין — האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ציניש שמייכל אויף די ליפּן אן יונגער שגץ, מיט שפּיציקע שטריכן אויפן פנים און מיט שארע, וואסער־דיקע אויגן.

— עס רעדט פון דיר ארויס די אייפערזוכט, ניקיטע! האָט זיך אָנגערופן דער בריגאדיר.

— אדרבה, פארבעט אויך אהער דיין מאטרוכען, וועסטו פארשפּאָרן מקנא צו זיין אַ צווייטן.

— מיין מאטרוכע איז אַ יונגע און אַ שיינע. עס פעלן איר נישט קיין מענער, שטארקערע און וועלכע טויגן זיך אויס מער פון מיר. — האָט ניקיטע געענטפערט האַלב ערנסט, האַלב אין אַן הלצה.

— נו, לאָמיר זאָגן, זי קומט צו פאָרן. פּיעראַגעס ברינגט זיי פאַר מיר, אַ גרוס פון די קינדער און פון די קומעס. זייער שיין, זייער פיין! זי ברענגט זיך אליין מיט איר שלאנקן גוף און שטייפע ברוסטן, מיט איר בענקעניש און תאווה — און איך? וואָס קען איך פאר איר טאָן? הא? אַ פארשאָלטענער לאגערניק מיט אַ פיר־יאָריקן סטאזש, וואָס איז שוין אויסגעוועפּט געוואָרן פון בענקעניש און נישט באפרידנקייט...

— ער איז גערעכט — ניקיטא — האָט זיך אָפּגערופן אן אנדערער, וואָס איז שוין געלעגן אויפן בעט:

— אין לאַגער זענען פאראן מענער, וואָס זוכן אן אויסלאָדונג פון זייער געשלעכטלעכן אינסטינקט דורך פארגוואלטיקן זיך אליין, אָדער נאָך

ערגער, דורך פארגוואלדיקן אַ שוואַכערן פון זיך, אַ „פּיפל״ — אָדער נאָך אויף ערגערע אופנים, ס׳ווערט אזש נישט גוט אזוינס צו דערמאָנען...

— איצט — די קינדער? אויף וועמען קען מיין פרוי איבערלאָזן די קינדער? זי לעבט דען צוליב מיר, אָדער צוליב זיך? צוליב די קינדער לעבט זי! — האָט זיך ארייַנגעמישט אַ דריטער.

— לאָמיר זאָגן, אַז דער קאָלכאָז האָט זי אָפּגעלאָזן, די קינדער האָבן גענומען צו זיך די עלטערן. זי קומט, אדורכמאַכנדיק טויזנטער קילאָמעטער אין דער פּוסטער טאַיגא. צי איז נישט איינגעשטעלט איר לעבן פאַרנדיק אהער און צוריק? די אָרעמע קאָמי־לייט זענען גרייט צוליב אַ פּאַלטן, צוליב אַ פּאָר שיך צו דערהרגענען. זיי לויערן דאָ אויף די אנטלאָפענע פארמשפטע. פאר כאַפּן זיי לעבעדיקערהייט באַקומט ער אַ געלט־פּרעמיע, אפילו פאר אַ דערהרגעטן ווערט ער באַלוינט...

זייערע רייד האָב איך אויסגעהערט מיט אינטערעס. זיי האָבן ווי דערגענצט מיין טראַכטן פאר מיין ווייבס אוועקפאָרן, אָבער די לעצטע רייד וועגן די מאָרדן האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק:

— מיין ווייב איז אין געפאר! אַ פּשוטער פויער אָריענטירט זיך בעסער אין דער לאַגע פון מיר. און אפשר איז דאָס אלץ איבערגעטריבן? מינדעלע האָט מיר טאַקע דערציילט, אַז גאָר ווייניק מענטשן זענען געפאָרן אין דעם וואַגאָן מיט איר. „דער פחד האָט גרויסע אויגן״ — האָב איך געטראַכט, כדי זיך צו באַרויקן. אבער באַרויקט האָב איך זיך נישט. אפילו דאַן ווען איך בין דאָך איינגעשלאָפן, האָב איך געזען שוידערלעכע חלומות: טונקעלע סילועטן לויפן ארויס פון די וואַגאָנעס, מיט צעשויבערטע האָר, מיט ווילדע געשרייען און לויפן אין די ווייטן פון דער פּוסטער טייגא און מחנות שאקאלן יאָגן זיך נאָך זיי מיט אַ ווילדן געוואָי...

אין דערוואַרטונג

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף אַ בריוו פון מיין ווייב. פאַר אונדזער זעאונג פלעג איך כמעט מיט יעדער פּאָסט דערהאַלטן איר בריוו. יעדער בריוו האָט מיט זיך געבראַכט פרייד און האָפנונג. אָבער איצט איז די שפּאַנונג און חשק צו באַקומען אַ בריוו פאַרצענפאַכיקט געוואָרן. די מורא פאַר מינדעלעס לעבן איז נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין מינוט. איך בין דער ערשטער געקומען אין קלוב אריין, זיך צוגעהערט צו יעדן אויסגערופענעם נאָמען. אלע, אלע האָבן בריוו באַקומען — איך נישט. מיט אַ קאַפּווייטיק בין איך דער לעצטער אַרויס פונם קלוב — אַן אַנטוישטער און האָפנונגסלאָזער.

און אזוי צוויי מאָל אין דער וואָך. איוואַן פּעטראָוויטש האָט געפּרוּווט מיך באַרויקן. — ס׳טרעפט זיך, מאַרקאָוויטש! צוליב וואָס דאַרפסט איר אויסלייגן צום שלעכטן? אָט באַקום איך קיינמאָל נישט קיין בריוו, איז וואָס?

ער האָט אָבער געזען, אַז זיינע טרייסט־ווערטער בלייבן הענגען אין דער לופטן און דערגייען נישט צו מיין באַוווסטזיין, אַז מיינע אויגן זענען ווי פאַרדעקט מיט אַ נעפּל, אַז קיין זאַך אינטערעסירט מיך נישט, אפילו די שמועסן מיט אים. האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן מיין גייסטיקן גלייכגעוויכט און געוועגדעט זיך וועגן מיר צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט מיך גערופן צו זיך אין שפּיטאָל אריין. די יידן, וואָס זענען געווען אין קניאַז־פּאָגאָסט האָבן דעם דאָקטאָר פיינט געהאַט, אפילו געקרויינט אים מיטן נאָמען „כלב שבכלבים״ פאַר זיין האַרטער באַציונג צו זיי. איך אָבער האָב אין אים געפונען אַ וואַרעמען יידן, מיט אַ יידיש האַרץ. ער האָט מיך באַטראַכט און פעסטגעשטעלט ביי מיר גאָר אַן הויכן בלוט־דרוק. ער האָט מיך אוועקגעלייגט אין בעט אריין. ער אליין פלעגט זיך שוין נאָכפרעגן צי איז פאַראַן אַ בריוו פאַר מיר.

— נישטאָ! ווי ס׳וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?!

אין די נעכט בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב געטראַכט וועגן דער

אויסטערלישער אָנקלאגע אין דער פאָרם פון אַ פּיעסע „דער אמת מוז זיגן״, וואָס איך האָב אוועקגעשיקט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פּארטיי און אַ קאָפּיע אין העכסטן געריכט. עס האָט מיר ווי געטאָן הלמאי דער פאָרזיצער פון ארכאנגעלסקער קרייז־געריכט האָט אזוי אָפּגע־שפּאָט פון מיר.

— ניין, איך וועל נישט שווייגן! איך וועל אָנשרייבן דעם המשך פון דער אָנקלאגע. זאָל דאָס זיין אן אָנקלאגע נישט בלויז פון מיר אליין, נאָר פון מאסן אומשולדיק־פארמשפּטע, וואָס קומען אָפּ און צאנקען אין די לאגערן אָן פארוואָס. ס׳קען זיין, אז איך וועל זיך שאָדן ברענגען, אָבער עס ארט מיר שוין נישט. מיין גורל גייט מיר איצט וויניק אָן!

שוין פינף פאָסט־טעג זענען פאָריבער און איך בין געבליבן דער פאר־שעמטער מיט שרעקלעכע געדאנקען וועגן גורל פון מיין פרוי. איצט ארט מיר נישט גאָרנישט, וואָס ס׳זאָל מיט מיר נישט געשען!

מיט די געדאנקען בין איך צוגעטרעטן צו שרייבן דעם המשך פון מיין פּיעסע־אָנקלאגע אונטערן נאָמען: „מיין דיעלע אונטערן אויפזוכט״.

פון די הימלען האָב איך אראָפּגענידערט אויף דער ערד. די באטייליקטע זענען שוין נישט די אויסגעטרוימטע ריכטער פונם „היכל פון אמת״, נאָר לעבעדיקע ערדישע מענטשן, מיט זייערע מעלות און חסרונות, וואָס פּילן כלומרשט אויס די אויפגאבע, וואָס די ריכטער פונם „היכל פון אמת״ האָבן זיי געגעבן — זיי קוקן איבער אויפסניי מיין דיעלע, אין צוזאמענהאַנג מיט אנדערע אָנקלאגעס, וואָס מאסן פארמשפּטע האָבן געשריבן אין די מיליאָנען.

דער יונגער פּראָקוראָר, וואָס האָט געשוווירן צו זיין אָביעקטיוו ביים אויסשטודירן די מאטעריאלן, וואָס דער אויספאָרשער האָט אָנגעזאמלט, ביי דער מיטהילף פון פאָרזיצער פון קיעווער קרייז־געריכט, נישטערט אין די פארבאָרגענע מאטעריאלן, רופט ארויס דעם פּראָקוראָר פון דער טראנס־פּאָרט־אָפּטיילונג, דעם אויספאָרשער, אפילו דעם געהיימען־מיטארבעטער פונם אויספאָרשער און זוכט דעם אמת. דערביי אנטפּלעקן זיך די „אידעאי־שע״ כוונות פונם אויספאָרשער, די שפּלדיקע קריכערישע אויפטועץ און מסירות פון זיינע מיטהעלפער.

עס ווערן דערביי באלויכטן די כוונות און די מעטאָדן פון דער אויס־

פּאָרשונג. זיי ווערן געשטעמפּלט אלס נידעריקע, ציללאָזע און פאַר־ברעכערישע.

אויך די טייל פון דער אָנקלאגע־פּיעסע איז געשריבן געוואָרן אין געגראמטע פערזן.

אומגעריכט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין פרוי, וואָס איז געווען אדרעסירט קיין ראקפּאסט, אין לאגער פאר די אינוואַלידן. דער דאָקטאָר פון לאגער האָט אים אָפּגענומען און איבערגעשיקט צום דאָקטאָר פון שפּיטאָל אין קניאז־פּאָגאָסט.

דער אלטער דאָקטאָר האָט מיך אריינגערופן צו זיך אין קאבינעט אריין און איבערגעגעבן דעם פארמאכטן בריוו.

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך דעם געגארטן בריוו גענומען אין די הענט אריין. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט אים. דאָס אומגעריכטע נעמט צו דיין באוווּסטזיין און בלויז אן אויסערלעכער שטויס איז אומשטאנד דיך צו ברענגען צום גלייכגעוויכט. דער דאָקטאָר האָט עס פארשטאַנען. ער האָט ארויסגענומען דעם בריוו פון מיין האנט, אים געעפנט און שנעל אים איבערגעלייענט פאר זיך. אינמיטן האָט ער אויסגעשריען: — בראוואָ! מארקאָוויטש, איר זענט שוין באפרייט געוואָרן! איך גראטוליר אייך!

ערשט איצט האָב איך גענומען דעם בריוו אין מיינע הענט אריין און געלייענט: דעם 15־טן מאי 1955 יאר.

„טייערער מיינער! זיי נישט ברוגז אויף מיין אומגעלומפּערטן טעות. קומענדיק קיין מאָסקווע בין איך באלד געפאָרן אין העכסטן געריכט. דער סעקרעטאר האָט מיר אינפאָרמירט, אז דער פאָרזיצער פון קרייז־געריכט אין ארכאנגעלסק האָט זיך באמיט מען זאָל דיך באפרייען. דאָס העכסטע געריכט האָט דיך טאקע באפרייט דעם 25־טן אַפּריל. איך האָב באלד געשיקט דיר וועגן דעם אַ טעלעגראמע, און קומענדיק קיין קיעוו — די צווייטע. ביידע — אויפן אדרעס פון דער לאגער־אָפּטיילונג אין קניאז־פּאָגאָסט. פון דיינע בריוו קומט אָבער ארויס, אַז דו ווייסט גאָרנישט וועגן דעם. וואָס זאָל דאָס באדייטן?

צי האָב איך אַ טעות געהאַט? צי האָט מיר דער סעקרעטאַר שלעכט אינפאָרמירט?

פון טאָג אויף טאָג האָבן מיר אָפּגעוואַרט דיין קומען אַהיים און קיין בריוו נישט געשריבן. איצט פּרוּוו איך שרייבן אויפן אַדרעס פון ראַקפּאַסט — אפשר ביסטו דאָרטן.

ווי ס'זאָל נישט זיין, זיי רואיק, טייערער, און זיכער, אַז דו וועסט באַפרייט ווערן און אַלע אונדזערע עגמת נפשן וועלן זיך ענדיקן מיט פרייד. מיר וועלן, ווי ביז איצט, קלאַפּן אין אַלע טירן ביז דו וועסט באַפרייט ווערן. זיי געזונט און פאַרליר נישט די האָפענונג ווי מיר — איך און דיין זון".

ס'איז אַריין אין מיר אַ נייע נשמה. מינדעלע לעבט! דאָס איז דער עיקר!

דער אַלטער דאָקטאָר האָט אונטערגעהאַלטן מיין פרייד: — איר זענט טאַקע באַפרייט געוואָרן, מאַרקאָוויטש, נאָר זיי איילן זיך נישט צו דער־ליידיקן די פאָרמאַליטעטן. זיי גייט נישט אָן עמיצנס ליידן. איך וועל פּרוּוון זיך דערוויסן וועגן אייך אין לאַגער־אָפּטיילונג. אויב איך וועל קענען וועל איך אויך זיי אונטערריאָגן...

פון דעם טאָג אָן האָב איך באַקומען אַ גרעסערן חשק צו לעבן און צו דערלעבן. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער תפילה: „חדש ימינו כקודם" — באַניי אונדזער לעבן, ווי פריער. שטיל, שטיל האָב איך די תפילה געמורמלט פאַר זיך...

אין דמיון האָב איך זיך שוין געזען אויף דער פריי. מענטשן שפּאַצירן און איך מיט זיי צו גלייך, איך אין דער מיט, מינדעלע און מאַרקס אין ביידע זייטן, אַלע מיט ליכטנדיקע פּנימער, מיר קוקן אַלעמען אין די אויגן מיט פולן מענטשלעכן שטאָלץ.

דער דאָקטאָר האָט מיר געבראַכט ביידע טעלעגראַמעס פון דער לאַגער־אָפּטיילונג. מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, דער בלוט־דרוק איז געפאַלן. די לענגלעכע, גרויע באָרד האָב איך געלאָזט פאַרקירצן. דאָס לעבן האָט ווייטער באַקומען אַ זין.

די אָנקלאַגע־פּיעסע האָב איך איבערגעהאַקט אין דער מיט. מען דאַרף שוין נישט שיקן און ריזיקירן. דאָך האָב איך זי פאַרענדיקט מיט די לעצטע פּערזון:

דער פּאַרזיצער: איך האָב איך געבראַכט אַ וויכטיקע נייעס, פּראָקוראָר!
איר קענט די דיעלע נישט ענדיקן — אַלץ איז קלאָר!
מיר האָבן באַקומען אַ דעפּעשע פונם העכסטן געריכט,
אַז לגבי פּ ע ר ע ל ע ן האָט מען שוין דעם טעות פאַרריכט.
דער פּראָקוראָר: אַ דאַנק פאַר דער נייעס! איך מיין, אַז מיין פליכט
איז צו זוכן דעם אמת מיט זוניקער ליכט.
כדי אויפצודעקן די, וואָס פאַרפירן און בלאָפן.
זיי מוז מען שטעמפּלען און שטרענגער באַשטראָפן...

אויף נפאַר דער באַפרייאונג

דער געדאַנק, אַז מען האָט מיך שוין באַפרייט, האָט מיך זייער געפרייט. איך האָב אפילו נישט געוואָלט טראַכטן, ווי אַזוי מען האָט מיך באַפרייט: צי מען האָט מיך רעאַבילימירט, צו אויפן סמך פון דער אַקטירונג. אַזוי צי אַנדערש וועל איך פטור ווערן פון דעם פאַרשאָלטענעם לאַגער, פון דער קנאה און שנאה, וואָס רינגלט מיך אַרום. איך וועל זיין צוריק מיט מיינע אויסגעבענקטע — ווייב און זון. מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, מיטן באַקומען די גוטע בשורה. הייסט עס, אַז איך האָב נאָך האָפנונגען צו זיין געזונט.

— צי זאָל איך זיך לאָזן אָפּשערן מיין ברייטע באָרד און דיקע וואָנסן? האָב איך געטראַכט. זיי מאַכן מיך אַזוי אַלט און רופן אַרויס צו מיר רחמנות־געפילן.

— ניין! דאָס טאָר איך נישט טאָן, נאָר אַביסל אַרומשערן. אַסאַך פון די, וואָס ווייסן אַז מען האָט מיך באַפרייט, קוקן אַזוי אויך אויף מיר מיט קנאה־בליקן. מען שמייכלט צו מיר האָפערדיק, אָבער אין האַרצן טראַכטן זיי: פאַרוואָס קומט עס אים? מיט וואָס איז ער בעסער פון אונדז? אינגאַנצן האָט ער נאָר צוויי מיט אַן האַלבן יאָר אָפּגעבידעוועט אין די לאַגערן, אינדערצייט ווען מיר ליידן שוין דאָ לאַנגע יאָרן און ביז ווען?

איך אליין פיל זיך ווי שולדיק לגבי אלע אנדערע. איך הער נישט אויף צו שרייבן ביטעס און אָנקלאגעס פאר די, וואָס ווענדן זיך צו מיר.

פאר מוטשניקן, מיטן אויסזען פון קארל־מארקסן, שרייב איך שוין דאָס צווייטע מאָל. ער האָט מיר אויך געגעבן איבערצולייענען די אָנקלאגע, וואָס אַ פרוי, אַן אדוואָקאט פון קיעוו האָט געשריבן, אויף דער ווענדונג פון זיין ווייב. אין דער אָנקלאגע ווארפט זי אָפּ מיט קלוגע, פינקטלעכע חשבונות די שולד זיינע, באווייזט, אַז זי איז נישט קיין באגרינדעטע, אַז ס'איז פשוט נישט לאָגיש און אפילו אוממעגלעך צו פארקויפן פיר טאָן קראָכמאל־מעל אַ טאָג אויפן שווארצן מארק, מען זאָל אפילו האָבן הונדערט הענט, נישט נאָר צוויי. זי באווייזט, אז די צוואנציק יאָר אויס־בעסערונגס־לאַגער, וואָס איר קליענט האָט באַקומען, זענען אַ רעזולטאַט פון בייזוויליקע מסירות מצד די אמתע שולדיקע און פון טעותים פונעם קרייז־געריכט.

דאָך האָט ער שוין צו צווייטן מאָל באקומען די תשובה: „פארמשפט ריכטיק!". אין דער אָנקלאגע, וואָס איך האָבן געשריבן פאר אים, האָב איך נאָר פראָטעסטירט קעגן דעם באשלוס פון ארכאנגעלסקער געריכט, וואָס האָט אים באדאַרפט באפרייען, צוליב זיין אַקטירונג, וועגן זיין געפערלעכן געזונט־צושטאַנד, וואָס קען אים, אין די באדינגונגען פון לאגער, ברענגען צו אַ שנעלן טויט...

איך האָב ביים אָנשרייבן די שרעקלעכע ווערטער, אַ קוק געטאָן אויפן איידעלן מאַרקס־פּנים מיט די רויטע פלעקן אויף די באקן, אויף זיין מרה שחורהדיקע פאַרטרערנטע אויגן און אָפּגעווענדעט מיין בליק אין אַ זייט. צו וועט טאקע, חלילה, דער ייִד, וואָס איז אינגאנצן אומשולדיק, מיט זיין קראנקן האַרץ, אויסהאלטן די ווידעלעכע עוולה, וואָס איז לגבי אים באגאנגען געוואָרן?!

איוואן פעטראָוויטש, דער אינזשינער, ביי וועמען דער מיטארבעטער פון מ.וו.ד. האָט צוגענומען זיין ווייב קאַטיען מיט זיין טעכטערל און מיט פאַרשידענע ברודיקע שפּיצלען אים פארטריבן אויף 10 יאָר לאגער־

לעבן, האָט דאָך פאַרענדיקט זיין ערשטע, שאַרפע אָנקלאַגע קעגן דער עוולה, וואָס מען איז לגבי אים באַגאַנגען, און זי אוועקגעשיקט. מען האָט אים געמינערט די שטראָף אויף פיר יאָר. פאַרוואָס נישט אויף פינף? ווייל דאַן וואָלט מען אים באַדאַרפט באַפרייען, לוט דער אַמנעסטיע פונעם 29 מערץ 1953 יאָר. דאָס באַווייזט, אַז דעם אמת און יושר זוכט מען אויך איצט נישט, נאָך סטאַלינס טויט. מען וויל גלאַט ווייזן, אַז די צייטן פון כרושטשאָוון זענען בעסערע. די אַרבעט זיינע אויף די קורסן פאַר אויסבילדן טעכניקער האָט זיך פאַרענדיקט. די צייט פון זיין אַרבעט אויף די קורסן איז אים פאַררעכנט געוואָרן 3 טעג פאַר אַ טאָג. ער האָט באַשלאָסן בעטן מען זאָל אים שיקן אין וואַלד אַריין אויף שווערער אַרבעט, כדי צו באַקומען „זאַטשאָטן״ און באַפרייט ווערן פריער מיט אַ יאָר.

אויך וועגן דעם געוועזענעם מאַיאָר אַנאַטאָליע פינקעל, אונדזער חבר פון לוקיאַנאָווקער טורמע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער אַרבעט אַלס בריגאַדיר פון אַן האָלץ־האַקער בריגאַדע און באַקומט פאַררעכנט דריי טעג פאַר איין טאָג. ער וויל אַזוי אַרום איבערקומען זיינע זיבן יאָר, וואָס ער האָט באַקומען אָן שום שולד, אין אַ קורצער צייט און אומקערן זיך צו זיין ווייב און קינדער. קיין שום אָנקלאַגעס וויל ער נישט שרייבן.

— וואָס? זיי ווייסן נישט אַז איך בין אומשולדיק? דער וואָלף איז הונגעריק — מוז דאָס שעפעלע שווייגן... ווי ס'שרייבט קרילאָוו אין זיין משל „דער וואָלף און דאָס שעפעלע״. — אַזוי טענהט ער, אַנאַטאָלי — דער שטאָלצער יידישער מאַיאָר.

פימע, דער יונגער יידישער בחור, דער שוסטער־יונג פון וויטשעגאָדסקער לאַגער, וואָס איז פרייוויליק אוועק קעמפן מיט פאַשיזם צו 17 יאָר און אויסגעקעמפט מיט זיינס גלייכע דעם ניצחון. אליין איז ער אין באַזיגטן בערלין, שוין זייענדיק אַן אָפיציר, געשטרויכלט געוואָרן, פאַרליבנדיק זיך אין דער בלאָנדער „פאָלקס־דייטשקע״ — די שרייבערין אויף דער שרייב־מאַשינקע. זי האָט צוגעהאָלפן אים אַ יידישן בחור איינצוזעצן אויף 10 יאָר. זיינע אָנקלאַגעס אויף דעם נישט יושרדיקן אורטייל האָבן אים

יואל פערעל

שיר נישט פארגרעסערט זיין שטראָף פון 10 אויף 25 יאָר. אין זאפּאָלאָריע האָט ער פארלוירן זיינע 3 פינגער. אינגיכן האָט ער שוין אָפּגעקומען צוויי־דריטל פון זיין שטראָף און מען וועט אים באפרייען. לאריאָנאָווס עוואנגעליע, דעם אלטן טעסטאמענט, האָט ער שוין באוויזן גוט אדורכ־צושטודירן. ער איז געוואָרן אַ ייד, מיט אַ יידישן באוווסטזיין, מיט גרויס ליבע צו זיין פאָלק און צו „ישראל", וואָס איז געוואָרן זיין לעבנס־טרוים, וועגן וועלכן ער חלומט טאָג און נאכט...

שמעון דער בוכהאלטער פון מינסק, דער טאטע פון פיר קינדער, ארבעט נאָך אלץ אין וויטשעגאָדסק. ער פילט אויס די ארבעט פון אַן הויפּט־בוכהאַלטער אין אַ מלוכה אונטערנעמונג. דער נאָמינירטער פארטיי־מאַן, דער הויפּט־בוכהאַלטער באקומט פאר זיין ארבעט דעם הויכן לוין, און אים, שמעונען, וואַרפט ער אמאָל אונטער אַ ביינדל אָפּצולעקן, אפילו אַן הונדערטער אָפּצושיקן אַ היים זיין ווייב און קינדער. ווי לאָזט מען עס ארויס אזא גוטן הויפּט־בוכהאלטער פונם לאגער?

שמעון איז, ווי שטענדיק, אַ שווייגער און שווייגט. די יאָרן גייען. די קינדער זענען שוין אויסגעוואקסן, קיין עין הרע, און ער, שמעון, איז אלץ אָפּגעריסן פון זיין ווייב און קינדער.

פאר וועלכע זינד? פאַרוואָס און ביז ווען?!

ארקאדי אילאיטש דער אָדעסיט, וואָס האָט באקומען 20 יאָר, זייענדיק דער דירעקטאָר פון אַ גרויסער מלוכהשער פאבריק, פאַרן אויסבעסערן די לאגע פון די ארבעטער, וואָס האָבן נישט געקענט אויסלעבן מיט זייערע קינדער פארן קליינעם געהאלט. דערנאָך, זייענדיק אין אינוואַלידן־לאגער האָט מען אים געמשפּט פאר אָרגאניזירן אַ בונט פון די לאגערניקעס. כאָטש די שולד איז נישט דערוויזן געוואָרן, דאָך האָט ער באקומען 7 יאָר לויט דער פּאָליטישער סטאטיי 10—54 און אראָפּוואַרפנדיק אים אַן העלפט לויט דער אמנעסטיע איז אים פארבליבן 13 יאָר. איצט איז ער בריגאדיר

פון אַן אָפּטיילונג אין די פאַבריקן פאַר אינוואַלידן אין ראקפּאסט. עס ווערן אים פאררעכנט דריי טעג פאר א טאָג. אין א יאָר, אָדער צוויי אַרום וועט ער באפרייט ווערן. נאָך זיין רוישיקן פּארטייאישן און געזעלשאפטלעכן לעבן איז ער איצט רואיקער. ער איז שוין געווינט צו די צרות — „אויסבעטלען ביי זיי די פרייד״ — נישט דערלעבן וועלן זיי — אזוי האלט ער. אים קומט פולע רעאביליטאציע, אפילו אנטשולדיקן זיך פאר אים — אנדערש וויל ער נישט. און מיט רעכט...

אין יעדן באַזונדער פון זיי האָב איך זיך דערמאָנט און ווי געזעגנט זיך מיט זיי אין האַרצן. אלע, אלע זענען געטראָפן געוואָרן דורכן ביטערן גורל, אלע קינדער פון אונדזער געפייניקטן פאָלק במשך פון דורות. אין יעדן איינעם פון זיי האָב איך געזען אַ נאָכפאָלגער פון דעם געפרוווטן מיט אומגליקן, דעם אייביקן איוב.

דער טאָג פון דער באפרייאונג

אַ פרייד, אַן אינערלעכע פרייד פון אַן אָפּגעראַטעוועטן, האָט מיך ארומגענומען אין דער דערוואַרטונג פונם גליקלעכן מאָמענט, ווען איך וועל דערהערן דעם לעצטן לאגער־באפעל:

— מיט די זאכן!

איך האָב געהאָפט, אַז דער מאָמענט וועט קומען, מוז קומען.

— מיט די זאכן? וועלכע זאַכן פאַרמאָג איך דען? אפילו דעם אנצוג, אין וועלכן איך בין געווען אָנגעטאָן בעת דעם ארעסט, מיט וועלכן איך האָב פאראדירט בשעתן משפט — האָב איך שוין נישט. פון אים האָט מוטשניק אויפגעגנייט היטלען צו פארקויפן. די וואלענקעס, וואָס מיין ווייב האָט מיר געבראכט, אלע, אלע זאכן מיינע האָב איך אוועקגעגעבן מיין שכן, דעם גנב, וואָס איז געלעגן אין איין פאלאטע מיט מיר. פאר אלץ האָב איך פון אים באקומען אַן האַנט־זייגערל. דאָס וועט זיין אַ מתנה פאר מיין זון,

א מתנה פונם סאָוועטישן לאגער. איך האָב אפילו נישט געוואָלט טראכטן פונוואנען ער האָט באקומען דאָס זייגערל.

די לאגערניקעס, די ותיקים, וואָס שלעפּן זיך שוין פון לאגער צו לאגער אַ היפּש ביסל יאָרן פּרוּוון זיך גרויסן דערמיט. מיט אַ ביטערן איראָנישן שמייכל חוזקן זיי פון מיר:

— דו, מאַרקאָוויטש, ביזט נאָך אלץ פארבליבן דער רעקרוט. וואָס איז צוויי מיט האלבן יאָר אין די איצטיקע לאגערן? אַ קינדער־שפּיל — נישט מער. פּונקט ווען מען האָט דיך איינגעזעצט — איז דער „פאָטער פון אלע פעלקער" געגאנגען שלאָפן. דער לאַגער האָט גאָר אַן אנדער פּנים באקומען. פּאָליטישע זענען מיוחסים געוואָרן, מען האָט זיי אָפּגעטיילט פון די גנבים און מערדערס. פריער האָבן די פּאָליטישע געהאָרעוועט — און פּוסט און פּאסניקעס האָבן באקומען זייער פארדינסט. פּאָליטישע האָבן באקומען פּעקלעך פון דער היים און זיי — די מערדערס האָבן זיי אויפגעפרעסן.

— מיך האָט דער אויספאָרשער 11 חדשים געשלאָגן, געהאלטן אין קארצער — ביז איך האָב זיך געמוזט מודה זיין אין וואָס ער האָט געוואָלט. אונטער די נעגל האָט ער מיט שפּילקעס מיך געשטאָכן. און דיר, מארקאָ־וויטש, וואָס? ווי מיט אַ פּעדאגאָג איז ער זיך מנסתם באגאנגען מיט דיר. כאַ, כאַ, כאַ...

זיינע רייד האָבן אונטערגעהאלטן אנדערע, יעדערער האָט ווי אנטפּלעקט פאר מיר זיינע ווונדן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו יאַטערן:

— אין קאלימא האָט מען די לאגערניקעס פריי געלאָזט, א נאכט דויערט דאָרט חדשים גאַנצע. וואוהין ווּעסטו לויפן? האָט עמיצער נישט אויסגע־האלטן מער און געפּרווּט אנטלויפן. — לויף, ברודערקע, לויף. דורך די געדיכטע וועלדער וועסטו ווייט נישט אנטלויפן. די בלאָטיקע, זומפּיקע ערד וועט דיך איינשלונגען מיט די פּאָטראָכעס אינגאנצן... כי... כי... כי...

— אין דיינע צייטן, מארקאָוויטש, האָט מען געגעבן געפּרעגלטע פיש צו עסן, פריש ברויט, יאָרן פלעגן מיר באקומען בלויז פארשימלטע סוכאַרעס. אפילו אביסל זאלץ איז געווען אַ יקר־המציאות. דו האָסט געזען פאַר זיך שטענדיק הונגעריקע, זשעדנע אויגן פון מענטשן־חיות...

— איצט באפרייט מען פאר דער צייט פונם לאַגער, אפילו פּאָליטישע.

אַט וועסטו באפרייט ווערן, כאָטש דו ביסט אָפּגעקומען צוויי מיט אַן האלבן יאָר, אָנשטאָט צען יאָר. ווי אַזוי שרייבט זיך ביי דיר אין דיין לאגער־קארטל. ווען דאַרפסטו באפרייט ווערן ?

— דעם 10טן פעברואר 1963 יאָר — האָב איך שטיל געענטפערט.

— אין סטאלינס צייטן וואָלט די „טרויקע" דיר נאָך איבערגעמאכט פון 1963 אויף 1973. פּאָליטישע פלעגט מען פון לאגער כמעט נישט באפרייען. — האָט אייבער, וואָס האָט עס אָפּגעפילט אויף זיין אייגענער הויט, מיט ווייטיק זיך אָפּגערופן.

צי האָבן זיי מיט זייערע שוידערלעכע דערינערונגען געוואָלט מיר פארזיסן מיין באפרייהונג ? צי האָבן זיי געוואָלט, אַז איך, דער באפרייטער, זאָל ארויסטראָגן זייער ביטערן וויי־געשריי איבער די טויערן פונם לאַגער ? איך האָב זיך ווי געפילט שולדיק אין דעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען אָפּצוקומען מיין אומפארדינטע שטראָף אזוי „גרינג", אין אסאך בעסערע באדינגונגען פון זיי, גערודפטע און געפלאָגטע דורכן ביטערן גורל במשך פון לאנגע יאָרן. איך האָב שוין דאָן געטראכט, אַז איך מוז וועגן זיי, די „מענטשן אין קלעם" שרייבן, אַסך שרייבן. און ווען ס'וועט זיין אַ מעגלעכקייט עס פארעפנטלעכן, כדי טויזנטער און טויזנטער מענטשן פון גאָר דער וועלט זאָלן וויסן וועגן ווייטיק פון אַסך, אַסך אומגליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן אזוי ביטער און האָפנונגסלאָז איבערגעקומען אין די טורמעס און אין די לאגערן זייער לעבן, מערסטנס אַן אַ פאַרוואָס.

ווען מען האָט מיך דעם 22־טן יוני 1955 יאָר גאנצפרי ארויף געטאָן צום נאטשאלניק פונם לאַגער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די שעה פון מיין באפרייהונג איז געקומען. דאָס הארץ האָט געקוואָלן פון פרייד, נאָר דאָס פנים האָט ארויסגעוויזן גלייכגילטיקייט, אפילו אומעט.

— פארבלייבט געזונט, מיר זאָלן זיך אינגיכן טרעפן מיט אייך אויף דער פריי ! — האָב איך אויסגערופן און מיט שנעלע טריט אוועק.

דורך דער וואַרטע בין איך אַ דורך שנעל. צום ערשטן מאָל בין איך געגאנגען איינער אליין, אָן אַ וואַך אין דער לאַגער־אָפּטיילונג. דאָרט האָב איך באַקומען די באפרייהונגס־פּאַפּירן און אַן אויסגעשריבענעם באַן־בילעט. די לעצטע סטאנציע איז געווען אָנגעוויזן אויפן בילעט : וואָסילקאָוו.

— וואסילקאָוו ? פאַרוואָס נישט קיעוו ? האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

— זאָל זיין וואסילקאָוו, האָב איך זיך געפּרוווּנט טרייסטן, אבי נישט אין לאַגער. איך וועל זיך זען מיט מיין ווייב, מיטן זון — וואָס פעלט מיר מער ? !

וואסילקאָוו, וואסילקאָוו — האָבן ווי געקלאפּט די רעדער פון באַן אין געלויף און געוועקט אין מיר געפילן פון אומרו...

סוף פון פירטן בוך

אינהאלט

מענטשן אין קלעם/

אַנשטאָט א פאָרוואָרט 6

ערשטער טייל:

יעלעצק — די 501 סטראָיקע

אין איבערשיקונגס־לאַגער ביים טייך אָב 9
אין דער טונדרע 14
אין יעלעצק 17
די ערשטע ארבעט 19
יעדן ציט צו זיינעם 23
דער מערדער 27
דער יידישער דאָקטאָר, וואָס האָט "פארסמט גאָרקין" 31
דער בער פון זאפאָליאריע . . . 34
דער מאָנומענט 38
א פארדרוסלעכער טעות . . . 42
ביי שווערער ארבעט 46
א טויט־קלאפ פון אייגענע . . . 51
אין דער באגאדיעלניע 55
דער שכל קומט צו שפעט . . . 58
די „פורגא" — דער שניי־שטורם 62
מען קלייבט זיך אין וועג אריין . . 66
קיין דרום 70

צווייטער טייל:

וויטשעגאָדסק

אין וויטשעגאָדסק 79
גרישע 83
די צוויי לאַגערן 88
זשוק 92
מען האָט אים אָפּגעדאנקט . . . 97
מענטשן־קראַליקעס 101
ביים קאָכעדיקן קעסל 106
מען גרייט זיך צום ס ד ר . . . 110
דער ס ד ר 114
דער אָרקיעסטער פון פיעטשאָרע . 118
דער קאָנצערט 122
די גוטע בשורה 126
דער יידישער קאָזאק 130
צוויי וויכטיקע געשעענישן . . . 135

דריטער טייל:

אין דעם שפּיטאָל פאר פארמשפטע

אין שפּיטאָל 141
צוליב די קינדער 145
רב משה — דער אטאמאן . . . 149
ביים ציין־דאָקטאָר 154
אין אקופירטן קיעוו 157
דער מצורע 160
דער גלגול פון קארל מארקסן . . 164
קראנקע נשמות 168
דער יונגער לונגן־קראנקער . . . 172
דער אויסטערלישער קאָנצערט . . 175
פון שפּיטאָל אין לאַגער 179

פירטער טייל:

דער אמת מוז זיגן

צוריק אין לאַגער 185
איוואן קאליסטראטאָוויטש 188
אין ווייבערישן גן־עדן 195
ארויסגעטריבן פונעם לאַגער . . . 202
די אקטירונג 208
אויף דער שוועל פון דער באפרייאונג 211
יידן זענען הפקר 217
אין קניאז־פּאָגאָסט 220
דער סוף פון דער קאריערע . . . 223
דער דערנער וועג קיין ראקפּאָסט . 227
די קאָשמארן־נאכט 230
זייטיקע פרנסות 235
געזאנג פון די פייגל 239
די פּאָרווייען פון דער זעאוונג . . 242
שיר השירים 247
דאָס געשלעכט־פּראָבלעם 252
אין דערוואַרטונג 255
פאר דער באפרייאונג 259
דער טאג פון דער באפרייאונג . . 263

סוף פון פירטן בוך

פון דעם מחבר יואל פערעל:

(אויף יידיש)

דעם מאָרגנשטערן אנטקעגן

אין שיין פון מאָרגנשטערן

דער מאָרגנשטערן האָט אנטוישט

דער מאָרגנשטערן ביים צפון־פּאָלוס

גם בעברית:

השחר הכזיב

ללא שחר

"דער מאָרגנשטערן שיינט שוין ווידער" — דער פינפטער און לעצטער באנד פון דער גלות־סעריע איז שוין גרייט צום דרוק, אויך די ביכער, וואָס זענען נישט דערשינען אין עברית.

זיי וועלן דערשיינען, ווען ס'וועלן זיך שאפן מעגלעכקייטן דערצו. דאָס וועט געשען, ווען די שוין דערשינענע ביכער וועלן פארשפרייט ווערן.

באַלד נאָך דער „מלחמת ששת הימים״ איז דערשינען מײַן ערשטער בוך

„דעם מאָרגנשטערן אנטקעגן״

פון מײַן ביבליאָגראַפישן ראָמאַן, וואָס נעמט אַרום 60 יאָר פון מײַן לעבנס־וועג אין אַן אויסטערלישער עפּאָכע פון רעוואָלוציעס, מלחמות און אומקום פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק.

במשך פון די לעצטע צוויי יאָר זענען דערשינען די ווייטערדיקע ביכער:

„אין שײַן פון מאָרגנשטערן״

„דער מאָרגנשטערן האָט אנטוישט״

„דער מאָרגנשטערן בײַם צפון־פּאָלוס״

די לעצטע צוויי ביכער זענען דערשינען אויך אין עברית: „השחר הכוזב״, „ללא שחר״.

דאָס האָט נאָר געקענט געשען אין אונדזער אויסגעבענקט לאַנד — ישראל, כאָטש די אַרבעט איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג: סײַ גײַסטיקער, סײַ פיזישער און מאַטעריעלער.

דער עיקר — שאַפן דעם לייענער, פאַראינטערעסירן אים און וועקן אין אים דעם ווילן צו טיילן זיך מיטן איבערגעלייענטן מיט מיר און מיט זײַנע פרײַנט. די ערשטע לייענער זענען געווען די לוצקער און וואָלינער לאַנדסלײַט. יעדן איינעם פון זיי האָב איך פּערזענלעך דעם בוך דעדיקירט מיט אַן היימישן אַפאָריזם און צוגעזאָגט אַרויסגעבן ווײַניקסטנס פיר ביכער, דערבײַ געבעטן צושיקן פאָרויס דעם הנחה־באַטרעף 10 $ / דער פולער באַטרעף איז 18 $ / עס האָבן זיך אָפּגערופן גרעכערע קאָלעקטיוון: „די לוצקער אין סאַן פּאַולאָ — בראַזיל״, די פרוי טאַבאַקאָוו בלימע — אין נאָמען פון אַלע יידישע אײַנוווינער פון באַיאָ — בראַזיל, אירגון יוצאי לוצק און אירגון עולמי של יוצאי וואָלין אין ישראל און יחידים: פּירער נתן, שטערנפעלד מאָטל, זאַטערקאַ חייקע און זלמן. הונדערטער לייענער האָבן צוגעשיקט דעם באַטרעף פאָרויס, אייניקע אפילו האָבן זיך אליין באַשטייערט און צוגעשיקט פילפאַכיק מער פונם באַטרעף: גאַסקאָ ה., זעליגמאַן, אַרביטער, עלבירט י., האַריסון ג., רעצעפּטאָר, סאַגינור, דוניק א.א.

יעדער צוגעשיקטער בריוו, אין וועלכער שפּראַך ס׳זאָל נישט זײַן, האָט געאָטעמט מיט ברודערלעכער וואַרעמקייט, מיט אינטימער, טיף־אַדורכגעלעבטער אָפּשאַצונג און דאָס איז געווען די שטויסקראַפט אין דער שווערער, פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

דערצו די אָפּרופן פון דער פּרעסע, וואָס האָבן זיכער צוגעהאָלפן צום פאַרשפּרייטן פון די ביכער:

„ייִדישע צייטונג" — ישראל — אברהם באַראַבאַן: „אין סאַמע טיטל פון דער סעריע ביכער פון יואל פּערעל איז אַריינגעפּלאָכטן דאָס וואָרט „מאָרגנשטערן" — נישט אָן כוונה: דער מאָרגנשטערן סימבאָליזירט דאָך די האָפענונגען און די ראָזע חלומות פון מענטש .... אַ וווּנדערלעכן זכרון האָט יואל פּערעל און דאָס, וואָס ער באַשרייבט — כאָטש אין דער מערהייט באַציט עס זיך צו אים און זיינע נאָענסטע—גיט עס אָבער אַ זייער רעליעף בילד פון דער תקופה אין אַלגעמיין, דערצו אין אַ פּערפעקטער שפּראַך און אינהאַלט.

„דער טאָג" — ניו־יאָרק — שניידערמאַן ש.ל. ....„די אַרויסגעגעבענע זכרונות זאָגן עדות וועגן פּערעלס בעלעטריסטישן טאַלאַנט, ס׳ווערן אויפגעדעקט די פאַרברעכנס פון די סטאַליניסטישע רעזשימען אין סאָוויעט־רוסלאַנד און דער גהינום פון די סאָוויעטישע לאַגערן...

„לעצטע נייעס" — ישראל — שמעון קאַנץ: די זכרונות פון יואל פּערעל לייענען זיך גרינג, אינטערעסאַנט, זיי זענען געשריבן כראָנאָלאָגיש, אַסך טשעקאָווע עפּיזאָדן. די שפּראַך איז אַ פּאָלקסטימלעכע, אַ קלאָרע, אַ בילדלעכע, מיט אַלע אייגנשאַפטן פון אַן ענטוזיאַסטישן לערער, וואָס פאַרשטייט פון יעדער פּאַסירונג אַרויסצוציען דעם מוסר השכל, דאָס באַלערנדיקע. אַן אויטאָ־ביאָגראַפיש ווערק, איבערלעבענישן און פּאַסירונגען פון אייגענעם לעבן, אָבער די צייט, די זעקס צענדליק יאָרן זענען פול געוועזן מיט אַסך גרויסע היסטאָרישע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער וועלט. דערציילט דער מחבר ווי אָט די געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אומעטום ווו ער איז געוואָרן פאַרוואָגלט און פאַרשיקט. ער שילדערט אַלץ פאַרכאַפּנדיק, סיי זיינע אינערלעכע איבערלעבונגען בעת די גרויסע געשעענישן, געוויינ־לעכע און אויסערגעוויינלעכע...

„אונדזער שטימע" — פּאַריז — באַרוין פּרענקעל: ...י. פּערעל באַשרייבט די סביבה, די שטרעמונגען, דעם שטורם און דראַנג־פּעריאָד פון דער דאַמאָלס־דיקער יוגנט, אַ טייל פון איר זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם אָקטאָבער־מיראַזש און אַ טייל פון זיי פאַרבלענדט ביז זעלבסט־פאַרלייקענונג און גייסטיקער הינערפלעט...

„על המשמר" — ישראל — רעדאַקטאָר חלמיש: ....„בכפ־ות ממואריסטית, בדרך כלל, דומה במבט ראשון כי המחבר כותב על עצמו, על עירו וסביבתו הקרובה, אך האמת היא, כי האנשים הקרובים לו, הסביבה שבה חי — יש בהם קווים המקיפים את הכלל הרחב. משמע שהוא מתאר את תקופתו, את הכלל כולו. תיאורו של יואל פרל ניתן בצורה אינטימית ולא מתוך דיסטאַנץ.

„מעריב" — ישראל: „השחר הכזיב" ו„ללא שחר" — שניים שהם אחד: פרקי זכרונות של יואל פרל מבית־כלא והמחנות הסובייטיים בתקופת מלנקוב, חרושצ׳וב וברז׳נייב כשהדגש הוא, כמובן, על סבלם המיוחד של האסירים היהודיים.

דאָס זענען בלויז אַ קליינע צאָל אויסצוגן פון די רעצענזיעס. יעדע בריוו פון די לייענער איז אויך אַ רעצענזיע, ווי איינער שרייבט: „מילים היוצאים מן הלב" — ווערטער, וואָס קומען פון טיפן האַרצן. די אָפּרופן זאָמל איך און זענען מיר טייער. אויף אַסך באַווייז איך צו ענטפערן, אָבער נישט אויף אַלע.

אויך אויף די ביכער אין עברית האָב איך צוגעשריבן באַזונדערע הקדשות, צווישן אנדערע: „לחופש האדם אין מחיר", „במקום של אמונה גדולה — האכזבה איומה", „אפילו חרב מונחת על צוארך — אל תמנע עצמך מן הרחמים", „הייתי ׳שם׳, יחד עם בני עמי סבלתי. חיי בישראל — שכרי המלא", „על שלושה דברים העולם עומד: על הדין, על האמת ועל השלום".

נו, און דער ראָמאַן? ווי אַזוי דרוקט ער זיך אויס אין די ביכער?

איבער אַלע מײַנע ביכער באַגלייט מיך, ווי אין לעבן, די, מיט וועלכער איך האָב צען יאָר „געפּירט א ליבע" און אַזוי אַנדערשדיק חתונה געהאַט, וועלכע איז געווען דער „ערשטער קרבן" אין דער פּויליש־דײַטשער מלחמה און דאָך דורך שרעק און פּײַן, מיט מסירות נפש געקומען צו מיר און זון, ווי פון „יענער וועלט", אונדזער ליבע איז אויסגעפּרווט געוואָרן מיט גורלדיקע צעשיידיקונגען דורך מלחמה־זאַווערוכעס און דורך געוואַלט. ווי א לײַביכע האָט זי געקעמפט פאַר מײַן באַפרײַאונג און געלאָזט זיך צו מיר אין די געפערלעכסטע ווײַטע מקומות אין זאַפּאָליאַריע, כדי צו טרייסטן מיט איר שיר השירים־געזאַנג. ביז איר אָנזאָגן די ערשטע די בשורה, אַז איך פרײַ.

אויך איצט איז גרויס די הילף פון מײַן ליבער אין מײַן שרײַבערישער, אַרויס־געבערישער און פּאַרשפּרייטערישער אַרבעט; שוין מיט דעם אַליין, וואָס זי קלאָגט זיך נישט אויף דעם, וואָס איך פּטר צופּיל ענערגיע, צײַט און געלט אויף דעם, וואָס קען אפשר זײַן א סגולה צו „עולם הבא"...

נישט אומזיסט שרײַבט זיך אין די „שטעכעלקעס מיט רויזן":

„וועגן פּאָליטישע געשעענישן, וועגן זײַן אייגענער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט שרײַבט פּערעל מיט דעם זעלבן נאָענטן האַרץ־באַריר און טיפן ערנסט ווי וועגן דער גרויער וואָכעדיקייט און יום־טוב, ווי וועגן זײַן גרויסן ראָמאַן! וועגן זײַן שטאַרקער און לאַנג־דויערנדיקער ליבע, וואָס איז אַזוי רײַך מיט טיפע איבער־לעבונגען אין די צײַטן פון פּאָליטישע שטורעמס און געווויטערס"...

גאָר וויכטיק זענען די אָריגינעלע דאָקומענטן ווי דער אורטייל פונם סאָוויעטישן געריכט, וואָס איז בדרך א נס אריינגעפאלן אין מיינע הענט, די רעוויזיע־פּראָטאָקאָלן, אויף דער רוסישער שפראך, איך וואָלט נאָך צוגעגעבן דעם אָריגינאל פון דער דראמע־אָנקלאגע, וואָס איך האָב געשיקט פונם לאגער אין צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, וואָס איז אויסטערליש לויטן אינהאלט, שיין אין דער פאָרם: אין פערזן און גראמען. וועגן „דער אמת מוז זיגן" שרייב איך אין פירטן בוך. אָבער דעם אָריגינעלן דאָקומענט, וואָס פארנעמט עטלעכע דרוק־בויגן, וועל איך ארויסגעבן באזונגער, אין אָריגינאל, אין דער רוסישער שפּראַך.

מיינע ביכער זענען געהייליקט דעם אָנדענק: "אין שיין פון מאָרגנשטערן" — די פריצייטיק—פארשניטענע יידישע קדושים אין דער גרויזאמער פאָלקס־קאטא־סטראָפע.

"דער מאָרגנשטערן האָט אנטוישט" — פון דער היסטאָרישער דאטע, דעם 4־טן מאי 1969, דער דערעפענונג פון "היכל וואָלין".

"דער מאָרגנשטערן ביים צפון־פּאָלוס" — פון געוועזענעם פרעמיער מיניסטער פון ישראל לוי אשכול ז"ל.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך באדאנקען די קינסטלער לינקאָווסקי פנחס, אין ישראל, וואָס האָט געמאָלן מיינע פאָרטרעטן און די הילעס, אויך דערמאָנען דעם פריש־פארשטאָרבענעם מאָלער גערמאן טוליע־מאָסקווע, וואָס האָט דער ערשטער מיך באגעגנט און שקיצירט. ווען איך בין אָנגעקומען פונם לאגער קיין מאָסקווע. און דעם טרייעם יוגנט־פריינט און קלוגן עצה־געבער יוסף אבראמאָוויטש/ אבירם/, וואָס איז אזוי אומגעריכט פון אונדז אוועק דעם 3־טן יולי 1969

איך באדאנק אויך די פריינט כהן מרים, מאנדעל שמריהו און בערגער אלעק־סאנדער, וואָס העלפן מיר, אז מיינע ביכער זאָלן דערשיינען אויך אין עברית.

זאָלן זיין געבענטשט די פריינט, וואָס האָבן און וועלן העלפן אויך ווייטער צו שאפן נייע לייענער פאר מיינע ביכער!

יואל פּערעל

/ דער מחבר /